STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03657

TOYT-URTEYL

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

געזאמלטע שריפטן

נײַנצנטער באַנד

פאַרלאַג „קולטור-ליגע" וואַרשע

שלום אַש

טויט-אורטייל

פאַרלאַג „קולטור-ליגע" וואַרשע

Printed in Poland

צוליב דער איינהייטלעכקייט פון דער אויסגאַבע
געדרוקט לויט דער אַלטער אָהטאָגראַפיע

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן

Copyr: by Sholom Asch, New-York

SZOLEM ASZ — SZRIFTEN
Wyd. „KULTUR-LIGA" Warszawa 1927
Druk. „KORONA" Karmelicka Nr. 5a

1

דעם זומער האָט מיסעס סטאָון נישט פאַרבראַכט אין איהר אייגענער זומער־וואָהנונג, וואָס זי האָט געהאַט ביים ברעג ים, נאָהענט צו ניו־יאָרק, נאָר זי איז אַוועקגעפאָהרען מיט איהר טאָכטער אין קאָנעקטיקוט־סטייט, אייניגע שטונדען רייזע פון שטאָדט. צוליעב דעם האָט איהר מאַן, דער וויס־פרעזידענט פון דער „קאָמערץ־באַנק", נישט געקענט פאַרברענגען טעגליך מיט זיין פאַמיליע, ווי ער פלעגט עס טאָן יעדען זומער. נור ער האָט זיי באַזוכט בלויז אויף די ענדע פון יעדער וואָך, וואָס איז זעהר צוגעפאַסט געווען צו דעם שטילען, סעפאַרירטען לעבען, וואָס מאַן און ווייב האָבען געפיהרט די לעצטע צייט.

זייט אָבער מיסטער סטאָון איז געוואָהר געוואָרען, אַז קראָז, זיין ווייב'ס פריינד, האָט זיך געדונגען אַ וואָהנונג נאָהענט צום טייך, ביי וועלכען זיין ווייב האָט איהר זומער־היים, און זיי שיפען זיך יעדען פאַרנאַכט אויף זיין „קאַנו"־שיפעל, האָט ער אינגאַנצען אויפגעהערט אַרויסצוקומען צו זיין פאַמיליע. שוין פיער וואָכען ווי ער האָט זיי נישט באַזוכט, אויף דעם אַכטען אויגוסט אָבער האָט ער זיך געקליבען צו פאָהרען אַהין. דעם אכטען אויגוסט איז זיין טאָכטער'ס געבורטסטאָג. דעם טאָג פלעגט די פאַמיליע סטאָון פייערען יעהרליך מיט גרויס פּאָמפּע. און עס איז שוין געוואָרען אַ פאַמיליען־טראַדיציע, אַז אויף דעם אַכטען אויגוסט, צו זיין טאָכטער'ס געבורטסטאָג, זאָלען זיך צוזאַמענקומען אַלע זייערע פריינד און פיי-

ערען דעם „יום־טוב פון זונען־שיין“ (אַזוי האָבען זיי גערופען דאָס קינד). נישט אַרויסצופאָהרען אויף דעם אַכטען אויגוסט, וואָלט געהייסען: אַן עפּענטליכער ברוך מיט זיין פאַמיליע. און דאָס האָט מיסטער סטאָון, צוליעב געוויסע טעמים, געוואָלט אויסמיידען.

דער איינציגער צוג, וואָס ער האָט געקענט נעהמען אַרויסצוקומען צו דער צייט נאָך „סטעטען האָט“, נאָך דעם אָרט, וואו זיין פרוי האָט געוואָהנט, איז געווען דער נאָכמיטאָגדיגער, וואָס פאַרלאָזט „גרענד סענטראַל סטיישאָן“ פּונקט פיער אַזייגער. און כאָטש מיסטער סטאָון האָט שוין געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען צו דער רייזע און אָפּגעפּערטיגט אַלע זיינע ענינים אין דער באַנק איידער ער איז אַוועק מיטאָג עסען, דאָך איז ער נאָכ׳ן „לאָנטש“ צוריקגעקומען אין באַנק, געאַרבייט ביז צו דער לעצטער מינוט, ווען עס איז שוין צייט געווען צו געהן צו דער באַהן. צי די געשעפּטען זיינען געווען אַזעלכע וויכטיגע, וואָס מיסטער סטאָון האָט זיי נישט געקענט פאַרלאָזען, צי ער האָט עפּעס אַנדערש אין די געדאַנק׳ן געהאַט — ווער קען וויסען? טיעף־פאַרזונקען איבער זיינע פּאַפּירען אויף זיין ברייטען מאַכאָן־טיש, איז געזעסען דער וויס־פּרעזידענט פון דער „קאָמערץ־באַנק“. די פענסטער פון דעם גרויסען, אין „קווין ענן“־סטיל געהאַלטענעם צימער זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף איינער פון די רוישענדסטע און באַלעבטסטע גאַסען פון דער וועלט. דאָך איז אין שטוב אַזוי שטיל געווען, אַז מען האָט געהערט דאָס רעגעלמעסיגע, ערנסטע אָטעמען פון דעם גרויסען ענגלישען זייגער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנד. דאָס גאַנצע ביוראָ און אַלע זיינע אָפּטיילונגען האָבען געוואוסט, אַז היינט איז דער אַכטער אויגוסט, דער געבורטסטאָג פון שעפ׳ס טאָכטער, און דער שעף באַדאַרף פאַרלאָזען זיין ביוראָ, צו נעהמען דעם פיער־נאָכמיטאָג־צוג נאָך „סטעטען האָט“. דער זייגער האָט שוין אויסגעקלונגען דריי־פערטעל־פיער, און אַלע האָבען איינגעזעהן, אַז דער שעף פאַרשפּעטיגט דעם צוג. דאָך האָט קיינער נישט געוואַגט צוצוגעהן דערמאָהנען איהם. אַפילו די נאָהענטסטע מיטאַרבייטער זיינע, זיינע צוויי אַסיסטענטען, וועלכע זיינען געווען די איינציגע מיט איהם אין דעם גרויסען צימער, האָבען דאָס אויך נישט געוואַגט.

דער איינציגער, וועלכער האָט עס יאָ געטון, איז געווען דער אַלטער באַנק-דינער. ער איז צוגעגאַנגען זאַכט, זיינע טריט זיינען איינגעזונקען געוואָרען אין דעם ווייכען פערסישען דיוואַן, און אויסדרעסירט ווי אַ הונד פון אַ גוטער ראַסע, האָט ער געזאָגט אין דער שטיל צו זיין באַלעבאָס:

— מיסטער סטאָון, דזשאָהן מיינט, אַז עס איז די העכסטע צייט.

— דזשאָהן האָט רעכט! — האָט זיך מיסטער סטאָון אויפגעכאַפּט פון זיין שטוהל און פלינק צוגעקלאַפּט די אויבערקלאַפּע איבער זיין טיש. דער דינער האָט איהם דערלאַנגט דעם ראָק און דעם הוט, און ער איז אַרויס פאַר דער טיר, וואו דער נעגער האָט שוין געוואַרט אויף איהם אונגעדולדיג אין זיין בעקוועמען אָטאָמאָביל.

— מיט פולער פאַרע. עס איז דער אַכטער אויגוסט, איך טאָר נישט פאַרשפּעטיגען.

— רעכט, באָס — האָט דער נעגער אַרויסגעשטאַרטשעט זיינע ווייסע ציין.

— און ווי מיינסטו, אַ ביסעל שאָקאָלאַד וועל איך נאָך קענען מיטנעהמען פאַר מיין פאַמיליע? די שפּילוואַרג זיינען שוין פאָראויסגעגאַנגען.

— מיר'ן פּרובירען. אַ שלעכטער געדראַנג אויף די גאַסען.

— מיר האָבען נאָך צוועלף מינוט און אַכטצעהן סעקונדען.

— רעכט. — און דער נעגער האָט געלאָזט אין גאַנג די שווערע רייכע מאַשין.

ביי דער דריי און צוואַנציגסטער סטריט האָט מיסטער סטאָון געהייסען אָפּשטעלען דעם אָטאָמאָביל פאַר אַ שאָקאָלאַדען-געוועלב.

— שעף, איך מיין — האָט דער נעגער געוואַגט עפּעס צו זאָגען

מיסטער סטאָון האָט איהם אָנגעקוקט, און דער נעגער איז שטיל געבליבען.

מיסטער סטאָון איז אַריין אין געוועלב און פאַרזאַמט זיך אַ

הײלע, דורך דער צייט האָט דער נעגער געקראָגען קאַלטע אַנגסטען אַרויסגעשלאָגען אויף זיין גלאַנציגען שטערען.

ביז דער פערציגסטער סטריט איז ער ווייטער געפאָהרען אָהן שטערונגען. די פּאָליסמ נער האָבען דורכגעלאָזען די אין-משוגעת-יאָגענדע מאַשין. נאָר ביי דער פערציגסטער סטריט, שוין גאָר נאָהענט פון דער סטאַציע, האָט זיך אומגעריכט אַריינגעשניטען זיי אין וועג אַ פראַכט-אָטאָמאָביל אין דער ברייט, און פאַרשטעלט זיי דעם דורכפאָהר.

— פאַרשאָלטען ! — האָט דער נעגער געקריצט מיט די ציין; צוריקגעקערעוועט דעם אָטאָמאָביל, אַרויס פון דער פערציגסטער סטריט און געלאָזט זיך צום „סענטראַל״ דורך דער איין און פער-ציגסטער סטריט. דאָס האָט איהם געקאָסט אַן איבעריגע מינוט צייט. און די מינוט האָט אויסגעפעהלט. ווען מר. סטאָון איז צו-געלאָפען צו די טרעפּ, וואָס פיהרען אַראָפּ צו דער באַהן, האָט ער שוין געפונען דאָס אייזערנע טירעל פאַרשלאָסען און דער היטער האָט איהם צוריקגעהאַלטען.

— איך באַדויער, צו-שפּעט. דער צוג האָט געריהרט פון דער סטאַציע.

דער נעקסטער צוג נאָך „סטעטען-האָט״ איז אָפּגעגאַנגען זיבען מיט פופציג מינוט אין אָבענד.

— פאַרשאָלטען ! — האָט מיסטער סטאָון געקריצט מיט די ציין צום שאָפער — אַז איך וואָלט געפאָהרען מיט דער אונטער-ערדישער באַהן, וואָלט איך עס געמאַכט.

— נישט מיין שולד. דער פאַרשאָלטענער וואָגען.

מיסטער סטאָון האָט אָפּגעשיקט זיין מאַשין צוריק אין גאַראַזש. אַליין איז ער אַוועק נאָכ׳ן טרעגער, וואָס האָט געטראָגען זיין רייזע-טאַש, אין אַ נאָהענטען האָטעל, וואָס איז געווען געגענאיבער דער סטאַציע, אָנקלינגען קיין „סטעטען-האָט״, אָנזאָגען, אַז מען זאָל איהם צושיקען צו דער סטאַציע דער פרוי׳ס אָטאָמאָביל, אָפּ-צונעהמען איהם, ווען ער וועט אָנקומען שפּעט אין דער נאַכט.

וואַרטענדיג אין דעם באַקומען, ווייכען שטול ביים טעלע-פאָן אין דער האַלע פון האָטעל, האָט ער געטראַכט וועגען דעם,

צי דאָס, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיגט די באַהן, איז נישט געווען מיט אַ כּוונה פון זיין זייט: „איך האָב דאָך געקענט אַרויספאָהרען מיט אַ פערטעל שעה פריהער — פאַר וואָס האָב איך געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט?” — און דאַן איז ווידער געקומען דער געדאַנק צו איהם, וואָס האָט איהם געפּייניגט פאַר די לעצטע פאָר טעג: אויב ער זאָל אין גאַנצען אַרויספאָהרען קיין „סטעטען־האָט”. „איך ווייס דאָך, אַז ער איז דאָרט, אַז עס איז געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך צווישען זיי ביידען”. „סטעטען־האָט”, ווייט פון דער שטאָט—זיי שיפען זיך יעצט אין זיין „קאַנו”־שיפעל איבער’ן טייך. און מאָרגען וועט זי עס אויך טאָן אין זיין געגענוואַרט. „איך קען דאָך סילוויע’ן. איך ווייס דאָך, אַז זי וועט זיך פאַר גאָרנישט אָפּשטעלען — נישט פאַר מיר און נישט פאַר פרעמדע מענשען. צו וואָס טראָגען דעם סקאַנדאַל אין גאַס אַרויס?”

ער האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם וואָרט. אַלעס יאָ, נור נישט דאָס. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס, וואָס ער פאַרטראָגט דאָס אַלעס און פאַרשווייגט, איז עס דערפאַר, ווייל ער וויל אויסמיידען אַ סקאַנדאַל. די פּרעסע, די עפענטליכקייט, דער גט־פּראָצעס, דאָס נעהמען די שולד אויף זיך, וואָס איהם וועט אויסקומען צו טאָן, אַז עס וועט קומען דערצו — ניין, נאָך נישט יעצט. מען באַדאַרף אָפּוואַרטען ביז דער גרויסער פּלאַן וועט זיך איינגעבען. און דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם גרויסען פּראָיעקט, וואָס איז געווען די אַמביציע פון זיין לעבען: די פאַראייניגונג פון דער „קאָמערץ־באַנק” מיט דער „נאַציאָנאַל־באַנק” מיט ב. א. סטאָון אַלס פּרעזידענט, און די פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, וואָס זענען געווען צוזאַמענגעבונדען מיט דעם פּראָיעקט, צו איבער־אָרגאַניזירען די ס. ב. אַ., אַריינקריגען אין די הענד די באַהן־ליניע, וואָס פיהרט צו ס. ב. א. „ניין, נאָך צו פריה, מיין פויגעל. לאָז מיך נור דאָס אַלעס האָבען טיעף אין מיין האַנד, וועל איך דאַמאָלסט רעדען מיט דיר. ניין, גלייכער נישט צו פאָהרען. צו וואָס קריכען דעם טייוועל אין די אויגען אַריין? און ווער קען זאָגען, אַז איך וועל זיך קענען האַלטען אין די הענד, ווען עס זיך עפּעס וואַרפען אין די אויגען, ווען זיי וועלען זיך נישט היטען? סילוויע איז דאָך

פאַר׳שכור׳ט, און זי וועט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלען, און קראַז וויל פּראָוואָצירען אַ סקאַנדאַל, אַז נישט וואָלט ער דאָך עס נישט געמאַכט אַזוי עפענטליך. ניין, מיין אינסטינקט האָט רעכט — נישט פאָהרען. מיין אינסטינקט האָט מיך קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט. דערפאַר בין איך געזעסען ביים שרייב-טיש און אָפּגעגעבען זיך מיט דעם נאַרישען פּראָיעקט וועגען פינאַנסירען די באַהן-ליניע פון סילווערטאון, כאָטש דער פּראָיעקט איז נישט ווערט קיין צוויי סענט. ניין, דאָס בין איך געזעסען ביים שרייב-טיש און געזעהן ווי די ווייזערס רוקען זיך איבער׳ן ציפערבלאַט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט פאָהרען, און נור פאַר די אָנגעשטעלטע האָב איך אַרויסגעוויזען, אַז איך אייל זיך אַזוי אין וועג אַריין.״

אָבער גערטרוד ?

צום ערשטען מאָל איז איהם זיין טאָכטער געקומען אויפ׳ן זינען. ער האָט דערזעהן זיין צוועלף-יעהריג איינציג קינד, מיט די געקרייזעלטע בלאָנדע לאָקען, וועלכע פאַלען אַראָפּ איבער איהר ברינעם האַלז, ווי זי שטעהט די גאַנצע צייט אויף דער שוועל פון דער וועראַנדע און קוקט אַרויס אויפ׳ן וועג, אויב „דעדי״ קומט אָן. ער האָט באַשיינפּערליך געזעהן דאָס ליעבע קינדישע געזיכט, וואָס איז איהם געווען אַזוי אייגען, אַרויסשיינען פון צווישען איהרע לאָקען, אַז ער האָט געוואָלט אויפהויבען די האַנד און איהר אַ גלעט טאָן איבער׳ן קאָפּ.

„און איך האָב דאָך איהר צוגעזאָגט אויך דאָס לעצטע מאָל, ווען איך בין דאָרט געווען, אַז אויף איהר געבורטס-טאָג קום איך געוויס אַרויס און ברענג מיט דעם גרויסען בער, וואָס פאָהרט אין אַן אָטאָמאָביל. דעם בער מוז זי שוין דאָרט געוויס האָבען. איך קען מיר פאָרשטעלען די איבערראַשונג. זי זיצט אַוודאי אויף איהם און וואַרט אויף מיר. ניין, מען באַדאַרף יאָ פאָהרען, צוליעב דעם קינד׳ס וועגען. זי איז אַ זיס קליין מיידעל.״

„און דאָס אַליין, וואָס איך וועל נישט קומען, וועט דאָך זיין דער אָנהויב פון סקאַנדאַל: „סטאַן איז נישט געווען אין דער היים דעם אַכטען אויגוסט — וועט מען זיך סוד׳ען צווישען באַקאַנטע. „ווייסטו פאַר וואָס ? ווייל קראַז איז דאָרט געווען״...

ער איז בלייך געוואָרען ביי דעם נאָמען און אונוויסענדיג האָט ער זיין פויסט געבייללט... ניין, זיין דערביי, צוזעהן דאָס אַלעס, און נישט קענען אָננעהמען אָט דעם שט....ביים האַלז און געבען איהם אַ „פּאָנטש" צווישען די אויגען און מיט'ן פוס ארויס־שטויסען דורך דער טהיר — — און אפשר נאָך געבען איהם די האַנד און שמייכלען צוזאַמען און זיצען צוזאַמען אין אָבענד ביים קאַמין אין דעם „זיץ־צימער" און רויכערען צוזאַמען אַ „פּייפ".... ניין, דאָס איז צופיעל פאַר מיר.

„אָבער נישט פאָהרען, איז אויך נישט גוט" — האָט זיין סוחרישער געדאַנק באַהערשט זיין טעמפּעראַמענט — „די בעסטע זאַך איז אָפּוואַרטען, הערען וואָס סילוויע וועט זאָגען, ווי זי וועט זיך האַלטען דורכ'ן טעלעפאָן. איך וועל איהר קודם כל זאָגען, אַז איך קום נישט. דאַן וועל איך הערען וואָס זי וועט ענטפערען. לויט איהר האַלטונג וועל איך באַשטימען וואָס צו טאָן".

געקומען צו אַ באַשלוס, איז ער רוהיג געוואָרען. אַזוי איז געווען לויט זיין סוחרישען גייסט און געוואוינהייט. אַ באַשלוס האָט אַלע קשיות פאַרענטפערט. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און אָנגעהויבען זיך אַרומקוקען. זיידען־באַזאָקטע, געטאָקטע פיס האָבען זיך געדרעהט פאַר זיינע אויגען אויף די ווייכע פערסישע דיוואַנען. דער אָנגענעהמער רויש פון זיידענס, צוזאַמען מיט'ן געשמאַקען ריח פון פאַרשידענע פּערפומען זיינען אריינגעדרונגען אין זיין געהירן אריין. אַ וויַיטער דזשאַז־באַנד האָט זיך געהערט פון אַן אָפּגעלעגענעם זאַל. „דאַרט טאַנצט מען" — האָט ער זיך געטראַכט, און ער האָט זיך געוואונדערט וואָס ער האָט ביז איצט די מוזיק נישט געהערט; נישט געזעהן די באַזיידענע געטאָקטע פיס און נישט געשפּירט די פאַרפומען פון די דורכגעהענדיגע פרויען.

באַלד האָט ער דערהערט זיין נאָמען אויסרופען. ער האָט אַ וואונק געטאָן צום האָטעל־אינגעל און דער אינגעל האָט איהם צוגעפיהרט צום טעלעפאָן־אַפּאַראַט, וואו אויף דער צווייטער זייט טעלעפאָן־שנור האָט געוואַרט אויף איהם זיין פרוי.

„העלאָ, סילוויע, דאָס איז מאַקס, זיי מוחל, איך האָב דיך

בעאונרוהיגט, — פארשפעטיגט די באהן. געהאט פיעל צו טהאָן אין באנק ביז צו דער לעצטער מינוט. אלץ דער פראָיעקט פון דער סילווערטאון. כ'ווייס גארנישט, אויב כ'וועל קענען ארויסקומען. זיי ערוואַרטען אן אנטוואָרט ביז מאָרגען. און די זאך איז זעהר ערנסט און איילענד.

— אך, ווי א שאַד, גערטרוד וועט זיין זעהר ענטטוישט — האָט ער דערהערט דער ווייב'ס גלייכגילטיגע שטימע.

— נור גערטרוד אליין? — האָט מיסטער סטאָון געפרעגט.

— און מערי אויך. זי האָט זיך זעהר געמיהט ביים „געבורטס־קוכן” — האָט ער דערהערט דער ווייב'ס לאכענדיגע שטימע.

— און דאָס איז אלעס?

— אָה, מאַקס, דו ווערסט סענטימענטאל — עס איז נישט דיין געוואוינהייט — ביזטו קראַנק? אָדער דו האָסט עפּעס אויפ'ן געוויסען?

— נישט איינס פון דיביידע. עס איז נאָר די עלטער, — האָט סטאָון געענטפערט און געוואוסט, אז ער זאָגט א נארישקייט.

— נישט גוט, מיה דיך זיך צו האלטען יונג, מאַקס. אזוי ווי איך טהו. אָבער וואַרט, מאַקס, גערטרוד וויל רעדען מיט דיר, זי שטעהט ביים טעלעפאָן.

אין א ווייל ארום האָט ער דערהערט א שוואכע קינדערשע שטימע דורכ'ן טעלעפאָן, וואָס האָט גערעדט צו איהם אונפערשטענדליכע ווערטער, אונבעהאָלפען, און ווי עס האָט זיך איהם געדאכט, בעטענדיג זיך ביי איהם מיט טרערען.

— דעדי — קום — וואַרטען — מאמא, מערי... געבורטס־טאָג־קוכן, קום... ער האָט געהערט נאָר איינצעלנע אָבגעריסענע ווערטער.

א רחמנות האָט איהם ארומגענומען איבער זיין קינד. ער האָט אין דער שוואכער, הילפלאָזער שטימע דערהערט די גאנצע צוגעבונדענקייט פון קינד צו איהם. זיין אייגענס. און איהם האָט זיך געדאכט, אז ער הערט טרערען אין קינד'ס שטימע. דאָס רחמנות

האָט איהם ווייכער געמאַכט, און אויף אַ מינוט געמאַכט איהם פאַר-
געסען אָן זיין שטאָלץ.

— אָ, האָניק מיינער, מיין האַרץ, גיב דער מאַמען דעם טעלעפאָן, איך וויל זיך דורכרעדען מ׳ט דער מאַמען.

„וואָס געהען זיי מיך אָן?" האָט ער זיך אין דער מינוט געטראַכט, „איך קום צום קינד".

ער איז אין דער מינוט גרייט געווען אַלעס צו פערגעסען און אַרויסקומען.

נאָר פּלוצים האָט איהם איהר קול בעגאָסען מיט קאַלט וואַסער.

— יעס! — האָט ער דערהערט זיין ווייב׳ס קאַלטע שטימע.

אין דעם וואָרט „יעס" האָט ער דערזעהן איהר גאַנצע אונגעדולדיגקייט. זי האָט מורא, אַז ער זאָל נישט אַרויסקומען און שטערען איהר אין איהרע נאַכטליכע „ראַנדעוואוס" מיט קראַז׳ן אין שיפעל איבער׳ן טייך. ער האָט דערפיהלט דעם טיעפען אָבּ-גרונד, וואָס איז אויסגעגראָבען צווישען איהם מיט זיין ווייב. און מיט אַמאָל האָט זיך דערוועקט אין איהם דער שטאָלץ, וואָס האָט אַלע אַנדערע געפיהלען בעהערשט.

— איך בעדויער, איך קען דאָס יאָהר נישט קומען אויף דעם אַכטען אויגוסט.

— איך בעדויער אויך, — האָט דאָס ווייב אָבגעענטפערט קורץ.

— זאָג גערטרוד, אַז איך שיק איהר אַרויס מעהר שפּיעל-וואַרג, און שטערט אייך נישט צוליעב מיר. אַ ריכטיגען, פרעהליכען בעבורטסטאָג. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, מאַקס.

און ער האָט אויפגעהאָנגען דעם רעהר פון טעלעפאָן

אַז ער איז אַרויס פון טעלעפאָן-ביידעל, האָט ער זיך גע-פיהלט ווי ער וואָלט געשטאַנען אַ נאַקעטער איינער אַליין אין מיטען דער גאַס.

— וואָס ווייטער? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

2

אהיים געהן צו זיך אין זיין וואָהנונג, האָט זיך איהם נישט געגלוסט. ער האָט נישט געקענט זיין איצט מיט זיך אליין, און ער האָט טאַקע נישט געוואָלט, אַז די דינערשאַפט זאָל וויסען, אַז ער איז נישט אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן אַכטען אויגוסט צו דער פאַמיליע. ער איז צוגעגאַנגען צום האָטעל „קלאָון" און געהייסען זיין רייזע-טאַש ארויפשיקען אין אַ נומער אַריין. דער האָטעל אָנגעשטעלטער האָט איהם דערלאַנגט דאָס מעלדונגס-בוך, איינצושרייבען זיין נאָמען.

אַז מר. סטאָון האָט גענומען די פעדער אין האַנד אַריין צו פאַרשרייבען זיין נאָמען, האָט ער אַ סעקונדע זיך אָפגעשטעלט, עפּעס פון פאָרזיכטיגקייטס-וועגען, ווי עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, האָט ער פאַרשריבען אַ פרעמדען נאָמען, וואָס איהם איז געקומען אין זינען אַריין:

ראָבערט פּאָרס.

דער האָטעל-אָנגעשטעלטער, וועלכער האָט איהם געקענט, האָט געשמייכעלט ביים דורכלעזען דעם נאָמען און זיך אָנגערופען:

— יעס, מיסטער פּאָרס, נומער 340 — שלאָפצימער מיט וואָהנונגסצימער. ווילט איהר אַרויפגעהן צו זיך אין נומער?

— ניין.

— איך דאַנק אייך, מיסטער פּאָרס — האָט דער אָנגעשטעלטער נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכען דעם אויסגעטראַכטען נאָמען, ווי עס האָט זיך מר. סטאָון'ען אויסגעוויזען, מיט אַ שמייכעל.

מר. סטאָון האָט נישט געאַכטעט דערויף. ער האָט דערהערט דאָס שפּילען פון דער דזשאַדז-מוזיק, און נישט האָבענדיג עפּעס בעסערעס צו טאָן, איז ער אַריין אין טאַנץ-זאַל פון „פּייף אָקלאָק".

עס איז געווען הייכער זומער-סעזאָן. אין ניו-יאָרק איז קיינער נישט געווען. אין די האָטעלען — בלויז פרעמדע, וואָס זענען געקומען פון די ווייטע פּראָווינצען פון אמעריקא אַמוזירען זיך אויף „בראָדוויי". דער גרויסער טאַנץ-זאַל איז פול געווען מיט דעם סאָרט געסט. פּיעלע רייזענדע, פּראָווינציאָנעלע טוריסטען, קליינשטעדטעלדיגע „דענדיס", וועלכע זענען געקומען „שטורמען" בראָדוויי, און אַ געוויסער סאָרט פרויען און מיידלעך, וועלכע דרעהען זיך אַרום אַזעלכע געגנט. צווישען די געמישטע געסט האָט זיך פערבלאָנדזשעט אַ קליינשטעטעלדיגער אדוואָקאַט אָדער אַן אויפגע-קומענער „אָלרייטניק" פון אקלאַהאָמאַ-סטייט, וואָס האָט געבראַכט צופיהרען זיין פעט, שווער ווייב מיט אויסגעשטאַנענע טעכטער קיין ניו-יאָרק. צווישען דעם עולם איז געווען פיעל יוגענד, און פּיעלע פּיעלע מיידלעך, נאַקעטע הענד, נאַקעטע האַלז-און-נאַקענס, מיט צירונג באַהאַנגענע אויערען. אַם מייסטען האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען די לאַנגע, געטאָקטע זיידען-באַזאָקטע פיס, וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען פון די קורצע און ענגע קליידער פון איבער די קניה.

מיסטער סטאָון האָט זיך פערקליבען אין אַ ווינקעל, גע-זעצט זיך אין אַ טיפען, מיט איירישע לייווענט באַקליידטען פאָטער-שטיל, און אַריינשטעקענדיג דעם קעלנער צוויי דאָלאַר אין האַנד אַריין, זאָגט ער:

— פריינד, איך שטאַרב פאַר אַ טרונק „שוואַרץ און ווייס" מיט אַ ביסעל סאָדע.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט איהם דער קעלנער דערלאַנגט וואָס ער האָט געוואָלט, אין אַ קאַפּע-טעצעל. אַז סטאָון האָט עס אויסגעטרונקען, האָט ער זיך געפיהלט פרישער און אויפגע-מונטערט.

די מוזיק האָט געשפּיעלט און די פּאָרלעך האָבען געטאַנצט. מר. סטאָון האָט זיך צוגעקוקט צו די באַוועגונגען פון די יונגע

מיידלעך, וועלכע האָבען זיך עלאַסטיש נאָכגעגעבען אונטער די אַקראָבאַטישע באַוועגונגען פון זייערע פיהרער. און ווען ביי זייערע פיהרער (מעהרסטענס אויסגעבלייכטע, קרענקליכע יונגע לייט) קומען אַרויס די באַוועגונגען בלאַזירט, אָן חשק, געקינצעלטע אַקראָבאַטיק, קומט עס ביי די פרישע, אויפגעברויזטע מיידלעך אַרויס מיט ערנסטער און איבערגעבענער תאוה, מיט ווילען און חשק. מר. סטאָון זאָגט זיך אָפּ פון געדאַנק, וואָס ער האָט פאַר אַ מינוט געהאַט, אויסצוטרינקען דעם „וויסקי-סאָדע“ און אַרויפגעהן צו זיך אין די צימערען: ער וויל נישט איצט זיין אַליין. דאָ איז איהם גוט. קיינער קען איהם נישט, קיינער וועט איהם נישט דער-קענען — לויטער פרעמדע.

ער הייסט זיך דערלאַנגען נאָך אַ „וויסקי-סאָדע“, און קוקט זיך צו מיט מעהר חשק צו די טענץ. ווי אַן אַלטער פיינשמעקער באַטראַכט ער די מיידלעך. טהוט זיי אויס יעדע באַזונדער ביי זיך אין געדאַנק און פרואווט זיך זיי פאָרשטעלען אין געוויסע פאָזעס... עס איז אַ גוטער צייט-פאַרטרייב און פאַריאָגט אַלע טרויעריגע געדאַנקען...

לאַנגזאַם רויכערט ער זיין פאַפּיראָס און הילט זיך איין אין רויך, און פון צווישען דינעם ווייסען רויך קוקט ער אויפ'ן זאַל, וואָס שטעהט אין אַ זומער-שפּרענקעלדיגען גאָלדענעם פאַנטאַס-טישען שטויב, וואָס פינקעלט זיך אַרויס פון די הויכע ווייך-געלבע פאָרהאַנג-באַהאַנגענע פענסטער. דאָס ליכט שפּיגעלט זיך אָפּ אין די קריסטאָלענע הענגלייכטער און אין די מאַרמאָר-גלאַנציגע ווענד און פאַרוועבט זיך אין אַ לייכטענדיגען וואָלקען-שטויב. און אין דעם וואָלקען פלאַטערען אַהין און צוריק נאַקעטע הענד, קאָקעטע היפּטען-ליניען, באַ'חנ'טע פרויען-פיגורען, רויט-אָנגעשמירטע ליפּען, אונטערגעפאַרבטע אויגען און אַם מעהרסטען הויכע, געטאָקטע פיס...

פיגורען קומען און געהען. פערפומען געהען אויף און ווערען אויסגעלאָשען און סטאָון זיצט אינ'ם רויך-וואָלקען פון זיין סיגאַרעט, איין פוס פאַרלגט אויפ'ן אַנדערען, קלערט וועגען „סטעטען האָט“, וועגען זיין פרוי. ער דערמאָנט זיך זיין פרוי'ס פיגור, די שטאַרקע, ווייסע ברוסט, די גאָלד-בלאָנדע האָר, וואָס

וואַקסען אויף איהר שטאַרקען נאַקען. איצט מוז זי זיין אָפּגע־ברענט פון דער זון — זי האָט זיך שטענדיג ליעב אָפּצופּלאַקערען אויף דער זון, צו בריהען זיך אין הייסען זאַמד. איהר גאַנצער לייב ווערט הייס פון דער זון, איהר קערפּער באַהאַלט אין זיך די וואַרימקייט פון די זונען־שטראַלען ביז אין טיפען ווינטער אַריין. ער דערמאָנט זיך אָן די אַמאָליגע צייטען... אין די פאַרנאַכ־טען קיהלט זי זיך אָפּ אין טייך. ער זעהט זי, ווי זי ליגט אָן אויסגעצויגענע אין קראָז'ס שיפעל. קראָז זיצט אין אַ ווינקעל און באַטראַכט זי... זיי זענען צוגעפאָהרען צו די וואַסער־ליליען ביים ברעג טייך, פאַרשטעלט זיך אין די קשאַקעס. קראָז באַטראַכט זי, באַקוקט זי, און זי לאָזט זיך באַטראַכטען. זי האָט עס ליעב, זי ענטפּלעקט זיך פאַר איהם, זי טהוט עס באַוואוּסטזיניג, כּדי איהם צו רייצען. וואָס האָט זי פון איהם? ער איז דאָך אַ שוואַכער, אַ דאַרער, מיט פאַרגלייזטע אויגען, נאָר שטאַרקע פרויען האָבען ליעב, אַז פאַר'חלש'טע מענער זאָלען קוקען אויף זיי. ער איז בלייך געוואָרען ביים געדאַנק, פאַרמאַכט די אויגען. ער וויל פאַריאָגען דעם פיינליכען געדאַנק. נאָר דער געדאַנק פיינינגט איהם און טהוט איהם הנאה. ער האָט ליעב צו טראַכטען דעם געדאַנק. און ער האָט פאַרמאַכט די אויגען און ער האָט געפּרוּאווט זיך איינלעבען אין דעם בילד, וואָס ער האָט זיך אַליין געמאָהלען פאַר זיינע אויגען...

עס איז איהם הייס געוואָרען פון די „ווהיסקי" און פון די געדאַנקען, וואָס ער האָט געטראַכט. זיין לייב איז באַקלעפּט גע־וואָרען מיט הייסע אַנגסטען. נור געפיהלט האָט ער זיך מונטער, אויפגערודערט, פול מיט ענערגיע און איז גרייט געווען אויף טהאַטען...

אין דעם האָט ער דערפיהלט אַ שטאַרקען געשמאַק פון גוט בעקאַנטען פּערפום, וואָס האָט איהם געגעבען אַ שלאָג אויף אין פּנים אַריין און פאַרכאַפּט זיין אָטעם. ער האָט אויפגעעפענט זיינע אויגען. אַ שטאַרקע, הויכע פרוי איז פאַרבייגעגאַנגען הארט לעבען איהם און איבערגעלאָזט דעם פּערפום־געשמאַק הינטער זיך.

עס איז נישט געווען זיין ווייב'ס פּערפום. זיין ווייב'ס פּער־

פום איז געווען דער פראנצויזישער „קעלקע־פלער״, וואָס יעדע באַלעבאַטישע פרוי באַנוצט. דאָס אָבער איז געווען אַ זיסער און ראַפינירטער פערפום. געשמעקט עפּעס מיט האָניג און מיט איינ־געריבענעם בורשטין, ווי אָנגעברענט אַ ביסעל. ער האָט דעם געש־מאַק גאַנץ גוט געקענט, זיך אָבער ניט געקענט דערמאָנען דורך וועמען און ביי וועמען.

„וועמענס פערפום איז דאָס?״ ער האָט געפּרואווט זיך דער־מאָנען פאַרשידענע פרויען־קערפּערס, וועלכע ער האָט געקענט, מיט וועלכע ער איז געווען אינטים, נור קיינער פון די קערפּערס האָט נישט אַרויסגערופען די אילוזיע פון האָניג. און דאָך האָט ער דעם געשמאַק אַזוי גוט געקענט און דוקא אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ פרויען־קערפּער.

די מוזיק האָט איצט געשפּילט אַ פּאָפּולערען „פאָקס טראָט״, וואָס איז געווען אויף אַלעמענס ליפּען דעמאָלסט פון איין עק אַמעריקא צום אַנדערען. דער „פאָקס טראָט״ האָט איהם דערמאָנט אָן „בלויען פויגעל״, זיין לעצטע געליבטע, מיט וועלכער ער פלעגט אָפט טאַנצען אין די געהיימע „ראַנדעוואוען״, ביי איהר אין וואָה־נונג, אין באַגלייטונג פון אַ גראַמאָפאָן. ער האָט געקלערט וועגען דעם, אפשר איז עס ניט געווען ריכטיג וואָס ער האָט אַזוי לייכט־זיניג אויפגעגעבען דעם „בלויען פויגעל״. פּאַר אַ מענטשען אין זיינע יאָהרען, ביי דער שטעלונג, וואָס ער פאַרנעהמט אין דער געזעלשאַפט, ביי דער פולער באַשעפטיגונג, וואָס ער האָט — איז ניט אַזוי לייכט צו שליסען נייע באַקאַנטשאַפטען, צו פאַר־טרויען זיך אַ נייעם מענשען און איינצושאַפען זיך אַ נייע מעט־רעסע. ער איז שוין געקומען אין דער עלטער, וואָס נישט יעדע פרוי איז איהם געפעלען. ער האָט געמוזט ווערען צוגעוואוינט צו אַ פרוי, און ער האָט שוין מעהר נישט געקענט שפּיעלען דעם „קאַוואַליער״. און טאַקע צוליב דעם האָט ער דאָך איבערגעריסען די באַציהונגען מיט׳ן „בלויען פויגעל״.

דער „בלויער פויגעל״ איז געווען אַ יונגע, בלאָנדע מיידעל, אַ כאָריסטקע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין אַ געזעלשאַפט פון פריינד. זי איז דעמאָלט געווען נאָך אַ נאַאיווע פּראָווינציעלע מיי־

דעל, נישט לאַנג אין שטאָדט — האָט ער איהר געדונגען אַ וואָהנונג, אויסגעקליידעט זי און אויסגעהאַלטען. אָבער באַלד האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זי איז נישט פאַר איהם. ערשטענס, איז זי געוועזען צו יונג פאַר איהם, וועניג ערפאַהרען און האָט געמאַכט „מיידעלשע" שטיק: אָפּגערופען איהם אין די אַרבייטס-שטונדען אין זיין ביורא, געקומען אַמאָל אפילו אַליין אין זיין ביורא צו איהם. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל נישט ווערען געפעהרליך. אויך פיזיש איז זי איהם נישט איבעריגם געפעלען: טאַקע געהאַט נאָך אַ יונגען, פרישען קערפער, נור צו-קינדיש און מיידעלש. צו לאַנג געוועזען צו וואַרטען ביז זי וועט אַ פרוי ווערען... האָט ער באַשטימט זי אַוועקצושיקען. אונד אייגער פון די פיעלע פאַרטרויאונגס-מענער, וואָס האָבען איהם עהרליך געדיענט, האָט די זאַך שוין אַזוי איינגעאָרדענט, אַז פאַר אַ פאַרהעלטעניסמעסיג-קליינע סומע געלט (יעדענפאַלס, פאַר אַ פיעל קלענערע, ווי ער האָט זיך גערייכט) איז ער פון איהר פּטור געוואָרען, מיט אַ גאַראַנטיע, אַז ער וועט פון איהר מעהר קיינמאָל נישט הערען.

אָבער קיין אַנדער פרוי האָט ער אַזוי לייכט נישט געפונען. נישט עס האָט זיך איהם געמאַכט און נישט ער האָט זיך געקענט אַזוי לייכט צובינדען. איצט, דערמאָנענדיג זיך אָן דעם „בלויען פויגעל", גיט ער אַ טראַכט, אַז אפשר איז עס געוועזען צו פריה, וואָס ער האָט זי אַוועקגעשיקט: וועניגסטענס מיט'ן „בלויען פויגעל" איז ער פיעל רוהיגער געוועזען...

און ווידער גיבען איהם אַ שלאָג אין פנים אַריין די פערפומען פון האָניג-געשמאַק. פאַר איהם שפּאַצירט ווידער פאַרביי די פרוי אין ווייסען קלייד, מיט אַ קאָקעטישען, פּראָווינציאָנעלען גאַנג, חן'ענדיג מיט איהרע טריט. זי זעצט זיך אַוועק ביי אַ טישל, נישט ווייט פון איהם, אין אַ געזעלשאַפט פון אַן אַלטען מאַן, וועלכער האָט געוואַרט אויף איהר.

ער האָט שוין מעהר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון איהר.

זי איז געוועזען אַ פרוי נישט מעהר קיין יונגע. פון איהר פנים האָט מען נישט געקענט אָנזעהן ווי אַלט זי איז, ווייל זי איז געוועזען אויפפאַלענד געפודערט, געשמינקט און געפאַרבט. יעדענפאַלס,

אין איהר פולער פיגור האָט מען אָנגעזעהן, אַז זי איז אַ פרוי אין פולער רייפקייט. אַ ווייב פון דעם מאַן האָט זי נישט געקענט זיין: פאַר אַ ווייב איז זי געווען צופיעל אויפפאַלענד און צו יונג פאַר איהם. אָבער אַלס „לייכטע” פרוי האָט מען זי אויך נישט געקענט אָננעהמען: פאַר אַ קאָקאָטקע איז זי געגאַנגען אָנגעטאָן צו באַלעבאַטיש, צו איינפאַך און צו פראָווינציאָנעל. איהר ווייס באַטיסטען קלייד איז געווען אויפגענייט גאָרגישט מאָדיש, נאָר ווי פאַר אַ קליינשטעטעלדיגע נגידיתטע. אין די ברייטע, זאָרגפעלטיג האַנדגעמאַכטע שפיצען, מיט וועלכע איהר דעקאָלטע איז געווען פערדעקט, האָט מען אָנגעזעהן די גוטע באַלעבאַטישקייט, און דאָס זעלבע אין איהר אַלט-מאָדישען, ברייטען, זיידען-שפיציגען שאַרף, מיט וועלכען זי האָט פאַרדעקט איהרע פולע נאַקעטע הענד. איהרע געדיכטע בלאָנדע צעפּ-האָר זיינען געווען פאַרלעגט אין אַ ברייטען קוילעטש, נישט פון הינטען, נור איבער דער גאַנצער ברייט פון איהר קאָפּ, און פון איהר גלאַטיגען שייטעל האָבען זיך ביי די „פאות’ אַרויסגעריסען קליינע, געקרייזעלטע לאָקען, וואָס האָבען פאַרדעקט איהרע אויערען. די פראָווינציעלע פריזור האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק, וואָס סטאָון האָט פון איהר געהאַט פון דעם ערשטען אויגענבליק, אַז זי איז אַ קליינשטעטעלדיגע שעהנהייט, וואָס האָט „דורכגעברענט” מיט אַ פרעמדען מאַנספאַרשוין און איז געקומען צופאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט כדי א „לעב צו טאָן אויף בראָדוויי, כאָטש אין דעם אַלטען, גוטמוטיגען מאַן, וואָס איז געזעסען לעבען איהר, האָט מען בשום אופן נישט געקענט אָנזעהן, אַז ער זאָל דאָס זיין דער העלד פון דעם קליינשטעדטעלדיגען סקאַנדאַל.

סטאָונ׳ען האָט די פרוי זעהר אינטריגירט און ער איז געווען זעהר נייגעריג צו וויסען, ווער זי איז, און וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָר אזעלכע. דער קעלנער, וועלכען ער האָט געפרעגט אויסקונפט, האָט איהם נישט געקענט פיעל זאָגען: ער זעהט זי אויך צום ערשטען מאָל. „אויב זיי שטעהען דאָ אין דעם האָטעל?” — ווייסט ער נישט. צום פרישטיק קומען זיי נישט אַרונטער.

באַלד האָט זיך געמאַכט אַ געלעגענהייט, אַז ער זאָל זיך

בעקענען מיט דער פרוי אַזוי אומערוואַרטעט און עפּעס אויף אַזאַ מאָדנעם אופן, אַז סטאָון איז געבליבן אין גרויסער פערלעגענהייט. די געלעגנהייט דערצו האָט געגעבן נישט קיין אַנדערער, נאָר דער אַלטער מאַן אַליין, איהר פאָטער, ווי זי האָט איהם דערנאָך גערופען.

דער אַלטיטשקער איז געווען אין אַ פרעהליכער שטימונג: אויסטרינקענדיג אַ פּאָר גלעזער „וויסקי״ אין געהיים — האָט ער אָנגעהויבען אויפצופאָדערן די טאָכטער צום טאַנץ. ער האָט הויך געזידעלט די נייע מאָדעס און די נייע טענץ און געזאָגט, אַז האָפּ קען קען ער בעסער נאָך ווי אַלע יונגע, און ער וועט זיי ווייזען די ניו־יאָרקער „דענדיס״, ווי אַזוי מען טאַנצט אין דעם „דרום״. די טאָכטער איז רויט געוואָרען (מיסטער סטאָון האָט גאַנץ גוט בעמערקט, ווי זי רויטעלט זיך אונטער דעם פּודער און געפּרואווט בערוהיגען דעם אַלטען מיט די אויגען און מיט די זשעסטען). דער אַלטער אָבער האָט זיך נישט געוואָלט בערוהיגען, אויפגעהויבען זיך און געצויגען צום טאַנץ. זי, זעהט זיך אויס, מעהר אויסצומיידען מענשליכע אויפמערקזאַמקייט, האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען מיט׳ן אַלטען איבער דעם גרויסען זאַל, שטערענדיג דערביי די אַנדערע טענצערס. מענשען האָבען אָנגעהויבען צו קוקען אויף זיי. דאָס ווייבעל האָט זיך גערויטעלט. ענדליך האָט זיך דער אַלטער בערוהיגט און איז צוריקגעגאַנגען מיט איהר צום טישעל, געזידעלט דערביי די פערפלוכטע מאָדנע טענץ. געזעהען אָבער ווי מיסטער סטאָון קוקט אויף זיי — האָט ער זיך געווענדעט צו איהם, דירעקט מיט אַ פּשוט׳ער דאָרפישער אָפענהערציגקייט:

— דו וואָלסט עס געוויס בעסער געמאַכט.

— און דו האָסט אויך נישט שלעכט געמאַכט — האָט איהם סטאָון קוראַזש געגעבען.

— די פיס דינען נאָך, נור די מוזיק איז שלעכט. צו אַלט זיך אויסצולערנען נייע טענץ.

פון דעם האָט זיך ענטוויקעלט אַ געשפּרעך איבער די טישלעך.

— קיין מאָל נישט שפּעט עפּעס וואָס צו לערנען.

— פרואוו דו צו טאַנצען מיט איהר. לאָז מיך זעהן, ווי דו חעסט עס מאַכען — ווענדעט ער זיך צו סטאָון׳ען.

— דעדי, ווי קענסטו דאָס? — רויטעלט זיך די פרוי.

— פאַר וואָס נישט? פרואוו דו צו טאַנצען מיט איהר.—געהט, קינדערלעך.

— דעדי?!

— אַז די דאַמע וועט ערלויבען — שטעלט זיך סטאָון אויף און געהט אַריבער צו זייער טישעל.

די פרוי האָט לייכט אָנועקגעלייגט איהר האַנד אויף סטאָון׳ס אַקסעל און דאָס פּאָר האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין ווירבעל פון די פּאָרלעך.

טאַנצענדיג מיט איהר, האָט סטאָון איינגעזאַפּט אין זיך דעם געשמאַק פון האָניג, וואָס האָט געשלאָגען פון איהר קערפּער צוזאַמען מיט דעם פרישען אָטהעם. ערשט יעצט האָט ער דערפילט, וואָס דער האָניג-געשמאַק איז. עס איז נישט געווען בלויז אַן אויסערליכער פּערפוּם. דער האָניג-געשמאַק האָט זיך געטראָגען פון איהר קערפּער. פון איהרע פולע גאָלדענע האָר. דער האָניג-געשמאַק וואָס האָט זיך געטראָגען פון איהר, איז געווען דער ריח פון קינדישע נאַקעטע לייבער, און סטאָון האָט אויפגעעפענט זיין אָטהעם איינצוטרינקען אין זיך דעם געזונדען, ערפרישענדען געשמאַק, מיט זיין פולען מויל.

— אַ טייערער אַלטער, אייער פּאָטער, — האָט סטאָון געזאָגט.

זי האָט האַלב פאַרגלייזט די אויגען און פון אונטער איהר ברעם האָט זי געגעבען אַ שמייכעל צו איהם.

— ווער, מיין דעדי?

— יעס, אייער דעדי.

סטאָון האָט נישט געוואוסט, וואָס זי וויל מיט דעם שמייכעל זאָגען, אויב דער אַלטער איז יאָ איהר פּאָטער אָדער נישט.

— פון וואַנען קומט איהר?

— פון לעקסינגטאָן, קענטאָקי.

— איהר וועט דאָ לאַנג פאַרבלייבען?

— איך וואָלט ווען פאַרבלייבען דאָ דאָס גאַנצע לעבען.

סטאָון האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזען מיט איהר אין אַ געשפּרעך, כאָטש ווי עס האָט אויסגעזעהן, איז זי וויליג געווען. ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז עס איז געזונטער אַזוי: מען ווייסט ישט מיט וועמען מען האָט צו טהאָן — האָט ער פאַרשוויגען דעם רעשט טאַנץ, ביז ער האָט זי צוגעפיהרט צום טיש, צום אַלטען. נאָכ'ן טאַנצען בעדאַנקט און געוואָלט צוריקגעהן צו זיין טישעל.

דער אַלטער אָבער האָט איהם אָפּגעהאַלטען ביי דער האַנט:

— איך דאַנק דיר. בלייב מיט אונז דאָ. וואָס וועסטו דאָרט זיצען אַליין, — מיר זיינען פון קענטאָקי, פון גוט אַלט־קענטאָק, „רעאָלער סטאק", ווינצלער. פון די ווינצלער בראַדער'ס, — די

גרעסטע מיהל אין קענטאָקי. קענסט אַ קינד פרעגען אין גאַנץ קענטאָקי, און ער וועט דיר אָנווייזן אויף די בראָדערס ווינצלער, די גרויסע מיהל אין לעקסינגטאָן. רעאַלער סטאָק — און דו אויך אַ פרעמדער?

— ניין, אַ היגער, פון די בענק-קרייזן, האַנדעלס-באַנק.

— געהערט, געהערט, האַנדעלס-באַנק. מיר האָבען צו טהאָן מיט סיטי-באַנק. סיטי-באַנק, איז אונזער באַנק. יעס, געהערט, נאַציאָנאַל-באַנק, זעץ דיך מיט אונז.

— איך דאַנק אייך. איך דענק, אַז איך זאָל אייך בעסער נישט שטערען.

— ניין, ניין, דו שטערסט אונז נישט. בלייב מיט אונז, — האָט דער אַלטער נישט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט פון זיינער — וואָס וועסטו דאָרטען זיצען אַליין? — געקומען זיך אַ ביסעל אַמו-זירען נאָך ניו-יאָרק. איך האָב איהר צוגעזאָגט לעאָנאָרא'ן, (ווייזט אויף דער פרוי) און די ברידער ווינצלער האַלטען וואָרט. האָט זי' אָבער נישט מיט וועמען צו טאַנצען, איך בין צו אַלט פאַר דעם.

דער אַלטער האָט נישט אַרויסגעלאָזט סטאָון'ס האַנט פון זיינער און גערעדט מיט אַ פשוט'ער אָפענער שפּראַך. סטאָון האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן. איבעריגענס, האָט ער זיך געטראַכט זיי זעהן ביידע גאָר נישט אויס אַזוי שלעכט, און דער עיקר איז געווען דער האָניג-געשמאַק, וואָס האָט זיך געהערט פון דעם נאַקע-טען בוזעם פון דער פרוי, און איהר וואַרימער בליק, וואָס ער האָט בעפיהלט אויף זיך.

סטאָון האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען זייער טישעל.

דער אַלטער איז געווען זעהר לעבעדיג. מיט צוויי-דריי ווערטער, און ער איז שוין געווען מיט סטאָון'ען אין גוטער פריינד-שאַפט, געוואויט איהם צו טרינקען און גערופען איהם „אָלד באָי". סטאָון'ען איז אין אָנפאַנג נישט געווען זעהר אָנגענעהם די נאָהענ-טע פאַמיליאַריטעט צו איהם. שפּעטער האָט עס איהם געוויילט; דער אַלטער האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַ מעשה פון זיין שטעדטעל און גערעדט צו סטאָון'ען אין אַזאַ טאָן, ווי סטאָון וואָלט

נישט נאָר שוין געווען אַן אַלטער בעקאַנטער, נאָר ווי סטאָון וואָלט געווען אויך בעקאַנט מיט דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט פון דעם שטעדטעל און געקענט די מענשען, פון וועלכע דער אַלטער דערצעהלט.

איבריגענס איז איהם דער אַלטער נישט אָנגעגאַנגען. זיינע הושים זיינען געווען מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען, עס האָט איהם אינטריגירט די פרוי, וואָס איז געזעסען נעבען איהם.

נאָך ביים טאַנצען האָט זי זיך אויפגעפיהרט אַרויספאָדערנדיג — דאָס האָט סטאָון׳ען פון איהר אָפּגעשטויסען, אָבער גלייכצייטיג אויך צוגעצויגען. ביים טאַנצען האָט זי זיך אַזוי איינגעקנאָטען אין סטאָון׳ען, אַז ער האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל נישט ווערען אויפפאַלענד. יעצט, זיצענדיג ביים טיש און טרינקענדיג מיט׳ן אַלטען, האָט סטאָון פלוצים געפיהלט, אַז עס טרעט ווער אָן אויף זיין פוס. ער האָט געהאַט גענוג גרינגשעצונג פאַר דעם נאַאיווען, שוהל-מיידעלשען אופן אַרויסצווייזען אויפמערקזאַמקייט, וואָס די פּראָווינציעלע קאָקעטע האָט צו איהם אַרויסגעוויזען. פון דער צווייטער זייט קען ער נישט זאָגען, אַז ס׳איז איהם נישט געווען אַיינגענעהם. פאַרקעהרט, דאָס טרעטען אויף די פיס אונטער דעם טיש, די פאַר׳חלש׳טע, באַהאַלטענע בליקען, וואָס זי האָט ביי יעדער געלעגענהייט, ווען דער אַלטער האָט אַוועקגעקוקט, געוואָרפען אויף סטאָון׳ען, האָט באַלאַנגט צום סטיל פון דער פּראָווינציעלער דאַמע, וואָס איז אין איהר אַלט-מאָדישער קליידונג, אין איהר אַלט-מאָדישער פריזור, פאַרטראָגען אין קליין-שטעדטלדיגער ראָמאַנטישער אַוואַנטורישקייט. קיין מאַנספאַרשוין, וואָס האָט שוין פאַרלאָרען זיין ערשטע יוגענד, איז נישט גלייכגילטיג צו אַ פרוי, וואָס שענקט איהם אויפמערקזאַמקייט. ווייניג פרויען האָבען געקענט רייצען דעם איבערזעטיגטען וויס-פּרעזידענט פון דער האַנדעלסבאַנק. און זי, מיט איהר פּראָווינציעלער נאַאיוויטעט, איז געווען איינע פון די ווינציגסטע, וואָס האָט איהם פאַראינטערעסירט פון דער ערשטער בעקאַנטשאַפט. איהר הויכע, שטאַרקע פיגור, איהר לאַנגער, פולער האַלז, איהר פרישע, הויך-שלאָגענדע ברוסט, — אַלעס, אַלעס איז איהם געפעלען געווען אין דער פרוי. אַפילו

איהר אומגעלומפערט, מיט שלעכטען פודער אָפּגעפּודערט געזיכט און די אויפפאַלענדע רויטע פאַרב אויף איהרע ליפּען. פון הינטער דעם פודער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ פרישׂ, יונג געזיכט. און איהרע פרישע, רויטע ליפּען זענען געווען רויטליכער פון איהר פאַרב. דער רייץ פון דער פרוי האָט סטאָון׳ען געמאַכט פאַרגעסען אין זיין פּאָזיציע, וואָס ער פאַרנעמט, אין זיין אָפּגעהיטענער פאַר־זיכטיגקייט, און ער איז געזעסען און אַמוזירט זיך מיט פרעמדע, מיט פאַרדעכטיג־אויסזעהענדע מענשען.

ענדליך האָט ער שוין געהאַט גענוג. ער האָט זיך געוואָלט איפּהויבען און זיך געזעגענען מיט זיי.

— פאַר מיר ווערט שוין צייט זיין צו געהן, — האָט ער זיך אָנגערופען.

— וואָס, נאָך געשעפטען היינט? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

פּלוצים האָט ער דערפיהלט, אַז עס ריהרט איהם ווער אָן אויף די קניהען, אַזוי ווי מען וואָלט איהם צוגעהאַלטען. זיין האַנד האָט געפונען איהר וואַרימע האַנד, בעטענדיג איהם מיט די פינגער, אַז ער זאָל בלייבען.

סטאָון איז רויט געוואָרען.

— ניין. קיינע געשעפטען האָב איך נישט מעהר היינט, נאָר ס׳האָט זיך געדאַכט — —

— טאָ בלייבט בעסער מיט אונז. אפשר וואָלטען מיר צו־זאַמען געגעסען?

סטאָון האָט זיך שוין גאָר נישט אָנגערופען, ער האָט גע־וואונדערט זיך אויף זיך אַליין, וואָס ער גיט אַזוי פלינק נאָך.

עס איז איהם פאָרגעקומען, אַז ער איז נישט מעהר אַליין, אַז יענער סטאָון איז איבערגעבליבען ערגעץ וואו אין באַנק, ביי בעקאַנטע, צי אין דער היים: און דאָ ביים טיש זיצט אַן אַנדער מענש, וואָס ס׳איז איהם אַלץ איינס, וואָס עס ווערט געשעהן.

— ווער איז זי? און ווער איז דער אַלטער? — איז זי אַ קאָקאָטע און דער אַלטער האַנדעלט מיט איהר? ער ווייסט, אַז זי

ציהט איהם אָן. נײן, װי אַזעלכע זעהען זײ נישט אויס. נאָר װער דען איז זי? זײן טאָכטער?

דאָס אונבעװאוסטע האָט איהם נאָך מעהר געררייצט; ער האָט שוין יעצט װעגען קײן זאַך נישט מעהר געקלערט; נישט װעגען זײן שטעלונג און נישט אַז עס קען איהם װער באַמערקען. ער איז גרייט געװען אויף אַלץ. די באַריהרונג פון איהר האַנד אויף אַזאַ געהײמניספולען אופן, אויף אַזאַ נאַאיװען קינדישען אופן, האָט איהם אָנגעצונדען.

— גוט, זאָגט ער, איך בין סײ װי סײ נישט אין אַ שטימונג צו זײן הײנט אַלײן, און איך דאַנק די געלעגענהײט, װאָס האָט מיך צוזאַמענגעפיהרט מיט אַנגענעהמע מענשען.

—דאָס איז גוט. איך האָב פײנט סנאָבען, ניו־יאָרקער זײנען אַלע סנאָבען. גיב די האַנט. דאָס איז דער װעג, װי מען טהוט בײ אונז אין דעם גוטען, אַלטען קענטאָקי: עס טרעפט זיך אַ מאַן מיט אַ מאַן, מיט צװײ אָדער דרײ װערטער זײנען מיר פרײנד. איך האָב דיך גערן אויך פון דער ערשטער מינוט, װאָס איך האָב דיך געזעהן. דו ביזט געזעסען אַלײן, אַזוי װי דו װאָלסט געװען אין „טראָבעל" *) — איך האָב באַלד געזאָגט לעאָנאָראַ'ן.

סטאַון האָט װידער דערפיהלט לעאָנאָראַ'ס האַנט, דאָס מאָל האָט זי איהם געגלעט איבער די קניה, אַזוי װי זי װאָלט איהם דאַנקען געװאָלט, װאָס ער איז איבערגעבליבען.

סטאָון האָט געקוקט אויף דעם אַלטען. צום ערשטען מאָל איז איהם אויפגעפאַלען דעם אַלטען'ס געזיכט און ער איז פאַר־װאַונדערט געבליבען. דאָס געזיכט פון דעם אַלטען איז איהם פאַר־געקומען גוט בעקאַנט; נישט װי ער װאָלט איהם ערגעץ װאו צו־פעליג געזעהן, נאָר װי ער װאָלט שוין געהאַט אַמאָל צו טאָן מיט איהם, יעדענפאַלס נישט װעגען ביזנעס: סטאָון האָט זיך אָבער נישט געקאָנט דערמאָנען װען און װאו ער האָט דעם אַלטען גע־טראָפען. דערבײ איז גאָר נישט געװען אויסטערלישעס אין דעם געזיכט פון אַלטען, װאָס זאָל איהם אונטערשײדען פון הונדערטער

*) עגמת־נפש

אַנדערע זיינס גלייכען: אַ געזיכט פון אַ אַלטען אַמעריקאַנער יענקי, וואָס אויף זיין הויט האָבען גענוג ווינטען געבלאָזען; ציין, וואָס האָבען נישט איין האַרטען נוס צובראָכען; ברייטע, לאַנגע באַקען=פעלדער; אַ געפּאַלדעוועטע הויט, האַרט פון טאָג=טעגליכען גאָלען, אַ פול מויל ציין, געלע, גרויסע, וואָס שטאַרצען אַרויס פון זיינע נישט גאַנץ=צוגעהעבדיגע ליפּען; אַ קורצע אויבערשטע ליפּ, וואָס באַהאַלט זיך אונטער אַ שפּיציגער, דרייסט=אַרויסשטאַרצענדיגער נאָז; פון טיף=פאַרלעגטן קראַגען ציהט זיך אַרויס אַ געפּאַלדעוועטער האַלז, אַ האַלז ווי ביי הינדערט אַנדערע אַלטע לייט; דעם ריכטיגען האַלז האָט מען, אייגענטליך, נישט געזעהן. דער ריכטיגער האַלז איז געווען באַהאַלטען צווישען צוויי שטעכענדיגע האַלז=ביינער, וועלכע זיינען געווען באַהאַנגען מיט שלאַבעדיגער הויט. זיי האָבען ווי צוויי ווענטלעך באַהאַלטען אין זיך דעם אָפּגעגאָלטען גורגעל. עס זיינען אויך געווען די אויגען, וואָס האָבען אַ מינוט צוגעצויגען סטאָון'ס אויפמערקזאַמקייט; בלויע, קינדישע אויגען, באַהאַלטען אין טרעהרען=טאָרבעלעך, האָבען אַרויסגעשמייכעלט קינדיש=נאַאיוו און מענשליך=גוטמוטיג.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, — דו קענסט מיך?

— יאָ. אַ וואונדערליכע זאַך: איך האָב דיך וואו געזעהן, געדענק נישט וואו, נאָר געזעהן האָב איך דיך.

— אין קענטאָקי, ביזטו געווען אַמאָל?

— געווען אַמאָל.

— קען זיין, האָסט מיך געטראָפען. די האַנט איז געווען איינע פון די ערשטע, וואָס האָט געבויט אין קענטאָקי.

דער אַלטער האָט באַוויזען אַ ביינערדיגע, אויסגעאַרבייטע, איינגעשרומפּענע האַנט. די פינגער זיינען געווען איינגעקאָרטשעטע און אויסגעדרעהטע. באַזונדערס דער גראָבער פינגער האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעהאַקט, אָהן אַ נאָגעל. די האַנט האָט געציטערט און די דאַרע, ביינערנע פינגער האָבען זיך געטרייסעלט.

סטאָון האָט געקוקט אויף דער האַנט און אויך די האַנט איז איהם פאַרגעקומען באַקאַנט.

— בײַ גאָט! איך קען דיך, אַלטער מאַן, און געדענק נישט פון וואַנען.

— קען זײַן. דו קומסט מיר אויך פאָר זעהר פאַמיליאַר. פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב דיך דערזעהן דערנעבען זיצען אַזוי איינזאַם פאַרטראַכט, האָב איך מיר געדאַכט, אַז דער מאַן דערנעבען האָט „טראָבעל", און מען דאַרף איהם אַהער רופען, בעקאַנט מאַכען מיט מײַן לעאָנאָראַ׳ן און איהם פריילּיך מאַכען.

פון וואַנען ווייסטו, אַז איך האָב „טראָבעל"? — זאָגט סטאָון רויט ווערענדיג.

— אין דײַן אַרט זיצען האָב איך דערקענט. איך קע מיך אויף די זאַכען. און נישט קיין ביזנעס-זאָרג, נאָר עפּעס טיפערעס... הא, האָב איך געטראָפען?

סטאָון איז אויפגעבראַכט געוואָרען. נאָר דער אַלטער האָט איהם באַלד בארוהיגט מיט זײַנע גו[illegible]ע אויגען.

— יונגער מאַן, איך קען דאָס. דו זעהסט די אַלטע פּלייצעס? די אַלטע פּלייצעס האָבען שוין אַלעס איבערגעטראָגען. גלויב מיר, אַז אַלעס וועט איבערגעהן. אָ, וויפיעל וואַסערען איך האָב שוין געזעהן פאַר מיר פאַרבייפליסען.

— נו, וואָס אַנבעלאַנגט דאָס, האָסטו דיך טועה געווען, מיסטער ווינצלער. איך בין ווייט פון צרות און נאָך דערצו פון פאַמיליען צרות: איך בין געווען אַזוי קלוג, אַז איך האָב מיר גאָר נישט גענומען קיין פאַמיליע, צו פאַרמיידען צרות. ווי געפעלט דיר דאָס, מיסטער ווינצלער?

— דאָס איז רעכט, איך בין צופרידען. ווי עס זאָל נישט זײַן, בלייבען מיר פריינד. נו, ווי בלייבט עס מיט׳ן עסען? שפּייזען מיר הײַנט צוזאַמען? — פרעגט פּלוצים דער אַלטער.

סטאָון האָט געוואָלט אָפּזאָגען:

— איך וויל הײַנטווירקליך נישט.

הינטער׳ן טיש האָט סטאָון ווידער דערפיהלט לעאָנאָראַ׳ס פוס-טריט אויף זײַנעם און זי ריהרט איהם ווידער אָן מיט דער האַנט אויף זײַן קנ״ה, אַז סטאָון צוקט פון איהר בעריהרונג און ער ענדערט זײַן מיינונג:

— אַז דו ווילסט עס דוקא, — נאָר אונטער איין באַדינג: אַז איהר זאָלט זיין מיינע געסט. איך האָבווירקליך היינט אַ יום־טוב, אַ פאַמיליען־יום־טוב, אויב איהר ווילט זיין אַזוי גוט, און איך לאַד אייך איין אַלס מיינע געסט.

— וואָס זאָגסטו צו דעם, לעאָנאָרא? פרעגט דער אַלטער.

— דעדי ווייסט, אַז איך טהו אַלץ וואָס דעדי וויל, — האָט לעאָנאָרא געזאָגט מיט אַ מיידעלשער קאָקעטישקייט.

— זעהסטו ווי מען דרעסירט ביי אונז אין קענטאָקי ווייבער— נישט אַזוי ווי ביי אייך. גוט, לעאָנאָרא, מיר וועלען שפייזען צו־זאַמען מיט דעם אַנגענעמען פרעמדען. כאָטש אַ ניו־יאָרקער, דאָך אַ סימפּאַטישער.

„וועט דאָס זיין אַן אָריגינעלער אַכטער אויגוסט" — האָט סטאָון אין זיך געטראַכט — איך וועל דאָס גאָלדשמיד'ן דערצעהלען. אָסור אויב ער וועט וועלען גלויבען.

— וואו וועלען מיר עסען? דאָ, אָדער אין דרויסען?

— וואו דו וועסט אונז פיהרען. דו ביזט אַ היגער, מיר זענען פרעמדע.

— איך וואָלט אייך גאָר פאָרגעלעגט — האָט סטאָון געוואָלט זאָגען, נאָר אין לעצטען אויגענבליק זיך צוריקגעכאַפּט. — איבעריגענס, וועלען מיר זעהן שפּעטער. איך לעג פאָר, אַרום האַלב נאָך אַכט זיך צו טרעפען אין דער האַלע פון האָטעל. פּאַסט עס דער ליידי?

— יאָ, אונז איז עס רעכט, — האָט פאַר דער ליידי אָפּגעענט־פערט מיסטער ווינצלער.

די „ליידי" האָט דערווייל הינטער'ן טיש געדאַנקט סטאָון'ען, אויף איהר אייגענעם אופן, שטאַרקער־דריקענדיג מיט איהר פוס אין זיינעם...

— איך מיין, אַז איך וועל זיך בעסער צולעהגען ביז צום אָבענדברויט. — וואָס דענקסטו, לעאָנאָרא?

— איך דענק אויך אַזוי.

דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבען, לעאָנאָרא האָט זיך אויך אויפגעהויבען מיטצוגעהן מיט'ן אַלטען.

— ניין, ניין, לעאָנאָראַ, דו קענסט דאָ בלייבען מיט אונזער נייעם פריינד ביז צום אָנטהאָן זיך. עס איז נאָך צייט גענוג. נו, אויף ווידער־זעהן, קינדער, ביז צום אָבענד־ברויט, אַמוזירט אייך גוט. — און דער אַלטער האָט זיי איבערגעלאָזט אַליין ביים טיש.

4

אַז סטאַון איז אַליין איבערגעבליבען מיט דער פרוי, האָבען זיי זיך אַ לאַנגע ווײַלע ביידע אָנגעקוקט. זי האָט בעוויזען דערביי איהר פול מויל ווייסע גלאַנצענדיגע צייהן, איהר ברוסט האָט זיך געהויבען און זי האָט זיך גערויטעלט אונטער דעם פודער.

— וואָס איז ער דיר, דער אַלמער?

די פרוי האָט אַ אָפּגעבויגען דעם קאָפּ צו דער ערד.

— דיין פאָטער?

די פרוי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין און איז רויט געוואָרען.

— וואָס דען, אַ מאַן?

די פרוי האָט אָנגעהויבען צו לאַכען אין זיך, פאַרשטעלענדיג זיך דערביי איהר מויל מיט דער אויבערפלאַך פון איהר האַנד.

ער וויל מיט מיר חתונה האָבען, מר. ווינצלער, ער וויל מיר אפילו איבערשרייבען זיין פאַרמעגען ווען איך וועל חתונה האָבען מיט איהם.

— און פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה מיט איהם?

— ער איז צו אַלט פאַר מיר, — און ווידער אַרום: איך האָב מורא, אַז איך זאָל נישט שטאַרבען.

— ווי אַזוי?

— ווייסט נישט? מיסטער ווינצלער האָט שוין ליגען אויפ'ן לעקסינגטאָנער בית-עולם דריי ווייבער איינע נעבען דער אַנדערער און וויל נישט זיין די פיערטע.

— וואָס, אַ בלויע באָרד אַזעלכע, וואָס הרג׳עט זיינע ווייבער
— פאַרשט סטאָון.

— ניין, מיסטער ווינצלער איז אַ גוטער מענש און צו זיינע ווייבער איז ער געווען, זאָגט מען, זעהר אַ גוטער מאַן, נאָר אַזאַ מזל שוין. אַ קללה פון ווענען. מען זאָגט: נאָך פון די אַלטע וועלדער פון קענטאָקי. מען דערצעהלט וועגען דעם ביי אונז אין לעקסינגטאָן פאַרשיעדענע מעשיות...

— אָ, דאָס איז אינטערעסאַנט.

— יעס, יעס, עס איז נישט קיין געלעכטער. אַלע ווייסען דאָס ביי אונז אין לעקסינגטאָן, קינדער הייסען עס, אַז די, וואָס האָט חתונה מיט ווינצלער׳ן, מוז שטאַרבען.

— אָרימער אַלטער מאַן.

— ער בעהאַנדעלט מיך אפילו זעהר גוט, קויפט מיר וואָס איך וויל, מאַכט מיר שעהנע קליידער, וועש, אויסגעמעבלירט מיר אַ שעהנע וואָהנונג. דו בעדאַרפסט זעהן מיין שלאָף־צימער און מיין פראָנט־צימער.

— און וואָס זאָגט די שטאָדט דערצו?

— וואָס מיינסטו, איך בין אַזעלכע, וואָס איך וועל אויספּויקען פאַר דער שטאָדט? איך ווייס וואָס הייסט אַ פּאָזיציע פון אַ מאַן, און מיסטער ווינצלער פאַרנעהמט ביי אונז אין לעקסינגטאָן זעהר אַ פיינעם אָרט — ער איז אַ טוער אין דער קירכע. איך ווייס ווי אַזוי אַכטונג צו געבען אויף מיינע פריינד. מיסטער ווינצלער באַזוכט מיך פון צייט צו צייט. ביי מיר האָט ער אַ וואַרימע היים.

סטאָון האָט געשוויגען אַ מינוט.

— נור איך האָב עס שוין גענוג.

— פאַרוואָס?

— וואָס האָב איך דערפון? אַ אַלטער טרויעריגער מאַן, דאָס לעבען איז ווי אין אַ געפענגניס. איך קען נישט אויסגעהן אין ערגעץ: מיסטער ווינצלער איז זעהר אייפערזיכטיג, אין דערהיים ביי זיך זעהר פאַרזיכטיג, און ער איז נישט פאַר מיר. איך וואָלט געוואָלט קומען אין דער גרויסער שטאָדט.

סטאָון האָט געשוויגען אַ מינוט.

— פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה?

— מיט וועמען זאָל איך חתונה האָבען? נעהמען אַ בעל-מלאכה און קאָכען פאַר איהם און קינדער האָבען — ניין, ניין, דאָס וויל איך נישט, פאַר דעם בין איך נישט באַשאַפען. אין בין באַשאַפען געוואָרען צו געבען אַ מאַן גליק, און איך קען געבען אַ מאַן גליק. — זי האָט זיס אָפּגעקרעכצט און אָנגעקוקט סטאָון'ען מיט האַלב-פאַרגלייזטע אויגען. — אָ, ווי איך קען ליעבען, ווי איך בענק נאָך ליעבע...

די מוזיק האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען.

— קום, טאַנץ מיט מיר, — האָט איהם די פרוי גערופען.

סטאָון האָט געטאַנצט מיט איהר. דאָס מאָל האָט זי זיך איינגאַנצען איינגעקנעטען אין זיין לייב, עס איז געווען ווי זי וואָלט אויף גאָרנישט געקוקט, — האָט זי איהר בויך נאָהענט צוגעדריקט צו זיינעם. אַזוי נאָהענט, אַז סטאָון האָט דערפיהלט דורך די קליידער דאָס ווארימקייט פון איהר לייב און פון איהרע קניהען. זי האָט איהם געהאַלזט מיט איהרע הענט. און סטאָון האָט געפיהלט דעם געזונטען, צוואווארימטען אָטהעם, וואָס האָט געיאָגט פון איהר מויל אויף זיין האַלז און ער האָט געשמעקט דעם ווארימען אָטהעם, וואָס האָט געיאָגט פון איהר. פּלוצים האָט זי איהר פּנים צוגעבויגען צו זיינעם און איינגעפּליסטערט אין זיין אויער אַזוי נאָהענט, אַז סטאָון האָט דערפיהלט די ווארימע, גלאַטיגע הויט פון איהר פּנים אויף זיינעם.

— ראַטעווע מיך פון איהם.

סטאָון האָט איהר געקוקט אין די אויגען אריין.

— ווי אַזוי?

— נעם מיך צו דיר.

— דו קענסט דאָך מיך גאָרנישט. פון וואַנען ווייסטו ווער איך בין?

— אָ, איך קען דיך, איך ווייס אַלעס.

סטאָון האָט אויפגעהערט צו טאַנצען און איז מיט איהר צוריקגעגאַנגען צום טישעל.

— קום, וועלען מיר אַריינגעהן אין דער האַלע, דאָרט וועלען מיר קענען רעדען.

ער האָט גערופען דעם קעלנער און באַצאָהלט און איז אַוועק מיט דער פרוי אין אַ שטילען, באַהאַלטענעם ווינקעל, אונטער אַ שירעם פון אַ ווייכען אָראַנזשען לאָמפּען־ליכט.

— פון וואַנע קענסטו מיך?

זי האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד. איהר האַנד האָט געברייהט.

— אַז איך האָב דיך געזעהן, האָב איך מיר געטראַכט: אַזאַ מאַן וואָלט איך געוואָלט, אַזאַ מאַן ווי דו איז מיר צוגעפּאַסט־נישט צו אַלט, נישט צו יונג. איך האָב פיינד יונגע. איך האָב ליעב אַ שטאַרקען סאָלידען מאַן, וואָס זאָל קענען שעצען אַזאַ פרוי, ווי איך בין.

— אָבער איך האָב דאָך שוין אַ פרוי.

— וואָס געהט מיך דיין פרוי אָן? איך וועל האָבען אַ היים, דו וועסט קומען צו מיר ווען דו וועסט נור וועלען. איך ווייס, אַז אַ מאַן ווי דו מוז האָבען אַן אָברוה נישט נור פון זיינע געשעפטען, נור אַפילו אויך פון זיין אייגענער וויב, פון זיין פאַמיליע. און ביי מיר וועסטו עס געפינען.

— גוט, איך וועל זעהן. איך וועל דיר זאָגען, מיר דאַכט זיך, אַז דו געפעלסט מיר אויך.

— דו קענסט מיך נאָך נישט. ווען דו וועסט מיך ערשט קענען, וועסטו וויסען וואָס פאַר אַ פרוי איך בין.

סטאָון האָט געלאַכט איבער איהר נאַאיוויטעט.

— איך זעה שוין יעצט.

— ניין, דו זעהסט נאָך גאָרנישט. און דאַן האָט זי זיך איינגעבויגען און האָט איהם געזאָגט אין דער שטיל אין אויער אַריין: איך וויל זיין מיט דיר די נאַכט.

ביי סטאָון׳ען האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט, דאָס בלוט איז איהם געקומען אין פּנים אַריין.

— וואָס וועט זאָגען מיסטער ווינצלער?

— וואָס געהט מיך אָן מיסטער ווינצלער. איך האָב גענוג

געליטען ביז יעצט. איך קען נישט מעהר. איך בין אַ יונגע פרוי און איך וויל ליעבע.

סטאון האָט איהר געקוקט אין פּנים אַריין. ער האָט באַמערקט צוויי גרויסע טרערען אין איהרע אויגען. ער האָט זי גענומען ביי דער האַנט און טיעף געדריקט און געפליסטערט אין דער שטיל:

— ווי אַזוי וועלען מיר עס מאַכען?

— עס איז מיר גאַנץ גלייך. איך וואַרט דערויף צייט יאָהרען.

סטאון האָט געקלעהרט אַ מינוט.

— אויף וועלכען שטאָק וואָהנט איהר?

— אויפ׳ן אַכטען.

אין קאָפּ האָבען זיך איהם געפּלאָנטערט פאַרשיעדענע פּלענער, ווי אַזוי אויסצופיהרען דער פרוי׳ס פערלאַנג, וואָס איז געוואָרען יעצט זיין אייגענער. פון דעם דירעקטען, אָפענעם פאָרשלאַג, וואָס די פרוי האָט איהם געמאַכט, איז זיין בלוט געוואָרען אַזוי אָנגעצונדען, זיין באַגעהר האָט אַזוי שנעל געאַרבעט מיט אַזעלכע פאַנטאַסטישע פּלענער, אַז ער איז אינגאַנצען באַהערשט געוואָרען פון דער תאוה, וואָס די פרוי האָט אין איהם אָנגעצונדען. ער האָט נישט געזעהן דעם געפעהרליכען וועג, אויף וועלכען עס שיקט איהם זיין פערלאַנג. און ווען אפילו ער וואָלט דאָס געווען געזעהן, וואָלט ער אויך געגאַנגען אויף דעם וועג. עס איז פאַרשטומט געוואָרען די אויסגערעכענטע פאָרזיכטיקייט, מיט וועלכער ער האָט געטאָהן זאַכען, וואָס איז, דאַכט זיך, שוין געווען זיין צווייטע נאַטור.

— און דו דענקסט, אַז דו וועסט קענען ביינאַכט איבערלאָזען מיסטער ווינצלער און צו מיר אַריינקומען? — האָט ער געפליסטערט צו איהר מיט האַרץ-קלאַפּונג.

די פרוי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ.

— און דו האָסט נישט קיין מורא פאַר איבערראַשונגען?

— אָ, איך וועל שוין מאַכען.

— גוט. איך וועל וואַרטן אויף דעם זעלבען שטאָק. וועל־כער איז אייער נומער?

— אַכט הונדערט צוואַנציג.

— איך וועל דיר שפּעטער זאָגען, וועלכעס צימער עס וועט זיין מיין.

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבען גערעדט, האָט זי נישט אויפגעהערט צו דריקען איהרע וואַרימע קניה צו זיינע און צו קוקען איהם אין די אויגען אַריין מיט אַ הויך שלאָגענדיג האַרץ.

— טייערער, אַז דו וועסט מיך דערקענען, וועסטו מיך מעהר נישט אָבלאָזען, — האָט זי איהם ווידער געפּליסטערט אין אויער אריין.

— קום, עס איז צייט זיך געהן אָנטאָהן. מיסטער ווינצלער וועט אויפמערקזאַם ווערען.

— אָ, האָב איך איהם פיינט!

סטאַון האָט דערזעהן אַ גלאַנץ אין איהרע אויגען און דער־הערט אַ קלאַפּען מיט איהרע ווייסע ציין.

— גערולד, וועסט לאַנג מעהר נישט זיין מיט איהם, איך וועל באַלד זעהן וואָס מען קען טאָן.

— איך וויל שוין! יעצט... האָבען איהרע ליפּען געציטערט.

— יעצט קענסטו נישט. יעצט מוזטו געהן זיך אָנטהאָן צום אבענד־ברויט. קום, ווייסע, עס איז צייט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז געגאַנגען מיט איהם. ער האָט זי אַרויפבעגלייט אויף איהר שטאָק אין דעם עלעווייטאָר. אַז זיי זיינען אַרויס פון דעם עלעווייטאָר, איז קיינער נישט געווען אין קאָרידאָר. אומגעריכט האָט זי זיך געגעבען אַ קנעט איין מיט איהר פול לעבעדיג לייב אין סטאַון׳ען. ער האָט דערפיהלט צווישען זיינע ליפּען און זיין מויל איהר וואַרימע, שליימיגע צונג און זי האָט איהם איבערגעלאָזט מיט׳ן טעם פון מאַנדלען אין זיין מויל.

אַז סטאַון האָט זיך אָנגעטהאָן צום אבענד־ברויט — איז צוריקגעקומען צו איהם זיין מיושב׳דיגקייט. ער האָט בעשיינפּערליך איינגעזעהן, אַז ער קריכט אין אַ בלאָטע, אַז עפּעס איז דאָ נישט

ריכטיג. די גאַנצע געשיכטע האָט אָנגעהויבען אויסצוקוקען אין זיינע אויגען פאַנטאַסטיש. — „סטאַון, סטאַון, אויף וואָס פאַר אַ געפעהרליכע וועגען לאָזט זיך!" — האָט ער זיך אַליין אָנגעהויבען מוסר צו זאָגען, האַלב אין שפּאָט, האַלב אין ערנסט. אויף זיינע ליפּען אָבער איז נאָך געווען דער מאַנדעל-געשמאַק פון איהר מויל און ציין, און מיט זיינע חושים האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט דעם געשמאַק פון איהר לייב. און דאָס האָט נישט געלאָזט דענקען וועגען עפּעס אַנדערש....

— אָ, איך דאַנק דיר, געלעגענהייט, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט אַזאַ גליק! — האָט ער אויסגעשריגען, און טרערען פון פרייד האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. „מיר זאָל נאָך זיין עפּעס באַשערט אַזעלכעס, אַזעלכעס!" — „פאַרוואָס נישט? — וואָס האָט זי, מיין ווייב, געמיינט, אַז איך וועל בייסען אין מיר מיט בלוט און גאַל יעדע שאַנד, וואָס זי שטופּט מיר אין מויל אריין? אָ, מיט דער פרוי וועל איך קענען קעמפען געגען איהר — האָט ער אויפגעהויבען אַ פויסט — ביז איך וועל דערגרייכען דאָס, וואָס איך וויל".

„— געוויס וועל איך זי אַוועקנעהמען פון דעם אַלטען, — וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער אויף איהר? אַ יונגע, בליהענדע פרוי און דער אַלטער קאָרמעט זי מיט שאָקאָלאַד".

„— דאָס איז די פרוי, וואָס איך האָב געזוכט. נישט קיין „ליאַלקע" פון כאָר אַרויס, — נור אַ רייפע, פאַרשטענדיקע פרוי; געוויס וועל איך זי צונעהמען. דאָס איז די פרוי, וואָס איך בעדאַרף"

ער האָט זיך יעצט געזעהן אין שפּיגעל, ביי וועלכען ער האָט זיך אָנגעטהאָן און בעטראַכט זיך לענגער. אַ געפיהל פון דאַנקבאַרקייט איז צו איהם געקומען צו דער פרוי.

„— איך האָב דאָך איהר גאָר נישט צוגעזאָגט, — און פון וואַנען ווייסט זי ווער איך בין?"

„— און ווער ווייסט, אפשר האָט זי זיך טאַקע פאַרליעבט

אין מיר, אין מיין מענליכקייט? רייפע פרויען האבען ליעב מיטעל-יעהריגע מענער".

ער האט דורך דעם געדאנק געקראגען מעהר צוטרויען צו זיך, איז שטאלץ געווען אויף זיך און איז דאנקבאר געווען דער פרוי.

„— יעדענפאלס, באדארף מען פארזיכטיג זיין היינט אבענד. די אוואנטורע קען מיך אמאל קאסטען מיין נאמען".

אבער דאס זענען נאר געווען ווערטער. ער אליין האט גוט געוואוסט, אז קיין זאך קען איהם נישט אפהאלטען פון דעם, וואס שטעהט איהם פאר, פון דעם, וואס איז יעצט געווען זיין איינציגער ציעל אין לעבען.

„— וואס איז דא איינצושטעלען? מען הערט אזעלכע מעשיות, אין די האטעלען טרעפט עס זיך טאג-טעגליך. מען בעדארף נור זיין פארזיכטיג".

„— און וואס קען דא זיין? — האט ער זיך, שליסליך, אליין בארוהיגט, — אפילו ווען דער אלטער זאל דערפון געוואר ווערען. וואס איז זי, זיין ווייב? זיין טאכטער? זי איז א פרייער מענש, זי קען מיט זיך טהאן וואס זי וויל. די איינציגע זאך — ער קען זי איבערלאזען. איבערהויפט, וואס פאר א רעכט האט ער אויף איהר, אז זי וועט אליין קומען צוגעהן צו מיר?".

דאס לעצטע האט איהם שוין גאר אינגאנצען בערוהיגט.

„און די מעשה אליין?" — האט ער זיך פארגעשטעלט, ווי ער וועט דערצעהלען וועגען דעם געשעהעניש זיינע פריינד. — „זיי וועלען דען גלויבען? א אלטער באי!" האט ער זיך אליין געוואלט לויבען — „סטאון, ביזט נאך אלרייט!"

ער איז שוין יעצט געווען אין זיין טואלעט-צימער. און דער שפיגעל האט באוויזען א קרעפטיגען מאן אין די בעסטע יאהרען. מיט דעם געפיהל פון שטאלצקייט אויף זיך און מיט א געוויסער דאנקבארקייט צו דער פרוי, איז ער אראפגעגאנגען אויפנעהמען זיינע געסט.

* *
*

קודם כל, האט ער זיך גענומען אויספיהרען זיין פלאן, אי־בערצוּוועקסלען דעם צימער. ער האט צום ערשט ארויסגענומען א פינף דאלאר שטיק און געוואלט דאס געבען דעם האטעל־דינער. ער האט זיך איבערגעלעגט, אז עס וועט אויסקומען פארדעכטיג. ער האט איבערגעוועקסעלט אויף צוויי דאלאר און געגעבען דאס דעם דינער מיט א געוויסער ווירדע און געזאגט קאלט, ווי באפעה־לענדיג, אזוי ווי סטאון איז געוועהנט אין זיין ביורא:

— איך וואלט געוואלט האבען מיין צימער געוועקסעלט אויפ'ן אכטען שטאק: איך האב מורא, אז איך וועל נישט קענען שלאפען אויף א נידעריגען שטאק איבער דעם גערויש פון דער גאס.

דער דינער האט דורכגעקוקט די שליסעל־טאבעלע און זיך אנגערופען:

— איך האב מורא, מיסטער פארס, אז אויפ'ן אכטען שטאק וועל איך נישט האבען קיין פאסענדעס. אפשר אויפ'ן ניינטען?

— ניין, איך וואלט געוואלט האבען אויפ'ן אכטען.

— אויפ'ן צווייטען הויף.

סטאון האט שוין ארויסגענומען דעם גאנצען פינף דאלאר שטיק, וואס ער האט געהאט אין טאש און אריינגעשטעקט דעם דינער.

— איך וויל האבען א צימער אין מיטען שטאק. אזוי, צווישען די צוואנציגער און דרייסיגער.

— אלרייט. אכט־הונדערט־אכט־און־צוואנציג איז דיינס — האט דער דינער געזאגט מיט א געוויסען שמייכעל אויף די ליפען

— לאזט איבערפיהרען מיינע זאכען.

דאן האט ער גענומען פארבערייטען דאס עסען. ארויסגעהן האט ער נישט געוואלט. ער האט מורא געהאט, אז פריינד זאלען איהם נישט באגעגענען. ער האט גערופען דעם הויפט־קעלנער און געהייסען דעקען פאר דריי אין א פריוואטען שפייז־צימער אין האטעל.

— און איך וויל זיך געפינען אין „נאַסען" אַמעריקא...— האָט ער צוגעלעגט.

— מיר וועלען טהאָן אונזער בעסטעס,— האָט איהם דער הויפּט־קעלנער פאַרזיכערט.

און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין לאָבי וואַרטען אויף זיינע געסט.

5

באַלד האָט ער זיי געזעהען אָנקומען.

זיי האָבען אויסגעזעהן זעהר אַנשטענדיג. דער אַלטער אין סמאָקינג, אין אַ שטייף, היימיש־געוואַשען, ווייס העמד, און זי — אין שוואַרצען. אין ערנסטען שוואַרצען האָט זי נאָך מעהר פער־שטאַרקט דעם איינדרוק פון פאַמיליעגדיגעס. זי האָט אויסגעזעהן ווי דעם אַלטענס אַ געטרייע, דערוואַקסענע טאָכטער, וועלכע שענקט זיך אַוועק דעם טאַטען. איהר שוואַרץ קלייד איז געווען איינפאַך, נאָר נישט אָהן געשמאַק. זעהט זיך אויס, אַז דער אַלטמאָדישער שניט, וואָס זי האָט בענוצט אין איהר קליידונג — איז נישט געווען אַ צופעליגקייט, נאָר אַ גוטער איבערגערעכענטער שניט, וואָס האָט געפאַסט צו איהר שטאַרקער גוט ראַסענדיגער פיגור. זי איז געווען אין „דעקאָלטע". אָבער אַזוי דיסקרעט, ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ פרוי פון אַ אַלט בעל־הבתיש הויז. די פריזור ווי פריער. נאָר וואָס עס איז סטאָונ׳ען באַלד געפאַלען אין די אויגען איז געווען דאָס, וואָס זי איז דאָס מאָל געווען פיעל ווינציגער געפּודערט ווי פריהער. די נאַטירליכקייט פון איהר פריש געזיכט האָט נאָך מעהר פער־שטאַרקט דעם איינדרוק פון דער פאַמילאַריטעט. אויך האָט זי נישט מעהר געהאַט אויף זיך די גרויסע פאַלשע פערל, נור אָנ־שטאָט דעם — אַ בעשיידען בעל־הבתיש גאָלדען קייטעל אויף איהר ווייסען האַלז און אַ גרויסע, אַלט־מאָדישע, גאָלדענע בראָש האָט געשוואומען איבער איהר הויכער ברוסט.

— ווען סטאָון האָט זיך אויפגעהויבען זיי ענטקעגען צו געהן

האָט ער אַ מינוט פערגעסען, ווער זיי זענען אין אמת'ן, עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז עפּעס אַ גוט אַלטער אַמעריקאַנער „סקווייר" מיט זיין טאָכטער זענען זיינע געסט היינט, און ער האָט זיי אויפּגענומען מיט אמת'ער, אויפריכטיגער אַכטונג.

— נו, ווי פיהלסט דו דיך, מיסטער ווינצלער?

— ערשטער קלאַס. איך בין בערייט אויף איבערלעבענישען ווי אַ יונגערמאַן.

— איך האָב בעשטעלט אָווענד-ברויט דאָ אין האָטעל. אין דרויסען איז צו-הייס און צופיעל געפּאַקט מיט מענשען. דאָ, אין האָטעל, קען מען בעקומען אַ טרונק אויך — האָט ער איהם איינגעג'וימט אין אויער — אין דרויסען וועט עס שווער זיין.

— דאָס איז ריכטיג. — האָט דער אַלטער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איך האָב געהייסען דערלאַנגען אין אַ פּריוואַטען שפּייזצימער.

— פאַרוואָס? איך האָב געדענקט, אַז דו וועסט טאַנצען מיט לעאָנאָראַ'ן ביים עסען, — איך האָב גערן אייך צו זעהן ביידע טאַנצען, — איך האָב זי דאָך צוליעב דעם געבראַכט נאָך ניו-יאָרק, — אין לענסינקטאָן קריגט זי וועניג פערוויילונגען.

— מיר קענען אַריינגעהן אין אַלגעמיינעם שפּייז-זאַל טאַנצען. דאָס וועט זיך לאָזען אַראַנזשירען.

— אַזוי איז גוט. איך ווייס, אַז זי וויל טאַנצען. אין זי האָט ליעב צו טאַנצען מיט דיר אויך, לעאָנאָראַ.

— דעדי, ווי קענסט דו דאָס? — האָט לעאָנאָראַ געזאָגט רויטלענדיג זיך.

— איך האָב עס געזעהן. און איך גלויב עס אויך, אַז מען קען אַליין נישט טאַנצען, האָט מען ליעב צו זעהן ווי אַנדערע טאַנצען, העהעהע.

זיי זענען אַריינגעקומען אין שפּייז-צימער. דער טיש איז געווען זעהר פייערליך געדעקט. דאָס קריסטאַל האָט זיך געשפּיגעלט אין דעם עלעקטרישען ליכט, און לעאָנאָראַ'ס פיגור און די מענער אין די סמאָקינגס האָבען נאָך מעהר פערשטאַרקט די יום-טוב'דיג-

קייט. אַז אַ פרעמדער וואָלט זיי געזעהן, וואָלט ער זיי פאַר אַנדערע נישט אָנגענומען, נור פאַר אַ גליקליכע פאַמיליע: אַ פאָטער מיט זיין איידעם און טאָכטער. זיי אַליין האָבען זיך אויך אַזוי געפיהלט ביים טיש. דער אלטער אַליין האָט אַריינגעבראַכט די שטימונג: ער האָט זיך ביים טיש אויפגעפיהרט, ווי לעאָנאָראַ וואָלט געווען זיין טאָכטער (קיין שפור פון דעם, וואָס לעאָנאָראַ האָט דערצעהלט וועגען דעם אַלטען און זיין בעציהונג צו איהר, האָט מען נישט אָנגעזעהן) און ער — איהר פאָטער, און ער וויל געווינען סטאָונען פאַר אַ איידעם פאַר זיך. ער האָט זיי ביידע געמאַכט טרינקען און הנאה געהאַט ווי זיי אַמוזירען זיך, וואָס דאָס האָט געבראַכט אַביסעל אין פערלעגענהייט זיי ביידע. דער אַלטער האָט דערצעהלט וועגען קענטאָקי און די ערשטע פּיאָנערן, און סטאָון האָט זיך געמאַכט, אַז ער איז זעהר פעראינטערעסירט אין די מעשיות. מיט לעאָנאָראַ׳ן האָט ער זיך געפיהרט, ווי זיי וואָלטען טאַקע געווען חתן=כלה. זיי האָבען זיך מורא געהאַט צו טרעפען מיט די בליקען, און אַדורכרעדען זיך אונטערן טיש מיט די פיס (ווי עס איז געווען איהר געוואָהנהייט) האָבען זיי אויך נישט געקענט: דער טיש איז געווען צו גרויס און צו קיילעכדיג — איז דאָס עסען צוגעגאַנגען מיט יענער פאַמיליען=פייערליכקייט, וואָס נאָר אַנגלאָ=זאַקסען קאָנען אַריינברענגען אין אַ טאָג=טעגליכען מיטאָג.

נור וואָס מעהר זיי האָבען געטרונקען (און אַז דער אַלטער זאָל טרינקען — דערפאַר האָבען געזאָרגט די גוטע וויינען, וואָס סטאָון האָט געהאַט בעהאַלטען אונטערן טיש, און די קעלנער, וואָס האָבען געהאַלטען אין איין אָנגיסען) איז דער אַלטער רויטער געוואָרען און אויפגערוימטער. די שטימונג איז לויזער געוואָרען. עס איז אויסגעלאָשען געוואָרען די קאַלטע צערעמאָניע, וואָס האָט געהערשט ביים טיש, און אַ שטיפערישע שטימונג איז איינגעטרעטען, אַזוי, אַז דער אַלטער האָט זיך אַפילו ערלויבט אַ געוויסע פאַמיליאַריטעט מיט לעאָנאָראַ׳ן, וואָס האָט מיט איינמאָל אויפגעקלערט זיין שטעלונג צו דער פרוי.

ער האָט אָנגעגאָסען אַ גלאָז „וויסקי" און געהייסען לעאָנאָראַ׳ן טרינקען. לעאָנאָראַ האָט צום ערשט נישט געוואָלט. רויט

ווערענדיג, האָט זי זיך געקווענקעלט מיט איהר געוועהנליכען:
— דעדי!

אָבער דער אַלטער איז דערויף דורכאויס בעשטאַנען און צו־רוקענדיג די גלאָז וויסקי צו איהר — האָט ער איהר בעפוילען מיט אַ געביטערישען טאָן, וועלכען, זעהט זיך אויס, ער איז געוואוינט געווען אָנצוווענדען געגען דער פרוי:

— איך הייס דיר, אַז דו זאָלסט טרינקען, לעאָנאָראַ! — האָט ער זיך אָנגערופען, און זיינע ברעמען האָבען זיך אויפגעהויבען (סטאָון האָט צום ערשטען מאָל בעמערקט, אַז דער אַלטער האָט אַזעלכע הויכע, געוועלבטע ברעמען), און סטאָון האָט געזעהן ווי די ביינערדיגע פינגער פון זיין האַנד ביילען זיך, צו אַ פויסט.

לעאָנאָראַ איז רויט געוואָרען. זי איז צוגעגאַנגען און האָט אויסגעטרונקען די גלאָז וויסקי, ווי אַ קינד, וואָס פירט אויס אַ בעפעהל פון עלטערע, ווען מען האָט עס איבערשראָקען.

פון די וויסקי, אויך פון דער פערשעהמטקייט פאַר סטאָונ׳ען — איז די רויטקייט שוין געשטאַנען אויף איהר פנים. אויף איהר באַקעטען נאַקען אַ גאַנצען אָווענד.

— און יעצט קום אַהער דאַ צו מיר — האָט דער אַלטער צו איהר געוואונקען מיט׳ן פינגער.

אָהן אַ וואָרט אויסצורעדען, האָט זי זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט, צוגעגאַנגען צום אַלטען און אַראָבגעלאָזט זיך אויף זיינע קניהען.

דער אַלטער האָט איהר געקלאַפּט מיט זיינע ביינערדיגע פינגער אין איהר נאַקעטען ווייסען קאַרק און געזאָגט צו סטאָונ׳ען:

— אָט אַזוי דרעסירט מען ביי אונז אין קענטאָקי ווייבער, — חע־חע־חע... — אל־רייט, לעאָנאָראַ.

לעאָנאָראַ האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוריקגעגאַנגען אויף איהר אָרט.

אויף סטאָונ׳ען האָט די סצענע געמאַכט אַ פיינליכען איינ־דרוק. צו זעהן ווי די שטאַרקע, ענטוויקעלטע פרוי פאָלגט דעם אַלטען ווי אַ קליין שול־קינד — איז געווען שמערצליך. ער האָט

זיך געוואָלט אויפהויבען און אַרויסגעהן פון שפּייז-צימער. ווען ער האָט דאָס נישט געטהון — איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט דעם אַלטען געבען צו פערשטעהן, אַז ער איז פעראינטערעסירט אין לעאַנאָראַ׳ן מעהר ווי אַ פרעמדער צושויער.

ער האָט געפּרובט שמייכלען און געמאַכט אַ גוטען שפּאַס דערפון:

— אייער טאָכטער איז זעהר געהאָרכזאַם.

— זי מוז עס זיין, — האָט דער אַלטער געזאָגט, — נישט וואָהר, לעאָנאָראַ.

— יעס, דעדי! — האָט לעאָנאָראַ אָבגעענטפערט.

ביי דעם וואָרט: „זי מוז עס זיין" האָט סטאָון פּלוצלינג בעמערקט, ווי די ווערטער קומען אַרויס נישט פון מויל, נור פון האַלז. ער האָט געזעהן, ווי דער קראָק פון דאַרען האַלז ביים אַלטען איז געגעבען אַ לויף-אַריבער צווישען די צוויי ביינערדיגע ווענדטלעך, אַזוי ווי דעם שפּינערס שיפעלע דורכ׳ן געוועב. און סטאָון האָט זיך געטראַכט, וואָס פאַר אַ קאָמישען האַלז דער אַלטער האָט.

— נו. יעצט געה טאַנצען. געה, לעאָנאָראַ, איך האָב ליעב צו זעהן, ווי דו טאַנצסט מיט דעם מאַן. געהט, קינדער.

אין סטאָונ׳ען האָט אויפגעקאָכט דאָס בלוט. ער האָט געוואָלט זאָגען דעם אַלטען, וואָס ער טראַכט פון איהם, אַז ער איז אַ פערשאָלטענער אַלטער. „איך וועל טאַנצען מיט לעאָנאָראַ׳ן, ווען איך וועל וועלען — נישט ווען דו וועסט מיך הייסען", ער האָט געמוזט צונויפנעהמען זיינע חושים, אַז ער זאָל נישט אַרויסרופען קיין סקאַנדאַל, — האָט ער זיך אָנגערופען:

— בערוהיגט אייך, מיסטער ווינצלער: מיר וועלען אַריינגעהן אין אַלגעמיינעם זאַל, וועלען מיר דאָרט טאַנצען.

— אָל-רייט, אָל-רייט. לאָז זיין אַזוי.

מיסטער סטאָון האָט גערופען דעם קעלנער און געהייסען אַריינברענגען די רעכנונג. דער רעשט אָווענד איז שוין צוגעגאַנגען אין שווייגען. ענדליך האָט זיך סטאָון אויפגעהויבען פון טיש.

— איך דענק, אַז עס איז צו שפּעט פּאַר טאַנצען, מיסטער ווינצלער, מיר וועלען בעסער געהן שלאָפען.

— פאַרוואָס? איך האָב צוגעזאָגט לעאָנאָראַ׳ן, אַז איך וועל זי נעהמען נאָך ניו־יאָרק און וועל איהר ווייזען בראָדוויי און וועל איהר פערשאַפען פערגעניגען, איך וועל זי לאָזען טאַנצען מיט יונגעלייט. און איך האָב ליעב זי צו זעהן טאַנצען מיט יונגעלייט — מיט שטאַרקע מענער, אַזוי ווי דו ביסט, מיסטער פּאָרס. איך האָב ליעב צו זעהן לעאָנאָראַ׳ן אויפגערוימט, אויפגערודערט, מיט אַ פלאַם אין איהר אויג, — געה טאַנצען, לעאָנאָראַ, — נעהם איהם, ער איז שעמעוודיג אַביסל.

סטאָון האָט געביסען די ליפּען פּאַר אויפרעגונג און געביילט די פויסט. ער האָט געקוקט אויפ׳ן אַלטען מיט גלאַנצענדיגע אויגען. נאָר באַלד האָט ער דערפיהלט לעאָנאָראַ׳ס האַנד אין זיין אָרים און זי האָט זיך אָנגערופען צו איהם:

— ווען דו האָסט נישט געגען, קום טאַקע, מיסטער פּאָרס, לאָזען מיר האָבען איין טאַנץ, נאָר דעם פאָטער צו בעפרידיגען.

סטאָון איז מיט איהר אַרויסגעגאַנגען, נישט אומקוקענדיג זיך אויפ׳ן אַלטען.

— אָ, טייערער, ראַטעווע מיך פון איהם, — האָט זי געזאָגט צו סטאָונ׳ען, ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון צימער, אָנלעהנענדיג איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט, — איך קען שוין נישט מעהר.

— ער איז אַ פערשאָלטענער אַלטער. דו דאַרפסט איהם פערלאָזען.

— איך געה איהם פערלאָזען די נאַכט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ווינק אין איהר אויג.

— דאָס איז רעכט. מיין צימער איז אַכטהונדערט אַכט און צוואַנציג. דאָ האָסט דו דעם נומער געגענאיבער דיינעם, — האָט ער איהר אַריינגעשטעקט אַ קוויטעל מיט דעם נומער אין איהר האַנד אַריין. קום אַריין, ווען דו ווילסט. איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט. איך וויל זעהן, ווער ס׳וועט דיך פון מיין האַנד אַרויסנעהמען, — ער איז אַ פערשאָלטענער אַלטער.

זי האָט געכאַפּט זיין האַנד און געדריקט זי מיט דאַנקבאַר־

קייט און איבערגעגעבענהייט, פערמאַכענדיג די אויגען און בייסענ־דיג די ליפּען מיט איהרע שאַרפע, ווייסע ציין.

אַז זיי האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין טאַנצען, האָבען זיי שוין פערגעסעןביידע אין אַלטען. זיי האָבען זיך געקוקט ביידע אין די אויגען אריין. עס זענען געווען אַ מאַן און אַ ווייב, וואָס האָבען געטאַנצט, וואָס זענען ביידע דורשטיג געווען איינער אויפ׳ן אַנדע־רען. און מיט דער גאַנצער פרייד, וואָס שטעהט זיי ביידע פאָר — צו דערקענען דאָס געהיימניס איינער פון אַנדערען — האָבען זיי זיך ביידע געקוקט, אין די דורשטיגע אויגען אריין און אין די דורשטיגע ליפּען...

אַז זיי זענען צוריקגעקומען צום אַלטען אין פּריוואַטען צימער, זענען זיי ביידע רויט געווען און שווער געאָטעמט. דער אַלטער האָט געדרימעלט אין זיין שטוהל. אַז ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט, האָט ער געקוקט אויף זיי אַ מינוט מיט אַ פאָרשענדיגען בליק און מיט אַ שמייכעל. זיינע באַקען האָבען זיך געטרייסעלט פון טרינקען.

— איהר זעהט ביידע אויס, ווי אַ פּאַסענדע פּאָר, ביי גאָט.

— איהר דענקט אַזוי, מיסטער ווינצלער? — האָט געפרעגט סטאָון, און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, האָט ער צו־געגעבען:

— האָט מיר אַ גוטע נאַכט, מיסטער ווינצלער. איך דענק, אַז פאַר מיר איז צייט צו געהן. איך האָב אַ פערנומענעם טאָג מאָרגען. אַ דאַנק אייך פאַר אַנגענעהמע געזעלשאַפט. אַ גוטע נאַכט, לעאָנאָראַ (האָט ער זי צום ערשטען מאָל אָנגערופען ביים נאָמען אין אַלטענס געגענוואַרט).

לעאָנאָראַ האָט פערגלייצט די אויגען.

— אַ שאָד, וואָס אַזוי קורץ. איך האָב געמיינט, — האָט דער אַלטער געבורטשעט פאַר זיך, — אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט. — נו, לעאָנאָראַ, אויב אַזוי, וועט פאַר אונז אויך שוין צייט זיין, — קום, מיין טייערע מויד. אין אָנלעהנענדיג זיך אויף איהר שטאַרקען קערפּער, איז ער מיט איהר אַוועק נאָך סטאָונ׳ען.

אַז סטאָון איז געקומען צו זיך אין צימער אַריין, איז ער

צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם לייכטענדען ניו־יאָרק. די נאַכט האָט געבראַכט אַ בערוהיגונג צו זיין אויפגעברויזטער נשמה. אינעווייניג, אין זיך, האָבען זיך ווידער אָנגערופען קולות, וואָס דאָס געפיהל פון זעלבסט־דערהאַלטונג האָט גערופען אין איהם, פון פאָרזיכטיגקייט, פון ניכטערער איבערגערעכענטקייט, וואָס איז געווען זיין צווייטע נאַטור, דורך זיין לאַנגע פראַקטיק אין ביזנעס. ער האָט געזעהען בעשיינפערליך די אַוואַנטורע, אין וועלכער ער ווערט פערוויקעלט. אַ אַוואַנטורע, וואָס קען איהם קאָסטען זיין נאָמען, אפשר זיין קאַריערע, — וואָס קאָן דערפרייהען זיינע שונאים. עס איז די העכסטע צייט אָפצוהאַקען. צו שליסען די טהיר. עס איז נאָך צייט, יעצט איז די ריכטיגע צייט, די לעצטע מינוט.

„פערשליסען די טיהר און אָבהאַקען. ניין, דאָס וועט ער נישט קענען, אַז זי וועט קראַצען ביי דער טהיר און וועלען אַריין צו איהם — האָט ער געפיהלט, עט ער צו שוואַך זיין. נעהמען דעם שטעקען און אַרויסגיין, פאָהרען צו פריינד, אויפזוכען אמוזירפלעצער, גאָר אַרויספאָהרען נאָך קוני־איילאַנד אין אַ נאַכט־קאַבאַרעט אַריין. — יאָ, מען דאַרף עס טהון. עס איז די העכסטע צייט".

ער האָט געמאַכט ליכט, אויסגעזוכט זיין הוט און שטאָק און געוואָלט אַרויסגעהן פון צימער.

ביי דער טהיר אָבער איז ער געבליבען שטעהן.

— „וואָס פאַר אַ פחדן בין איך? וואָס אַנטלויף איך? פאַר וועמען אַנטלויף איך? — אַ פרוי זוכט שוץ ביי מיר — און איך אַנטלויף!"

און ער האָט זי ווידער געזעהן. אין איהר גאַנצער גרויס. אין איהר פולער פיגור. ער האָט זי געזעהן נאַקעט, אין ווייסען, באַטיסטענעם העמד, אין זיידענעם שלאָפראָק. די, וואָס דריקט זיך צו איהם מיט איהר נאַקעטען צוואַרימטען קערפער און איהרע שמעקענדיגע האָר.

ער האָט דערפיהלט דעם ים פולע, בלאָנדע האָר אין זיין פנים, ווי ער האָט דאָס דערפיהלט פריהער, ווען זי האָט אָנגעלעהנט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט.

„וואָס אַנטלויף איך? פאַר וועמען אנטלויף איך? — פאַר גליק, פאַר לעבען, וואָס די געלעגענהייט שיקט מיר? און פאַר וועמען? — פאַר אַ אַלטען פערשאָלטענעם, וואס האָט נישט קיין רעכט אויף איהר, — וואָס האַלט זי דאָרט געפאַנגען ביי זיך אין שטעדטעל פערמאַכט אויפ'ן שליסעל".

— „צום טייוועל מיט פּאָזיציע, מיט קאַריערע, מיט אַלצ-דינג, — אַז איך קען נישט אַרויסראַטעווען אַ יונגע, שענע פרוי פון די הענד פון אַזאַ אַלטען רויבער".

— „גיין לאָזען די זאַכען מיט דעם נאַטירליכען גאַנג. מען וועט זעהן, ווי זיי וועלען זיך ענטוויקלען".

— „און איבעריגענס, איך געה דאָך נישט צו איהר, — זי קומט דאָך צו מיר. איך האָב נישט קיין רעכט אָבצוזאָגען אַ פרוי שוץ, וואָס זי זוכט ביי מיר".

דער לעצטער געדאַנק האָט איהם שוין גאָר בערוהיגט, און אַלע קשיות פערענטפערט. אַוועקגעוואָרפען דעם הוט און שטעקען, אויפגעמאַכט די ליכט און אַראָבגעלאָזט דעם פאָרהאַנג איבער די פענסטער.

6

ער האָט אָנגעהויבען אויפֿצוטהון זיך אין טונקעלען און געלייגט זיך אַ האַלב נאַקעטער אויפ'ן בעט.

מינוטען זענען געקראָכען ווי שעה'ן, שעה'ן ווי אייביגקייטען.

ער איז געלעגען אויף זיין געלעגער און געפיבערט פאַר בעגעהרונג. דאָס האַרץ האָט ביי איהם הויך געקלאַפּט און די פינגער געציקט. ער האָט פערמאַכט די אויגען און די אילוזיע האָט איהם געמאָהלען בילדער, בילדער, פון וועלכע זיין בלוט איז אויפגעקאָכט געוואָרען און גערייצט איהם ביז צו משוגעת.

אַזוי האָט ער זיך געוואָרפען אין פערציקטען עקסטאַז. מינוטען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי שעה'ן, שעה'ן — ווי אייביגקייטען. און זי איז אַלץ נישט געקומען.

ביי'ם מינדעסטען גערויש האָט ער אויסגעשפּיצט די אויערען. זיין האַרץ איז שטיל געבליבען. ער איז געשפּרונגען פון בעט, געזעהען דורך דער טהיר אין קאָרידאָר, אויב קיינער קומט נישט, — און זי איז אַלץ נישט געקומען.

„הייסט עס, אַז עס איז נישט בעשערט — איז אפשר גלייכער אַזוי"—

„ניין, נישט גלייכער, ביי גאָט, נישט גלייכער, אַלץ זאָל געשעהען, אַבי זאָל זי קומען".

אַ ליכט־שיין פון קאָרידאָר פאַלט אַריין אין צימער דורך דער געעפענטער טהיר, באַלד ווערט צוריק פינסטער. די טהיר פערמאַכט זיך אין דער שטיל...

— לעאָנאָראַ! — האָט ער געגעבען אַ שפּרונג אַראָב פון בעט.

— יעס, — האָט געציטערט אַ פרויען-שטימע.

און צו זיין נאַקעט לייב האָט זיך געגעבען אַ קנעט צו אַ קערענדיגער, שטאַרקער קערפּער, אַרומגעהילט אין זיידענס, אין באַטיסט. ער האָט דערשפּירט זיך אין גאַנצען אַרומגענומען אין וואַרעמקייט און גלאַטיגקייט.

צוויי לייבער איינגעקנעטען איינס אין דאָס אַנדערע, מיט זוכענדיגע מיילער איינער צום אַנדערען, מיט הייס-שלאָגענדיגע הערצער איינער ביים אַנדערן, זענען צוגעגאַנגען צום געלעגער.

— עס האָט מיר גענומען אַ לאַנגע צייט דעם אַלטען איינ-צושלעפּערען, ער האָט מיך געפּייניגט אַ האַלבע נאַכט.

— פערשאָלטענער! — האָט סטאָון אויסגעשריגען. — אָבער איך נעהם דיך אוועק פון דעם טייוועל! ביי גאָט, איך נעהם דיך אוועק. פון היינט, פון יעצט אָן, וועסטו זיין מיין ווייב, מיין גע-ליעבטע. איך מאַך פאַר דיר אַ הויז ווי פאַר אַ פּרינצעסין, אַ טייערע!

— געוויס?

— געוויס. איך שווער דיר ביי גאָט, פון היינט אָן ביזטו מיינע.

— אָ, טייערער.

צוויי שטאַרקע, אויפגעוועקטע, דורשטיגע לייבער האָבען גע-טרונקען איינס דאָס אַנדערע.

אין דעם זענען זייערע הערצער שטיל געבליבען. ביי דער טהיר האָט ווער געקלאַפּט.

— ווער איז עס?

— איך האָב מורא, אַז עס איז מיסטער ווינצלער, האָט לעאָנאָראַ געזאָגט אין שרעק.

— פון וואַנען ווייסט ער מיין נומער? ווער האָט איהם געזאָגט?

— ער האָט מיר געוויס נאָכגעשפּיאָנירט, געזעהען וואו איך געה. געלאָזט מיך געהן, כדי ער זאָל מיך כאַפּען. אָ, ער איז אַ ביטריאַק! איך קען איהם.

— ביזט איהם עפעס שולדיג? זיין ווייב, צי וואָס?

— ניין. ער האָט מיר גאָרנישט געגעבען.

— פון היינט אָן ביסטו מיט מיר, דו קענסט נישט מעהר דעם אַלטען.

אָבער דער אַלטער האָט נישט אויפגעהערט צו רופען אין דער טהיר:

— מיסטער פּאָרס, עפען!

— וואָס געהט עס אונז אָן! — האָט סטאָון אויסגעשריגען און ווידער אַרומגענומען דאָס ווארעמע פרויען־לייב, וואָס האָט יעצט געצאַפּעלט פון אויפרעגונג און שרעק.

אָבער אין דער טהיר האָט מען שוין געשטורעמט.

— מיסטער פּאָרס, עפען די טהיר!

זיי האָבען זיך נישט אָנגערופען. זיי זענען ביידע געלעגען מיט שטעהענדיגע הערצער און איינגעהאַלטענעם אָטעם.

— מיסטער פּאָרס, — מיסטער פּאָרס,— מיין מיידעל איז מיט דיר, עפען די טהיר—אָדער איך וועל דאָס גאַנצע הויז אויפוועקען.

סטאָון האָט זיך אויפגעהאַפּט.

— איך געה דעם פערשאָלטענעם אַלטען שטיל מאַכען.

מיט אַ שפּרונג איז ער געווען ביי דער טהיר, אויפגעפּראַלט זי. אין דער טהיר איז געשטאַנען מיסטער ווינצלער אין זיין שלאָף־ראָק מיט נאַקעטע פויסטען.

— וואָס איז, וואָס קלאַפּסטו אין מיין טהיר?

— דו פערשאָלטענער גנב! דו ניו־יאָרקער אויסוואורף! וואו איז זי די...

מיסטער ווינצלער האָט גערעדט הויך, און סטאָון, כדי אויסצומיידען אַ סקאַנדאַל, אַז ער זאָל נישט אויפוועקען די שכנים — האָט איהם געגעבען אַ כאַפּ אָן מיט זיינע צוויי שטאַרקע הענד און געגעבען איהם אַ שטעל אַריין צו זיך אין צימער און פערמאַכט די טהיר הינטער איהם.

— דו פערשאָלטענער אַלטער! וואָס איז זי דיינע? אַ ווייב, אַ טאָכטער? דו... וואָס דו האַלסט דיינע קעבס־ווייבער פערשלאָסען אויפ׳ן שליסעל — דו וועסט שווייגען.—

דער אַלטער האָט זיך געגעבען אַ וואָרף אויף סטאָזנ'ען מיט זיינע ביינערדיגע פינגער.

— פערשאָלטענער גנב! — האָט ער אָנגעהויבען הויך צו שרייען.

אָבער סטאָון האָט איהם שוין געהאַלטען ביי'ם האַלז און געדושעט איהם.

— דו וועסט שווייגען. איך וועל דיך שטיל מאַכען, דו פערשאָלטענער אַלטער... און סטאָון האָט מ'ט אַ מאָל דערפיהלט ווי צוויי ביינערדיגע ווענדטלעך פון אַלטענס האַלז האָבען זיך צוזאַמענגעבראָכען אין זיינע הענד.

ער האָט נישט געקלערט און אויך נישט פערשטאַנען, פאַר וואָס דער אַלטער איז שטיל געוואָרען. ער האָט נאָר דאָס געוואָלט, און זעהענדיג, אַז דער אַלטער שטערט איהם שוין נישט—האָט ער איהם אַוועקגעוואָרפען, איז שנעל אין בעט אריין, וואו עס האָט געוואַרט אויף איהם די פלאַטערנדיגע לעאָנאָרא.

— וואו איז ער? האָט זי געפרעגט מיט אַ שרעקענדיגער שטימע.

— איך ווייס נישט. שווייג. און סטאָון האָט זיך אָנגעהויבען איינצובייסען מיט זיינע צייהן אין איהר קערענדיגען קערפּער.

באַלד אָבער איז געקומען די דערוואַכונג.

— וואו איז ער? — האָסט איהם אַרויסגעשטופּט?

— ניין. דאָרט ליעגט ער אין אַ ווינקעל.

— וואָס האָסטו געטהון, גאָט מיינער? ער איז דאָ אין דער שטוב? דאָ, אין דער שטוב מיט אונז. איך האָב דאָך גאָרנישט געוואוסט — איז לעאָנאָרא אויפגעשפּרונגען מיט שרעק—און פאַר וואָס שווייגט ער אַזוי?

— איך ווייס נישט.

אַ מינוט איז שטיל געווען.

— ער שווייגט אַזוי... איך האָב מורא... האָט זי אַרויסגערעדט מיט שרעק.

סטאָון האָט זיך אויפגעכאַפּט פון בעט, געמאַכט ליכט און צוגעגאַנגען צום אַלטען. ער האָט איהם געפונען ליגען אין אַ

ווינקעל ביי דער טהיר מיט'ן פנים איינגעקלאפט אין דיוואן, האַרט ביי די אייזענס, וואָס זענען געווען אַרום דעם פייער־אויווען.

סטאָון האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד. עס האָבען זיך איהם געוואָרפען אין די אויגען מיסטער ווינצלערס אויסגע־דרעהטע ביינערדיגע פינגער. נור די האַנד איז יעצט קאַלט געווען און זי איז צוריקגעפאַלען.

ער האָט איהם אויסגעדרעהט מיט דעם פנים אַרויף. עס איז געווען דאָס זעלבע פנים, וואָס ער האָט פאַר אַ קורצער צייט צוריק געזעהען לעבעדיג, — איצט איז עס געווען: די אויגען פאַרצויגען מיט די הייטלעך, טיעף איינגעגראָבען אין די לעכער פון די באַ־קען־ביינער,— דאָס מויל אָפען, פערקרימט, אַ שטיקעל צונג האָט אַרויסגעשטאַרצט און די ליפען זענען געווען בלאָה ווי אַ מילץ. אַרום די שלייפען זענען זיך געקומען צוזאַמענגעלאָפען די דיקע בלאָהע אָדערען און זיי האָבען אַזוי בולט אַרויסגעשטאַרצט פון דער דינגער הויט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט פלאַצט די הויט און זיי לאָזען זיך אַרויס אין דרויסען, ווי בלאָהע געדערים אַדורכ־געריסענע און זיי ווּעלען טריפען מיט בלאָה בלוט.

— וואָס קוקסטו אויף איהם אַזוי לאַנג?—האָט לעאָנאָרא אַרויס־גערופען פון בעט אַרויס מיט שרעק.

— איך מיין, אַז ער איז טויט.

— ניין, ניין. איז זי אַרויסגעשפרונגען פון בעט.— איך קען איהם, ער פאַלט אַלע מאָל אַזוי אַוועק אין אָהנמאַכט.

זי איז צוגעלאָפען צום אַלטען, האָט זיך געוואָרפען אויף איהם און האָט איהם אָנגעהויבען צו וועקען, בעטענדיג זיך ביי איהם:

— מיסטער ווינצלער, מיסטער ווינצלער, הויב דיך אויף שרעק מיך נישט, מיסטער ווינצלער.

— ער איז טויט!— האָט סטאָון געזאָגט, קאַלט און בעשטימט־

— אָ, מיין גאָט. וואָס וועט יעצט זיין ?!—האָט זי אויסגעשר־יען און זיך אָנגעהויבען צו רייסען ביי די האָר.

— איך בעט דיך, זיי שטיל.

— מיסטער פאָרס, וואָס האָסטו געטהון ?

— ווילסטו זיין שטיל!

סטאָון האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל און גענומען דעם קאָפּ אין די הענד אַריין. אַזוי איז ער אָבגעזעסען אַ לאַנגע ווײַלע.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבען איהם, אַ נאַקעטע, אַ קאַלטע.

— וואָס וועלען מיר טהון?

— איך וויים נישט,— האָט מיסטער סטאָון געזאָגט.

— מיר וועלען איהם אין דער שטיל איבערטראָגען אין זיין צימער אַריין. איך וועל מאַכען אַ געוואַלד, איך וועל זאָגען, אַז רויבער זענען אונז בעפאַלען און געוואָלט אונז בעגנב'ענען,— האָט זי צו איהם געזאָגט אין דער שטיל, אָהן אָטהעם.

סטאָון האָט נישט אָבגעענטפערט.

— מיסטער ווינצלער האָט זיך געראַנגעלט מיט זיי און זיי האָבען איהם גע'הרג'עט אין ראַנגלען זיך.— וואָס דענקסט דו וועגען דעם?

— זיי נישט משוגע.

סטאָון איז ווייטער געליבען זיצען, קוקענדיג ערגיץ־וואו אין טראַכטען.

— פאַרוואָס שווייגסטו? וואָס קלערסט דו?

— אָ, איך פיהל אַזוי קאַלט,— האָט זי געקלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן,— מיסטער פארס, וואָס וועט יעצט זיין?

סטאָון האָט אַלץ נישט געענטפערט.

— און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר פערשרייבען אַ טייל פון זיין פערמעגען—יעצט וועל איך גאָרנישט האָבען.— האָט זי זיך ווי אין עפּעס דערמאָנט און זי האָט אָנגעהויבען צו וויינען.

— דערפאַר וועסט דו האָבען סינג־סינג. *)

— איך? האָט די פרוי אויסגעשריגען אין שרעק,— פאַרוואָס איך?

— איך מיט דיר צוזאַמען. ווען נישט נאָך ערגערס.

*) די טורמע אין ניו־יאָרק.

— איך האָב איהם נישט געה׳רג׳עט! פאַרוואָס בין איך שול־דיג? — האָט די פרוי אָנגעהויבען הויך צו וויינען.

— האָב נישט קיין מורא, איך וועל אַלצדינג נעמען אויף מיר. דו ביזט אונשולדיג,— האָט זי סטאָון בערוהיגט.

— מיסטער פאָרס, איך וועל האַלטען מיט דיר. אַפילו איך זאָל וויסען צו געהן צוזאַמען מיט דיר אין טויטען־הויז אויף דער תליה. מיסטער פאָרס, איך ליעב דיך,— האָט זי זיך אָנגעהויבען איינצוטוליען צו איהם.

פטאָון האָט זי איינגעשטילט מיט אַ בעוועגונג פון זיין האַנד און ווייטער געבליבען זיצען אויף זיין אָרט.

ער האָט יעצט געקוקט אויף דער פרוי און זיך געטראַכט: „ווי נאַריש דאָס איז: מיט אַ טאָג צוריק האָט ער זי נישט געקענט, יעצט האָט איהם דער גורל מיט איהר צוזאַמענגעשמידט, אפשר אויפ׳ן גאַנצען לעבען לאַנג און אפשר אויפ׳ן טויט״.

„און איך קען זי דאָך צומאָל נישט״.

מיט אַמאָל האָט זיך דערוועקט אין איהם צוריק זיין גאַנצע ענערגיע — אַרויסצוקריגען זיך פון דער נעץ, אין וועלכער דער צופאַל האָט איהם געפאַנגען.

— „איך מוז אַרויס דערפון!״

דער ווילען האָט צוריקגערופען אין איהם זיין ניכטערקייט און אויסגערעכענטקייט, פון וועלכע די ליידענשאַפט האָט איהם אויף אַ מינוט פאַריאָגט.

ער האָט פאַריאָגט פון זיך דעם געדאַנק, אַז ער האָט איהם גע׳הרג׳עט מיט די הענד, ער האָט געקוקט אויף די אייזענס ביי׳ם קימען און אַ געדאַנק האָט געגעבען אַ בליץ־אויף אין זיין קאָפּ.

„— איך האָב איהם נישט גע׳הרג׳עט, ער איז געפאַלען אויף די אייזענס און האָט זיך געגעבען אַ קלאַפּ״,— האָט ער אויסגערו־פען. ער איז צוגעלאָפען צום טויטען און האָט אָנגעהויבען צו זוכען אין זיין פנים אַ פלעק בלוט. ער האָט אָבער גאָרנישט געפונען. באַר אונטערן אויער איז געווען אַ בלויער צייכען, וועלכער האָט זיך פערצויגען אין אַ געשווילעכץ, איז אָנגעלאָפען אין אַ הויכען ב 5. ער האָט זיך דערפרעהט:

— דו זעהסט דעם קלאַפּ? ער האָט זיך געגעבען אַ קלאַפּ אין אייזען — אַ אומגליקליכען קלאַפּ אין די שלייפען און איז געשטאָרבען.

— אָ, יעס, טייערער!

סטאָון האָט געקלערט אַ מינוט. — פּלוצים איז ער צוגעגאַנגען צו לעאָנאָראַ׳ן זעהר נאָהנט. געקוקט איהר אין די אויגען אַריין.

— הער אויס, — איך קען דיך נישט, — איך ווייס נישט, ווער דו ביזט, — נאָר דו זאָלסט וויסען, אַז איבער אונזביידע הענגט דער טויט. מיר מוזען ביידע האַלטען צוזאַמען, פערשטעהסט?

— יאָ, טייערער. — האָט זי געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ.

— איך בין אַ רייכער מענטש, איך האָב גרויס איינפלוס אין רער שטאָדט. מיינע פריינד וועלען מיך אַרויסנעהמען פון דער צרה. איך וועל דיך אויסהאַלטען די גאַנצע צייט, וואָס איך וועל נישט זיין. אַז איך וועל אַרויסקומען פון אומגליק, וועלען מיר ביידע זיין צוזאַמען. מיר מוזען ביידע זיין צוזאַמען.

— אָ, יעס, טייערער.

— מיינע אַדוואָקאַטען וועלען דיר זאָגען ווי דו האָסט דיך צו האַלטען. אָהן זיי — קיין וואָרט נישט רעדען. נישט רעדען. פערשטאַנען?

ער האָט גערעדט צו איהר, געקוקט איהר גלייך און טיעף אין די אויגען אַריין, ווי אין שיכּרות.

זי האָט איהם אויך גלייך און טיעף אין די אויגען אַריינגעקוקט און צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— קענסט דיך פערלאָזען אויף מיר, טייערער, אין בין שטאַרק, פון מיר וועלען זיי גאָרנישט אַרויסקריגען.

— זיי וועלען דיך וועלען איבערקויפען. מיט געלד, מיט שרעק,— ווייסט נישט וואָס פאַר אַ מיטלען זיי וועלען אָנווענדען, — זיי וועלען דיך אפשר פייניגען.

— איך וועל שטאַרבען און וועל מיין פריינד נישט אַרויסגעבען,— האָט זי געזאָגט, אַרומנעהמענדיג איהם מיט איהרע קאַלטע, נאַקעטע הענד.

און ווען ער האָט זיך געפונען אין די שטאַרקע אָרימס פון

דער פרוי — האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז בעשיצט, אַז ער איז בעהאַלטען און ער האָט שוין גאָרנישט מעהר אין זיין לעבען, נור דאָס לעבעדיגע וועזען, וואָס איז נעבען איהם, מיט וועלכען דער גורל האָט איהם אין איין מינוט אַזוי ענג פערבונדען. דאָס אַנדערע לעבען, דאָס לעבען פון דעם וויצע־פרעזידענט פון דער קאָמערץ־באַנק, דאָס לעבען פון מיסטער סטאָון, איז אָבגעשטאָרבען. אַלעס איז געשטאָרבען, פערגאַנגען, און איז נישטאָ מ.ה.ר. זיין לעבען איז יעצט די פרוי, די אונבעקאַנטע, צווייפעלהאַפטע, אַזוי ווי ער איז. זיי זענען ביידע פערשטויסענע, אַרויסגעוואָרפענע, ביידע געחתמעטע. איבער זיי האָט דער גורל געוואָרפען איין שטריק און דער שטריק איבער'ן האַלז האָט זיי פעראייניגט אין דעם מאָמענט אין אַלע אייביגקייטען.

אָבער באַלד האָט איהם די פרוי אַרויסגענומען פון דער אילוזיע.

אין ווינקעל ביים אויווען איז געלעגען אַ פעקעל אַלטע ביינער און האָבען דערמאָנט דעם פעראורטיילטען אין זיין יום־הדין.

— לעאָנאָרא, געה אַריין צו דיר אין צימער, איידער מענשען קומען, — האָט ער געזאָגט צום ווייב.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק:

— וואָס ווילסט דו טהון?

— אָט, וועסט דו באַלד זעהן.

ער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן שרייב־טיש, און האָט אָנגערופען אַ נומער.

— וואָס געהסט דו טהון, טייערער?

— איך בעט דיך, זיי שטיל.

עס האָט לאַנג געדויערט, ביז ער האָט געקריגען פערבינ־דונג.

— געהסט דאָך זיך אַליין נישט איבערגעבען צו דער פּאָליציי?

— איך בעט דיך, זיי שטיל.

— או וואָס וועט מיט מיר דער סוף זיין? — האָט די פרוי פלוצלינג זיך אין עפּעס דערמאָהנט.

— האָב נישט קיין מורא, איך וועל אַלצדינג נעהמען אויף מיר,— האָט ער געזאָגט צו דער פרוי.

— איך בין דאָך טאַקע גאָרנישט שולדיג, — וואָס בין איך שולדיג אין דעם. און מיסטער ווינצלער האָט מיר צוגעזאָגט.

— איך וועל דיר געבען געלד וויפיעל דו וועסט וועלען. זיי שטיל, איך בעט דיך.

— גאָט, ווי איינזאַם איך בין? — האָט סטאָון אויסגערופען פאַר זיך.

די פרוי איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל און האָט געוויינט.

ענדליך האָט זיך דער טעלעפאָן אָנגערופען:

— ווער איז דאָרט, צום טייוועל — האָט זיין אַדוואָקאַט בערופען דורכ'ן טעלעפאָן מיט געבייזער.

— בייזער דיך נישט, דאָס בין איך, מאַקס.

— וואָס איז געשעהן?

— איך האָב נור וואָס געהרג'עט אַ מענש, אין זעלבסט-פערטיידיגונג.

— צי איז עס אַ שפּאַס אַזעלכער, דו ביסט אָבער נישט געוואָהנט צו שפּאַסען.

— דער ריינער אמת. איך, פרעג דיך, וואָס זאָל איך טהון?

— איז דאָ אַ מעגליכקייט, אַז די פּאָליציי זאָל זיך פריהער דערוויסען דערפון, איידער דו וועסט זיך אַליין איבערגעבען?

— איך דענק, אַז נישט (האָט ער געקוקט אויף לעאָנאָרא'ן און איבערגעחזרט די ווערטער הויך). איך דענק נישט, אַז עס וועט מיך ווער אַרויסגעבען צו דער פּאָליציי, איידער איך וועל זיך אַליין איבערגעבען אין איהרע הענד

— אויב אַזוי, לעג דיך שלאָפען און קום צו מיר מאָרגען, אַכט אַזייגער אין דער פריה, אין מיין ביוראָ.

— דער קערפּער ליגט אין מיין צימער — האָט סטאָון געזאָגט.

— וואָס איז עס געווען? אַ באַנדיטען-איבערפאַל?

— נישט קיין באַנדיטען־איבערפאַל. גיכער אַ אייפערזוכטס־איבע פאַל.

— אַזוי? דאָס מאַכט די זאַך פיעל ערנסטער, (דער אַדוואָ־קאַט האָט געשוויגען אַ מינוט דורכ'ן טעלעפאָן).

— וואו געפינסט דו דיך? ביי זיך אין דער היים?

— ניין, אין האָטעל „מעטראָפּאָל", נומער אַכט הונדערט און...

— אין האָטעל? — האָט זיך דער אַדוואָקאַט געוואונדערט — דאָס מאַכט די זאַך נאָך מעהר קאָמפּליצירט. דאָס איינציגע, וואָס איך קאָן דיר ראַטען איז, אַז דו זאָלסט גלייך מעלדען דערפון דער פּאָליציי.

— דער פּאָליציי? — האָט סטאָון איבערגעפרעגט.

— יאָ, גלייך לאָז וויסען דער פּאָליציי דערפון. און נאָך עפּעס; אום גאָטעס ווילען — ריהר נישט דעם קערפּער. אַזוי ווי ער איז געפאַלען — זאָל ער ליגען. און פּערוויש נישט קיין איין פלעק, קיין איין צייכען, אַז עס זאָל נישט ווערען קיין פערדאַכט, אַז דו בעהאַלטסט עפּעס. מיר טהוט לייד, איך וועל דיך נישט קענען פריהער זעהן, נור אין פּאָליציי־בעצירק.

— דענקסט, אַזוי איז גוט?

— אַזוי מוז עס זיין. נאָך עפּעס: קיין איין וואָרט נישט זאָגען, קיין איין פּאַפּיר נישט אונטערשרייבען, ביז מיר וועלען דיך נישט זעהן. פערשטאַנען?

— יאָ.

סטאָון איז געבליבען שטעהן אַ מינוט, געקלערט אַ ווילע, דאַן האָט ער זיך אָנגערופען צו לעאָנאָראַ'ן:

— נעהם צוזאַמען יעדען צייכען פון דיר און געה צוריק אין דיין צימער, איידער איך רוף פּאָליציי. — דיך בעדאַרף זי דאָ נישט געפינען.

די פרוי איז בלייך געוואָרען און האָט געטהון, וואָס סטאָון האָט איהר געהייסען, צוגיפּקלויבענדיג די האָר־נאָדלען פון געלע־גער אַראָב, וואָס זי האָט געהאַט פערלוירען פון איהר קאָפּ.

— וואָס זאָל איך זאָגען, ווען זיי וועלען מיך פרעגען? — האָט זי געפרעגט דערשראָקען.

— זאָג קיין איין וואָרט נישט, ביז דו וועסט נישט זעהן מיין אדוואָקאַט.

— יעס, טייערער.

— זיי וועלען דיך אודאי אויך מיטנעהמען און פרובן ארויסקריגען פון דיר, מיט געוואַלד אפשר.

די פרוי איז ווידער ארויס אין טרעהרען:

— וואָס בין איך שולדיג?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך נעהם אַלץ אויף מיר. קענסט זאָגן וואָס דו ווילסט. קענסט דערצעהלען אַלצדינג.

— ניין, טייערער, קענסט דיך פערלאָזען אויף מיר, איך וועל דיך נישט אַרויסגעבען, מיין פריינד.

— גוט, גוט, גוט. — נאַ, דאָ האָסטו געלד, — האָט סטאָון אויסגעבייטעלט די טאַשען. — פיעל באַרעס געלד האָט ער נישט געהאַט ביי זיך, — האָט ער אויסגעטהון זיין גרויסען בריליאַנטענעם רינג און איהם געגעבען.

— נאַ, נעהם עס יעדענפאַלס צו.

— איך בעדאַרף עס נישט — האָט זי געזאָגט — און בעהאַלטען דעם רינג אין זאָק אַריין.

— בעהאַלט עס אויף אַ בעסער אָרט, אַז די פּאָליציי זאָל עס נישט געפינען ביי דיר, אַז נישט וועט די זאַך ווערען נאָך מעהר קאָמפּליצירט.

— איך וועל שוין בעהאַלטען — האָט די פרוי געוויינט.

— נו, בלייב געזונד, וויסע.

— ווער האָט זיך געקענט ריכטען אויף דעם? געמיינט, איך בין שוין פטור געוואָרען פון איהם — מאַכט זיך אַזאַ אומגליקשטענדיג געוועזען אַ שלעכטער. גאָרנישט האָב איך ביי איהם געהאַט קיין שום פרייד — האָט זי מיט כעס געוויזען אויפ'ן טויטען.

סטאָון האָט געמוזט דערביי שמייכלען.

— נו. איהם לאָז שוין צורוה.

— בלייב געזונד, מיין האָניג, מיין זיסער. איך וועל קיינמאָל, קיינמאָל נישט פערגעסען. — גאָט איז מיין עדות, איך וועל־

האַלטען פאַר דיר — אַז איך זאָל וויסען אין טויטען־הויז צו געהן — איך וועל האַלטען מיט דיר.

— אָל־רייט, אָל־רייט, ווייסע. ווי עס זאָל נישט זיין — איז עס ווערט געוועזן די מינוט.

— יאָ, טייערער, איינציגער. — און זיי האָבען זיך צום לעצטען מאָל אַרומגענומען.

ווען זי האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון זיין צימער, ווי אַ גע־שיקטע קאַץ — איז ער צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, — אַרויפגע־לעגט די האַנד אויף דעם טעלעפאָן־רעהריל — האָט ער אַרויס־גענומען זיין גאָלדענעם זייגער און אָבגעצעהלט איינציגע מינוט, ביז עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז עס איז גענוג, אַז זי זאָל זיך צוריק געפינען אין איהר צימער, אין איהר בעט, און האָט אָנגע־רופען די פאָליציי.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זיך שוין סטאָון געפונען אין פאָליציי־בעצירק, און נישט נור ער אַליין. באַלד נאָך איהם האָט מען געבראַכט צו פיהרען לעאָנאָראַ׳ן.

איינציגע מאָרגען־צייטונגען, וועלכע האָבען די לעצטע נייעסטע דרוק־ערפינדונגען, געניטע וואַכזאַמע רעפּאָרטיערען, האָבען נאָך בעוויזען צו ברענגען אין די מאָרגען־אויסגאַבען פון זייערע צייטונגען די נייעס פון דעם אינטערעסאַנטען מאָרד, וואָס ניו־יאָרק האָט געהאַט זייט „די לעצטע צעהן יאָהר”. און נישט נור די נייעס אַליין, נור אַפילו די פאָטאָגראַפיעס פון די הויפט־העלדען: מיסטער סטאָון און לעאָנאָראַ׳ן. פאַר די אַנדערע, וועלכע האָבען נישט בע־וויזען דאָס צו ברענגען דעם זעלבען טאָג — ביי זיי איז געוועזן דער טאָג אַ „טרויער־טאָג”, ווי נאָך אַ פערלוירענער שלאַכט. פער־געסען איז געוואָרען יעדע אַנדערע וויכטיגע געשעהעניש. די מלחמה, וואָס איז דענסמאָל אָנגעגאַנגען איבער אַ האַלבער וועלט — איז פערריקט געוואָרען אין אַ זייט, ווי אַ קינדער־שפּיעל געגען דעם פאַקט פון לעבען. די טעלעגראַפען־דראָטען האָבען אָנגעהויבען צו טראָגען איבער גאַנץ אַמעריקאַ, אין די פערוואָרפענסטע ווינקלען, אין די פערבאָרגענסטע לעכער, יעדע מינדעסטע קלייניג־

קייט פון דעם אינטערעסאַנטען מאָרד. קינד און קייט, יונג און אַלט, האָבען געוואוסט די נעמען פון די העלדען פון דער אינ־טערעסאַנטער טראַגעדיע.

7

דער סוד פון סטאָונ׳ס ערפאָלג אין לעבען איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו אָריענטירען זיך אין אַ שלעכטער סיטואַציע. ביי אַ עת־צרה איז ער נישט פערצווייפעלט געווען, האָט ער זיך נישט געוואַקעלט — פערקעהרט, זיינע נערווען זענען געוואָרען ווי אייזערנע קייטען, וואָס האָבען איהם אונטערגעהאַלטען. ער האָט זיך בעמיהט צום ערשט אויסצוגעפינען די פעהלערען, וואָס ער איז בעגאַנגען און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טרייבענדער ענערגיע גענומען זיך צו פעררי‎כטען דאָס שלעכטע. די אייגענשאַפט פון זיין כאַראַקטער האָט זיך אַמבולטסטען אַרויסגעוויזען אין זיין יעצטיגער לאַגע. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, (ווען ער האָט זיך געהאַט שוין גוט אויסגעשלאָפען נאָכ׳ן פייגליכען פערהער), איינגעלעבט זיך שוין אַביסעל געהאַט אין דער סיטואַציע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען — האָט ער זיך באַלד גענומען מיט דער גאַנצער קראַפט זיינער, קאַלטבלוטיג, אויסגערעכענט, טריט ביי טריט אַרויסצוקריגען זיך פון דער נעץ, אין וועלכער עס האָט איהם געפאנגען דער אונגליקליכער אַכטער אויגוסט.

פון דער תפיסה אויס (פאַר קיין גאַראַנטיע און מיט קיין פראָטעקציע איז דאָך נישט געלונגען סטאָונ׳ס אַדוואָקאַטען איהם צו בעפרייען ביז צום געריכט) האָט ער אָנגעפיהרט זיין פערטיידיגונג. יעדען טאָג זענען געקומען צו איהם די אַדוואָקאַטען און מישב געווען זיך איבער יעדען שריט, וואָס זיי האָבען צו טהון.

קודם כל האָט מען זיך גענומען צו בעאַרבייטען די עפענט־ליכע מיינונג. סטאָון האָט גאַנץ גוט געוואוסט, ווי וויכטיג עס איז אין יעדען פּראָצעס און נאָך דערצו — אין אַ פּראָצעס פון אַ גע־זעלשאַפטליכען מענשען—דאָס, וואָס עס זאָגט די גאַס. מען האָט פון צייט צו צייט געבראַכט אין די צייטונגען, אונבעמערקט, אַזוי, אויס נייגעריגקייטס־וועגען, אויספיהרליכע ביאָגראַפיעס פון סטאָונ׳ען ביז צו דעם קריטישען אַכטען אויגוסט. און די ביאָגראַפיעס זענען געווען אַזוי געשריבען, אַז יעדער איינער, וואָס האָט זיי געלעזען, האָט זיך געמוזט פערקלערען און שטעלען זיך אַליין די פראַגע: וואָס פאַר אַ געהיימע קרעפטען טרייבען דעם מענשען אין זיין אונטערגרונד? וועלכע קענען פון קיינעם נישט קאָנטראָלירט ווערען, נור ווערען אָנגעפיהרט פון אַ העכערער אונגעזעהענער מאַכט? יעדער איינער האָט זיך געמוזט זאָגען, אַז דאָס, וואָס איז געשעהן מיט סטאָונ׳ען — האָט אויך געקענט געשעהן מיט איהם אַליין. מען האָט געזעהן אַ מענש, וואָס איז געווען אויף דעם העכסטען שטאַפעל פון גליק. און אויפגעבראַכט אויף דעם שטאַפעל האָט איהם קיינער נישט, נאָר זיין אייגענע ענערגיע און ווילען אַליין. און מיט אַ מאָל — אַזאַ פאַל אַראָב. עס איז געווען די ביאָגראַפיע פון אַ מאָדנעם אַמעריקאַנער ביזנעס־מאַן: אָנגעהויבען אַלס שיק־יונג און איז דערנאָך געוואָרען וויצע־פּרעזידענט פון איינער פון די גרעסטע בענק. געשפּאָרט און געאַרבייט. פון שיק־יונגעל צום אָנגעשטעלטען". פון אָנגעשטעלטען צום הויפּט־אויפזעהער. מען האָט געזעהן ווי ער װאַקסט, געטריבען פון די שטראַהלען פון זיין ענערגיע, ביז ער דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע, און דאַן — דאָס אומגליק. אָהן אַ גרונד, אָהן אַ אורזאַך, פאַר נישט און פאַר וואָס. דאַן, האָבען די צייטונגען געבראַכט פאָטאָגראַפיעס פון איהם, פון זיין פרוי און טאָכטער, פון זייערע היימען. בעשריבען די פאַמיליען־פייערליכקייטען פון יעדען אַכטען אויגוסט — דער געבורטסטאָג פון זייער טאָכטער — ביז צו דעם אומגליק. פון די בעשרייבונגען, פון די פאָטאָגראַפיעס, האָט מען געקענט מיינען, אַז די סטאָונ׳ס זענען געווען פון די גליקליכסטע פאַמיליען אין דער גרויסער שטאָדט ניו־יאָרק.

זעלבסטפערשטענדליך, האָט מען זיך געהיטען מיט איין וואָרט אפילו צו בעלויכטען די בעציהונגען צווישען מאַן און ווייב, וואָס האָבען געהערשט אין סטאָוג׳ס משפחה. אדרבה, מען האָט זיך גע־מיהט מיט אַלע מעגליכקייטען (וויסענדיג ווי וויכטיג עס איז דאָס האַלטען זיך פון מיסיס סטאָון צו דער גאַנצער זאַך) — צו ווירקען אויף די געפיהלען פון דער פרוי, אַז זי זאָל מיטלייד האָבען מיט דעם בעשולדיגטען. מען האָט געבראַכט פון צייט צו צייט אין דער פרעסע מעלדונגען, ווי סטאָון, זיצענדיג אין די טאָמבס, וואַר־טענדיג אויף זיין אורטייל — אינטערעסירט איהם קיין זאַך נישט אַזוי, ווי דער גורל פון זיין משפחה. קיין זאַך טהוט איהם נישט אַזוי וועה — (נישט דאָס, וואָס ער איז פון זיין הויך אַראָבגעפאַלען, אפילו נישט זיין געזעלשאַפטליכע שטעלונג, וואָס ער האָט פער־לוירען, אויך נישט דער טויט, וואָס קוקט איהם אין די אויגען אריין) — ווי דאָס, וואָס ער האָט זיין פאַמיליע בעקליידעט מיט אַזוי פיעל שאַנד און שפּאָט, וואָס איז נור אין דער העלפט אמת געווען.

אַלע אויגען זענען געווען געווענדעט נאָך „סטעטין־האָט״ „סטעטין־האָט״ האָט געשוויגען. מיסטער קראָז, וואָס איז יעצט, נאָכ׳ן אומגליק, אויפגעטרעטען עפענטליך, אַלס דער פערטרויאונגס־פריינד פון דער סטאָון־פאַמיליע— האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו מיסעס סטאָון. סטאָוג׳ס אַדוואָקאַטען, וועלכע האָבען געזוכט אַ פער־שטענדיגונג מיט זיין פרוי, זענען געוואָרען אָבגעשיקט צו מיסטער קראָז, איהר פריינד, אונטערהאַנדלען. בחינם האָבען די אַדוואָקאַ־טען געפּרובט ווייך מאַכען מיסיס סטאַוג׳ס האַרץ (דורך די אויערן פון מיסטער קראָז) אויף דעם בעשולדיגטען, שילדערענדיג זיינע מאָראַלישע ליידען, וועלכע זענען פיעל וועהטאָגדיגער פון זיינע פיזישע, איבער דעם, וואָס זיין פאַמיליע האָט איהם נישט בעזוכט ביז איצט — איהרע אויערן זענען געבליבען טויב. די אַדוואָקאַטען האָבען געפּרובט צוצוקומען צום קינד — דאָס קינד איז געווען בע־האַלטען. „דער פאָטער, וואָס בעגעהט אַ ליעבע־מאָרד אין דעם טאָג פון זיין קינדס געבורטסטאָג — האָט קיין רעכט נישט אויף זיין קינד״— האָט מיסטער קראָז אָבגעענטפערט די אַדוואָקאַטען. צופיעל

איינרייסען מיט דער פרוי האָבען די אַדוואָקאַטען נישט געוואָלט. מורא האָבענדיג, אַז זי זאָל איהר נייטראַלע שטעלונג נישט פערוועקסלען אויף אַ אָנגרייפענדע. צום סוף איז זיי דאָך געלונגען ווירקען אויף דער פרוי דורך דעם, וואָס זיי האָבען איהר געגעבען צו פערשטעהן, אַז פון איהר האַלטונג איז אָבהענגיג דאָס לעבען און דער טויט פון מיסטער סטאָון. דאַן האָט מיסיס סטאָון ערקלערט אין דער פרעסע דורך איהר אַדוואָקאַט, אַז זי פערלאָזט זיך אויף דער גערעכטיגקייט פון געריכט. אין די הענד פון די געשוואוירענע — האָט זי ערקלערט — ליגט איהר צוקונפטיגע בעציהונג צו איהר מאַן, און ביז דאָס געריכט וועט אַרויסטראָגען זיין פסק-דין — שענקט זי דעם בעשולדיגטען דעם „בענעפיט" פון צווייפעל.

סטאָון האָט געביסען די שאַנד, וואָס דער פריינד פון זיין פרוי האָט איהם געשטופּט אין מויל, געביסען די ליפּען פאַר אונמאַכט. מיסטער קראָז, וואָס שיפט זיך מיט זיין ווייב אין געהיים אויף זיין שיפעל בייגאַכט איבער'ן טייך, וואָס צוליעב איהם, און נור צוליעב איהם איז געשעהן דאָס גאַנצע אומגליק — בעשיצט זיין קינד פון דעם „פאָטער-מערדער". איין אויגענבליק איז איהם איינגעפאַלען אַנ'ענדע צו מאַכען פון דעם גאַנצען בלאָף; ענטדעקען פאַר דער וועלט די אמת'ע אורזאַכע, פאַרוואָס ער איז נישט געוועזען ביי זיין קינדס געבורטס-טאָג, צוליעב די בעציהונגען פון זיין פרוי צו מיסטער קראָזין, דאָס האַלטען זיך פון איהר אין דעם קריטישען טאָג פון אַכטען אויגוסט, און אַזוי אַרום צו בעלויכטען דעם פּסיכאָלאָגישען אונטערגרונד פון דעם גאַנצען מאָרד, דעם גאַנצען פּראָצעס דורך דעם צו געבען אַ גאַנץ אַנדערען גאַנג. באַלד איז אָבער געקומען דער ניכטערער שכל און האָט אָנגעהויבען אָבצווועגען דעם עפעקט, וואָס דאָס וועט מאַכען אויף דער עפענטליכער מיינונג און, ווי עס האָט זיך סטאָונ'ען אויסגעוויזען, וועט דאָס נישט מאַכען קיין גינסטיגען איינדרוק. צו בעשולדיגען די פרוי אין עפּעס פערברעכערישעס — האָט ער צו ווייניג בעוויזען געהאַט. פאַר דעם זענען זיי געווען קלוג און פאָרזיכטיג געווען. און פאַר דער עפענטליכקייט וועט עס אויסזעהן, אַז ער וויל די אונשולדיגע

פרוי, וואָס איהר גורל אין שוין אַזוי אויך געווען פינסטער — מיט אַריינשלעפּען אין דעם זומפּ אַריין, אין וועלכען ער אַליין שטעקט. זיי זענען אויף דער פריי, האָבען פרייע בעוועגונג, און איך בין אונטער גראַטעס. זיי שטעהען אין שיין פון בעדויערונג און סימפּאַטיע און איך — אין שאָטען פון פעראַכטונג".

צום ערשטען מאָל האָט זיך סטאָון געמוזט זאָגען, אַז זיינע געגנער זענען שטאַרקער פון איהם און ער מוז קריכען אונטער'ן טיש פאַר זיי. „זענען זיי קלוג — בין איך נאָך קלוגער — אַראָבשלינגען אין מיר די ביטערקייט און עס אויסבעוואַהרען אין אַ ווינקעלע פון מיין האַרץ, גוט עס דאָרט צוקייען, ביז די ריכטיגע צייט וועט קומען. זיך נישט לאָזען פאַנגען אין דער נעץ, וועלכע זיי שפּרייטען אויס פאַר מיר, אַלצדינג איבערטראָגען, נור טרעטען אויפ'ן וועג מיט זיכערע טריט צו מיין בעפרייאונג".

און סטאָון האָט אַראָבגעשלונגען דעם טראָפּען, געבויגען זיך מיט הכנעה אין אונטערטעניגקייט הינטער די שמיץ, וואָס ס'האָט איהם אויסגעטיילט דער פריינד פון זיין ווייב...

דערפאַר אָבער האָט מען אָנגעווענדעט אַלצדינג, דעם קרבן (דעם געשטאָרבענעם מיסטער ווינצלער) פאָרצושטעלען פאַר דער עפענטליכקייט אין די שוואַרצסטע פאַרבען. די פערטיידיגונג האָט געשיקט אַ גאַנצע אַרמעע פון געניטע שפּיאָנען קיין קענטאָקי און זיי האָבען אויסגעגראָבען פון אונטער דער ערד אַלע פערבאָרגענע מעשים פון דעם געהיימניספולען מיסטער ווינצלער. זיי האָבען צונויפגעקליבען אַ מאַטעריאַל, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם אומגליקליכען פאַר אַ ריכטיגען „בלויע-באָרד". זיי האָבען ענטדעקט פערבאָרגענע סודות וועגען דעם טויט פון זיינע פריהערדיגע פרויען. שוידערליכע, אונמענשליכע מעשים, וואָס דער ערמאָרדעטער האָט געטריבען מיט זיינע פרויען-קרבנות. דאָס מאַטעריאַל האָט פאָרגעשטעלט לעאָנאָראַ'ן, די הויפּט-העלדין פון געשעהעניש פון אַכטען אויגוסט, פאַר אַ ריכטיגע מערטירערין און וואָס איז אויסגענוצט געוואָרען פון דעם ערמאָרדעטען אויף אַ שוידערליכען אופן. ער האָט זי פּשוט טעראָריזירט, געטריבען מיט איהר מאַזאָכישע מעשים. דאָס מאַטעריאַל און די עדות זענען פאָרגעבייט געוואָרען

אין שטרענגען געהיים, אַז די אָנקלאָגער זאָלען גאָרנישט דערפון געוואָהר ווערען און עס זאָל קומען ווי אַ „באָמבע", אומגעריכט אין טאָג פון געריכט, כּדי דעם געגנער נישט צו געבען קיין מעגליכקייט פון קאָנטר-אַטאַקען.

די פערטיידיגער זענען בעשטאַנען אַממעהרסטען פון זיינע פערזענליכע פריינד, מיט וועלכע ער האָט זיך צוזאַמען אויפגעצויגען. זיי האָבען בעלאַנגט אַלע צו איין קלוב, שטודירט אין איינשולע קינדווייז, כּמעט ווי אויפגעצויגען געוואָרען אין איין גאַס — סטאָון איז פאַר זיי נישט געווען קיין „קליענט". זייער גאַנצער קלאַס איז געשטאַנען אונטער דער בעשולדיגונג — איז עס געוואָרען די אַמביציע פון אַ גאַנצען קלאַס מענשען, סטאָונען צו בעפרייען. עס איז זיי געלונגען צו קריגען פאַר דער פערטיידיגונג אַ בעריהמטען אַדוואָקאַט, וועלכער שפּילט אַ געוואַלדיגע ראָלע אין דער יעצטיגער רעגירענדער פּאַרטיי. אַ מאַן, וועלכער איז שיעור אַליין נישט געווען קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט און האָט בעציהונגען מיט דער העכסטער אַדמיניסטראַציע, וועלכער זאָל שוין מיט זיין פּערזענליכקייט אַליין ווירקען אויף די געשוואוירענע, אויף די ריכטער, אויף דער גאַנצער עפענטליכער מיינונג. די פערטיידיגונג האָט פאָרגעברייט איהר פּלאַן אַזוי געשיקט, אַזוי געראָטען, אַז דאָס גאַנצע לאַנד האָט באַלד פון ערשטען טאָג פון די געריכטס-אונטערהאַנדלונגען בעדאַרפט איבערגעצייגט ווערען אין סטאָונ'ס אונשולדיגקייט, צוציהען די גאַנצע סימפּאַטיע פון דער עפענטליכער מיינונג אויפ'ן צד פון מערדער און די גאַנצע שולד וואַרפען אויפ'ן טויטען קערפּער פון קרבן. וואָס סטאָון האָט געטהון — וואָלט אייגענטליך יעדער אַנשטענדיגער מענש, יעדער דזשענטעלמען בעדאַרפט טהון: ער האָט פערטיידיגט אַ פרוי פון אַ קראַנקען, אויסגעלאַסענעם אַלטען מכשף, וועלכע איז געקומען זוכען ביי איהם שוץ. אין האַסטיגקייט פון קאַמף צווישען די צוויי מענער — פאַלט דער אומגליקליכער מיט די שלייפען אויף די אייזערנע שטאַנגען פון דעם אויוען-צוים, פון וועלכען ער בעקומט אַ טויט-שלאַג. דעם חאַראַקטער פון דעם אַלטען האָבען בעדאַרפט בעלויכטען פיעל אָנגעזאַמעלט מאַטעריאַל און בעגלויבטע עדות. די בעציהונג פון קרבן צו לעאָנאָראַ'ן -- האָט

מיט איהר גאַנצער אָפענהערציגקייט בעדאַרפט אויפדעקען, ביי געשלאָ־
סענע טירען, פאַר די געשוואוירענע — לעאָנאָרא אַליין. און די
בעסטע דאָקטוירים־עקספּערטען איבער'ן גאַנצען לאַנד האָבען בע־
דאַרפט בעשטעטיגען, אַז דער קרבן איז געשטאָרבען נישט פון
דערוועֶרגונג, נאָר דורך דעם קלאַפּ פון די שלייפען אין די
אייזענס פון אויוועֶן.

אָבער די אָנקלאַגע האָט אויך נישט געשוויגען. דער סקאַנ־
דאַל האָט אַרויסגערופען אַזאַ פערביטערונג אין דער ראַדיקאַלער
פּרעסע געגען די רייכע, געגען די פּריווילעגירטע, וואָס ווייסען שוין
נישט וואָס צו טהון פאַר וואוילטאָג — אַז די, וואָס זענען געשטאַ־
נען ביים רודער, האָבען געוואָלט ווייזען, אַז זיי האָבען גאָרנישט
וואָס צו טהון מיט דעם קלאַס מענשען, צו וועלכע עס בעלאַנגט
דער אָנגעקלאָגטער. ווארום ווי סטאָון האָט נישט געשטרעבט אריינ־
צוקריגען זיך אין דעם קלאַס פון פּריווילעגירטע, איז ער אָבער
אַליין געווען אַ קינד פון אַ עמיגראַנט, אַ איד, יעדענפאַלס, אַ מענש,
וואָס בעלאַנגט נישט צו די ריינע הונדערט־פּראָצענטיגע אַמעריקאַ־
נער, נאָר אַ אויסערליכער — די אָנקלאַגע האָט אָנגעשטעלט איינעם
פון איהרע כיטרעסטע מיטהעלפער, אַז ער זאָל אָנפיהרען די אָנ־
קלאַגע. אַ מענטש, וואָס האָט זיך בעקאַנט געמאַכט איבער'ן גאַנצען
לאַנד פאַר אַ פערביטערטען קעמפער געגען דער מאָראַלישער אויס־
געלאַסענקייט. אַ מענשען, נאָך פערהעלטניסמעסיג אַ יונגען, נאָר
זעהר אַ פעהיגען און אַמביציעזען, וועלכער האָט געוואָלט דורך
דעם פּראָצעס, וואָס האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט
פון גאַנצען לאַנד, דערגרייכען צו דער שטעלונג, וואָס איהם האָט
זיך געדאַכט, אַז ער איז בערעכטיגט צו פערנעהמען.

פונקט אַזוי ווי די פערטיידיגונג, אַזוי האָט אויך די בעשול־
דיגונג צוגעגרייט אין געהיים, דורך אַגענטען, אַ שווערען בעשולדי־
גונגס־מאַטעריאַל געגען דעם אָנגעקלאָגטען. נישט נור איבער דעם
אומגליקליכען געשעהעניש אַליין פון אַכטען אויגוסט — נור אַ בע־
שולדיגונג איבער זיין גאַנץ לעבען, איבער זיין גאַנצער קאַריערע.
מען האָט פון אונטער דער ערד אויסגעגראָבען די פערבאָרגענסטע
סודות פון זיין לעבען, די אינטימסטע בלוטיגסטע בעהעלטענישען,

פון וועלכע אַ מענש שעהמט זיך פאַר זיך אַליין צו קלערען און צו געדענקען זיי הויך מיט זיינע געדאַנקען, נור זיי שלימערען אין איהם, ווי חלומות אין אַ שלאָף. יעדע זיין פערהעלטניס מיט אַ פרוי, יעדע זיין איבערלעבעניש, יעדע געליבטע, יעדעס קעבס-ווייב — האָט מען אַרויסגעשלעפט אין דער עפענטליכקייט און געוויזען פאַר דער גאַנצער וועלט.

8

דאָס געריכט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַכט־פעלד, די געריכטס־אונטערהאַנדלונגען — אין אַ קאַמף! ניט איבער דעם לעבען און טויט פון אַ מענשען. ניין, אָפטמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז אָהן דעם בעשולדיגטען האָבען פערגעסען אי די אָנקלעגער, אי די פערטיידיגער. נאָר דאָס געפעכט האָט זיך געפיהרט צווישען די צוויי צדדים וועגען זייערע אייגענע קאַריערעס, וואָס זענען געווען פערבינדען מיט דעם פראָצעס. נישט צו געווינען, אָדער צו פערלירען אַ לעבען פון אַ מענשען האָט זיך דאָ געהאַנדעלט (דאָס איז געווען אַ נעבען־זאַך). די הויפט־זאַך איז געווען, צי די אָנקלאַגע וועט געווינען, אָדער די פערטיידיגונג. און צוקוקער צו דעם געפעכט איז געווען דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס איז דורך דער פרעסע צוגעצויגען געוואָרען מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, ווי די צוקוקער אין אַ צירק ביי אַ טיער־קאַמף.

דער פערטיידיגונג איז געלונגען דורך איהר אָנגעזאַמעלטען מאַטעריאַל און דורך איהרע עדות צו פערטונקלען דעם כאַראַקטער פון דעם קרבן. דער קרבן איז שוין געווען טויט. און קיינער פון זיינע נאָהנטע, זעהט אויס, האָבען, צוליעב געוויסע טעמים, נישט געפונען פאַר מעגליך זיך אריינצומישען אין דעם קאָמפּראָמיטירענדען פראָצעס, האָט ער דורך דעם נישט געהאַט קיין אָנגעהמער. די עקספּערטען, וועלכע די פערטיידיגונג האָט פּערופען פון די בעריהמטסטע פאַכלייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, האָבען פעסטגעשטעלט, אַז דער טויט־שלאַג איז געקומען פון דעם קלאַפּ אָהן די אייזעננ

ביים קאַמין. פונקט פערקעהרט האָבען פעסטגעשטעלט די עקס-פּערטען, וועלכע זענען געווען נישט ווענינער בעריהמט, וואָס עס האָט פעררופען די אָנקלאַגע — אַז ער איז געשטאָרבען פון דער-שטיקונג.

און דאַן איז געלונגען דער אָנקלאַגע אַרויסצוברענגען, אַז דער באַשולדיגטער האָט, נאָך אַן אינטימען געשפּרעך מיט דער קאָמפּראָמיטירענדער פרוי, די בעגלייטערין פון דעם קרבן, וועלכער איז פאָרגעקומען צווישען זיי „טעט-אַ-טעט“, אין אַ ווינקעל פון דער האָטעל-האַלע, אונטערגעקויפט דעם האָטעל-דינער, אַז ער זאָל אי-בערטוישען זיין צימער פון דריטען אויפ׳ן אַכטען שטאָק — אין שכנות מיט׳ן קרבן. און דאָס, וואָס דער אָנגעקלאָגטער האָט ביי׳ם פערשרייבען זיך אין האָטעל-בוך נישט אָנגעגעבען זיין ריכטיגען נאָמען, נור אַ פרעמדען — ווארפט דאָס נישט קיין חשד, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט פון פריהער געהאַט עפּעס אַ געהיימע אורזאַך-צוליעב וועלכער ער האָט זיך געוואָלט פאַרשטעלען אונטער אַ פרעמ-דען נאָמען? אויך האָט דער אָנגעקלאָגטער נישט געקאָנט ערקלע-רען די ריכטיגע אורזאַכע, פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּעטיגט דעם צוג צו זיין איינציג קינד׳ס געבורטס-טאָג — צי איז דאָס נישט אַ בעווייז, וואָס דער אָנגעקלאָגטער האָט געהייסען אָפּשטעלען זיין מאַשין אויפ׳ן וועג צום צוג, פאַר אַ שאָקאָלאַד-געוועלב, כאָטש דער שאָפער האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז דאָ ווענינ צייט?

אויף די אַלע בעווייזען האָט די אָנקלאַגע פאָרגעשטעלט די געשעהענישען פון אַכטען אויגוסט אויף דעם פאָלגענדען אופן:

סטאָון האָט פערשפּעטיגט דעם צוג דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ געהיימען „ראַנדעוואו“, אָפּגערעדט שוין פון פריהער צו טרעפען זיך מיט דער פרוי אין האָטעל, נור פאַר די אָנגעשטעלטע אין באַנק האָט ער געשפּיעלט די ראָלע, אַז ער איז אַזוי פערנו-מען, אַז ער זעהט נישט, ווי עס ווערט שפּעט. אין אמת׳ען אָבער איז ער גאָרנישט געווען פערנומען, נאָר געוואָלט פערשפּעטיגען דעם צוג. ווען ער איז געפאָהרען צו דער באַהן, און דער שאָפער איז שנעל געלאָפען, האָט סטאָון מורא געהאַט, אַז ער זאָל דורך

דעם טרעפען דעם צוג, האָט ער איהם עקסטרא געהייסען אָפּשטעלען זיך פאַר אַ שאָקאָלאַד=געשעפט, כדי צוויי אַרום צו פערשפּעטיגען, וואָרום אַנדערש קען מען זיך נישט ערקלערן, פאַר וואָס סטאָון האָט זיך נישט געפונען דעם אַכטען אויגוסט, דעם טאָג פון זיין קינד'ס געבורטס=טאָג, וואָס איז געפייערט געוואָרען פון שטענדיג אָן פאַר אַ גרויסען פאַמיליען=יום=טוב, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. עס איז געווען דערפאַר, וואָס סטאָון האָט געהאַט אַ פיעל וויכטיגערע אורזאַך צו בלייבען אין שטאָדט — אַ „ראַנדעוואו" מיט אַן אויסגעלאַסענער פרוי. דאָס טרעפען זיך איז געווען אָפּגערעדט פון פריהער, דורך בריעף אָדער פערזענליך. אַז סטאָון האָט שוין געקענט די פרוי פון לאַנג און איז געווען מיט איהר אין געהיימע בעציהונגען — דאָס בעווייזען פיעל זאַכען: מיט אַ פרוי פון דער גאַס, וואָס סטאָון וואָלט נישט געקענט, וואָלט זיך דער פאָרזיכטיגער, שטענדיג אויסגערעכענטער וויצע=פּרעזידענט פון דער האַנדעלס=באַנק נישט ארייַנגעלאָזט זיך צום ערשטען מאָל אין אַזעלכע אינטימע פאַרהעלטענישען; ער האָט דאָך געמוזט וויסען, אַז דאָס קען איהם זיין קאַריערע קאָסטען. סטאָון האָט געקענט די פרוי, איז געווען מיט איהר שוין לאַנג פערבונדען, אַז נישט — קען זיך גאָר נישט ערקלערען זיין גאַנצע האַנדלונג דעם אַכטען אויגוסט. סטאָון האָט אויך געמוזט גוט וויסען, אַז די פרוי, אין דער בעגלייטונג פון אַ מאַן, בעלאַנגט מיט רעכט אָדער אונרעכט, צו יענעם, פון וועלכען זי קען זיך, צוליעב געווויסע אורזאַכען, נישט באַפרייען. אפשר ווייסט ער פון איהר אַזעלכע סודות, וואָס קען איהר קאָסטען איהר פרייהייט? און אפשר האָט מיסטער ווינצלער אויך געקענט עפּעס דערצעהלען וועגען דעם מיסטער סטאָון, וואָס וואָלט נישט אָנגענעהם געווען דעם וויצע=פּרעזידענט פון דער האַנדעלס=באַנק... און סטאָונ'ס ברילליאַנטענער רינג, וואָס מען האָט געפונען ביי דער פרוי?... אַ פרוי, וואָס קומט זוכען שוין ביי אַ מאַן, שענקט מען נישט קיין ברילליאַנטענעם רינג, וואָס איז ווערט אַ פערמעגען... און דאָס רייכע אָבענד=ברויט, וואָס סטאָון האָט געשטעלט פאַר ווילד=פרעמדע מענטשען, מיט וועלכע ער האָט זיך צום ערשטען מאָל באַקענט? און די רייכע, שטאַרקע ווייבען?...

איז דאָס ניט אַ באַווייז, אַז סטאָון האָט בדעה געהאַט דעם קרבן אָנצושיכּור'ן און אַזוי אַרום איהם אומשעדליך צו מאַכען? ווען דאָס איז איהם נישט געלונגען, האָט ער זיך גענומען פאַר דעם ראַדיקאַלסטען מיטעל — ער האָט איהם פשוט דערוואָרגען. נור די שרעקליכסטע באַשולדיגונג, וואָס די אָנקלאַגע האָט אַרויסגעבראַכט געגען דעם אָנגעקלאָגטען, איז געווען דאָס, וואָס דער איין און איינציגער עדות, וואָס איז געווען ביים מאָרד, האָט, וועלענדיג זיך ראַטעווען, ביי אַ שטרענגען קרייץ-פאַרהער, איבערגעחזר'ט דאָס, וואָס זי האָט זיך שוין געהאַט מודה געווען פון פריהער, אַז נאָכאַ דעם, ווי סטאָון איז בעגאַנגען דעם מאָרד, האָט ער געהאַט מיט איהר אינטימע באַציהונגען אין געגענוואַרט פון קרבן... זי האָט נישט געוואוסט דערפון, ווייל דער קאַמף צווישען די מענער איז פאָרגעקומען אין דער טונקעלהייט, דערווייטערט, אויף אַ לאַנגען שטח פון בעט, אין וועלכען זי האָט זיך געפונען. זי האָט עס נישט געזעהן, ווייל פאַר מורא האָט זי די קאָלדרע איבער'ן קאָפּ געצויגען, און דער טויט איז אַזוי שנעל אַריינגעטראָטען און אַזוי אָהן רעש, אַז זי איז געווען זיכער, אַז דער קרבן האָט פאַרלאָזען דאָס צימער.

דער דאָזיקער דעטאַל האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק אויף די געשוואוירענע, אַז ער האָט פאַר'חתמ'עט סטאָון'ס גורל.

אויפ'ן גרונד פון אָט די אַלע באַווייזען, האָט דער אָנקלאָגער אין אַ פייערדיגער רעדע פערלאַנגט, אַז די געשוואוירענע זאָלען ערקלערען דעם אָנגעקלאָגטען שולדיג אין צוגרייטען און אויספיהרען אַ ביזווילליגען מאָרד.

דער געשוואוירענער מאַקקענליי, דער עלטסטער פון די געשוואוירענע, איז געווען אַ קליינער בעאַמטער אין פינאַנץ-אַמט. און כאָטש ער האָט זיין לעבען פערבראַכט אין צוזאַמענרעכענען גרויסע חשבונות מיט חשוב'ע ציפערען אין די מיליאָנען דאָלאַרס, האָט ער נישט געקענט אויסקומען מיט זיין קליינעם געהאַלט און איז שטענדיג געווען אין געלד-נויט. זיין גרעסטע זאָרג איז געווען דירה-געלד, וועלכע, צוליעב זיין גרויסער פאַמיליע, האָט אויפגע-

געטען אַ העלפט פון זיינע איינקונפטען. געגלויבט האָט ער, אַז אין דעם גרויסען יקרות אויף אַלעם איז שולדיג „וואָלל-סטריט". *) „וואָלל-סטריט" איז שולדיג אין אַלע צרות. „וואָלל-סטריט" בעהאַלט דאָס גאַנצע גאָלד אין די קעלערס פון די גרויסע „וואָלקען-קראַצערס" און לאָזט דאָס פאָלק אויסהונגערען, פריהרען און נאַקעט אַרומגעהן. ער האָט געטראָגען אַ שנאה צו אַלעס, וואָס קומט פון „וואָלל-סטריט", און עס איז גענוג געווען, אַז דער בעשולדיגטער געהערט צו „וואָלל-סטריט", אַז ער האָט איהם שוין געהאַט פעראורטיילט פון פאָראויס.

פון אַ גאַנץ אַנדערען שניט איז געווען מיסטער ברוינער, דער צווייטער געשוואוירענער. מיסטער ברוינער איז געווען אַ בראָקער (אַ מעקלער אויף „וואָלל-סטריט"). ער האָט געקענט דאָס לעבען און ער האָט געוואוסט, אַז באַנקירען זענען פונקט אַזעלכע מענשען ווי אַנדערע, האָבען זייערע צרות און אָפטמאָל געהט זיי נישט איין דער וואוילטאָג, וועלכען זיי געניסען. ער האָט שוין געזעהן באַנקירען, וואָס היינט זענען זיי געווען גרויסע קנאַקערס, אַז זיי האָבען די בערזע געשאַקעלט, און אויף מאָרגען זענען זיי זיך געקומען בעטען שטעלען אַלס אָנגעשטעלטע ביי איהם. ער איז געווען אַ מענש פון לעבען. איבער איהם האָט די פערטיידיגונג געפיהרט אַ גרויסען קאַמף, אַריינצונעמען איהם צווישען די געשוואוירענע (זי האָט עס געהאַלטען פאַר אַ גרויס געווינס). ער האָט גענומען אַלצדינג אין לעבען „פיפטי-פיפטי", דאָס הייסט, פופציג פראָצענט איז יאָ אַזוי, פופציג פראָצענט — נישט אַזוי. אַזוי האָט ער אויך גענומען דעם פראָצעס, דאָס עדות-זאָגען פון די ע/ות, די רעדעס פון די אדוואָקאַטען. פופציג פראָצענט איז יאָ אַזוי און פופציג פראָצענט איז נישט אַזוי, ווי די עדות זאָגען. אַזוי האָט ער אויך געהאַלטען דעם בעשולדיגטען — פופציג פראָצענט איז ער יאָ שולדיג און פופציג פראָצענט איז ער נישט שולדיג. דורך דעם בעדאַרף מען פופציג פראָצ נט בעשטראָפען און פופציג פראָצענט בעפרייען... צו סטאָון אַליין, אַלס מענש, האָט ער קיין בעציהונג נישט געהאַט, כאָטש ער האָט איהם גוט געקענט. ער איז

*) ניו-יאָרקער בערזע.

נישט געווען זיין קונד, און מיסטער ברוינער האָט באַציהונגען נור צו מענשען, וועלכע שטעהען מיט איהם אין האַנדעלס=פערבינדונגען. צו דער איבעריגער וועלט איז ער גלייכגילטיג.

דער יוד, זילבערשטיין, איז געווען אַ סוחר פון פוטערוואַרג. און פונקט אין מיטען ברען פון סעזאָן, ווען די בעשטעלונגען ברעגען אונטער די הענד, האָט מען איהם געגעבען אַ רוף, אַז ער זאָל זיין אַ געשוואוירענער. אַ פולער לוח מיט טערמינען וועקסלען צו צאָהלען, און דאָ, אין מיטען דער־נען — אַזאַ אומגליק! ער האָט זיך געוואָלט אַרויסמאַכען דערפון, אָבער ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אונוויסענדיג. אַז דער ריכטער האָט איהם געפרעגט: „גלויבט איהר אין טויט=שטראָף"? — האָט ער מורא געהאַט צו זאָגען, אַז ער גלויבט נישט, כדי ער זאָל דורך דעם נישט אויסקוקען, ווי אַ רעוואָלוציאָנער, און מיט'ן געריכט איז נישט גוט זיך אָנצוהויבען... האָט ער געענטפערט: „אַוודאי גלויב איך, ווען אַ מערדער בעפאַלט דיך אין גאַס, נעהמט צו דיין געלד און הרג'עט דיך—אַודאי קומט איהם טויט=שטראָף."

די פערטיידיגונג האָט אין איהם געזעהן אַ גוטען געשוואוירענעם. ערשטענס, האָט זי אהן זיין נאָז דערקענט, אַז דער יוד גלויבט נישט אין טויט=אורטייל, און, צווייטענס, האָט זי גערעכענט אויף „ראַסען=סענטימענטען", וואָס עס הערשט ביי יודען; אַז איין יוד וועט דעם אַנדערן נישט שיקען אויפ'ן עלעקטרישען טויט=שטול...

דער קליינער פינאַנץ=בעאַמטער, וועלכער האָט געזעהן אַלדאָס=שלעכטס שטאַמען פון „וואָלל=סטריט", האָט, ווי שוין געזאָגט, זיין מיינונג געהאַט אָפּגעמאַכט פון פריהער, און עס איז געוואָרען זיין ליידענשאַפט צו שיקען סטאָונ'ען אויפ'ן „עלעקטריק=טשער". זילבערשטיין, וועמען זיין יודיש האַרץ האָט נישט צוגעלאָזט צו נעמען און טויטען אַ מענשען און נאָך דערצו אַ יודען, אַז ער האָט דערזעהן, אַז עס שמעקט מיט טויט, האָט ער אָן אַלע זיינע אינטערעסען פערגעסען, אָן אַלע זיינע וועקסלען, און געלעבט מיט'ן פּראָצעס. דער בעשולדיגטער איז איהם אָנגעגאַנגען מעהר ווי אַלעס. ער האָט זיך געאַמפּערט מיט די קאָלעגען, און ווי ווייט זיין ענגליש האָט איהם

געדיענט, האָט ער איהם פערטיידיגט און נישט צוגעלאָזט צו קיין פערברעכען, העלפענדיג זיך דערביי מיט זיינע הענד און בעוועגונגען. ווען עס האָט שוין גאָרנישט געהאָלפען, האָט ער גערופען צוהילף זיינע טרערען. דער מעקלער, ווידער, האָט געפּרואווט שטעהן צווישען די ביידע. ער האָט עס געוואָלט מאַכען „פיפטי־פיפטי". די איבעריגע געשוואָרענע האָבען קיין אייגענע מיינונג נישט געהאַט. זיי זענען מיטגעשלעפּט געוואָרען אַמאָל מיט דער ריכטונג, אַמאָל מיט דער אַנדערער.

עס איז שוין די דרייצעהנטע שעה, ווי די געשוואָרענע זענען געזעסען פערמאַכט אין זייער בעראַטונגס־צימער, און האָבען אַלץ נישט געקענט קומען צו קיין איינהייטליכען בעשלוס וועגען דעם גורל פון מיסטער סטאָון.

דורך די אַכט טעג, וואָס עס האָבען געדויערט די אונטערהאַנדלונגען פון געריכט, זענען זיי געוואָרען שוין אַזוי אויסגעמוטשעט, אַז עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז עס וועט גענוג זיין פינף מינוט, און זיי וועלען זייער אורטייל אַרויסגעבען: אַהין אָדער אַהער, אַבי נור פּטור צו ווערען פון דעם קאָשמאַר, אין וועלכען זיי האָבען זיך געפונען דורך דער צייט פון די געריכטס־אונטערהאַנדלונגען. דאָס געשעהעניש אַליין איז זיי פון די אונטערהאַנדלונגען פון געריכט נישט קלערער געוואָרען. פערקעהרט, נאָך מעהר פערטונקעלט. וועגען דער עצם זאַך אַליין, צי סטאָון איז יאָ שולדיג, אָדער נישט שולדיג — וועגען דעם האָט זיך, אייגענטליך, דורך די גאַנצע צייט פון די געריכטס־אונטערהאַנדלונגען נישט געהאַנדעלט. דער גאַנצער ויכוח צווישען דער פערטיידיגונג און דער אָנקלאַגע, און צווישען זיי ביידע מיט דעם ריכטער, האָט זיך געדרעהט עפּעס וועגען זייטיגע זאַכען, וואָס האָט די געשוואָרענע אַזוי די קאָפּ פערדולט, אַז זיי האָבען זיך נישט געקענט אַרויסדרעהען פון דעם לאַבירינט, אין וועלכען די אונטערהאַנדלונגען האָבען זיי אַריינגעבראַכט.

זיי האָבען בעדאַרפט ענטשיידען, אויב אַ מענטש קען אייפערזיכטיג זיין נישט בלויז אויף זיין אייגען ווייב, נור אויך אויף אַ ווילד פרעמדע פרוי, וואָס ער זעהט זי צום ערשטען מאָל; זיי

האָבען בעדאַרפט ענטשיידען, אויב די צווײ בלויע פלעקען, וואָס האָבען זיך בעוויזען אונטער דעם אויער פון דעם ערמאָרדעטען, איז אַ פאָלגע פון אַ בלוט-דרוק פון אונטער׳ן האַרץ, ווי די אָנקלאָגער האָבען געוואָלט האָבען, אָדער עס איז פון דעם קלאַפּ פון די אייזענס, ווי די עקספערטען פון דער פערטיידיגונג האָבען געזאָגט. איניגע פון זײ זענען אַליין געווען אויף דעם אָרט, אין האָטעל-צימער, וואו עס איז געשעהן די טראַגעדיע, — כדי אויסצומעסטען מיט זייערע אייגענע לייבער די ווייטקייט פון דער טהיר צום קאַמין אויך פון די גרויסע מעדיצינישע פּאָרטראַגען, וואָס עס האָבען געהאַלטען די עקספערטען, זענען די געשוואָרענע נישט קליגער געוואָרען אין דער עצם זאַך, נור זײ זענען נאָך נאַרישער געוואָרען. ענדליך זענען זייערע נערווען און זייערע געפיהלען מיטגעצויגען געוואָרען שטענדיג מיט דעם לעצטען און מיט דעם בעסטען רעדנער. האָט דער אָנקלאָגער אויסגערופען, ווייזענדיג מיט דער האַנט אויף דער אין טרויער געקליידעטער פרוי, צו װעמען אַלעמענס אויגען זענען געווען געריכטעט מיט סימפּאַטיע און מיטלייד: „דאַמאָלסט, ווען די פרוי (האָט דער אָנקלאָגער אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף מיסעס סטאָון) האָט אָנגעצונדען מיט איהר האַנד די ליכטלעך אין דעם געבורטס-קוכען פון איהר געליעבט קינד, האָט זיך דער פאָטער פון דעם קינד געפונען אין אַ געזעלשאַפט פון אַן׳אויסגעלאַסענער פרוי, אין געגענוואַרט פון זיין ערמאָרדעטען קרבן!" — זענען די געשוואָרענע געוואָרען אָנגעצונדען פון די רייד, און זײ זענען די מינוט גרייט געווען אַרויסגעבען אַן אורטייל: טויט! ווען, ווידער, דער בעריהמטער פערטיידיגער האָט מיט זיין האַנד אָנגעוויזען אויף דעם איינגעבויגענעם בעשולדיגטען און אויסגערופען מיט פּאַטאָס: „דער מאַן האָט געבויט דעם טעמפּעל פון זיין לעבען מיט זיינע אייגענע הענט, און מיט זיינע אייגענע הענט האָט ער איהם צושטערט!" — זענען די אויגען פון די געשוואָרענע פערלאָפען געוואָרען מיט טרערען אויס רחמנות מיט דעם בעשולדיגטען. און ווען זײ זענען דאָך ענדליך צוזאַמענגענומען אַרויסצובערענגען דעם אורטייל איבער דעם מענשען, האָבען זײ קיין קלאָרען בעגריף נישט געהאַט, צי דער מענטש איז שולדיג, אָדער אונשולדיג. זײ זענען געווען בעקאַנט מיט דעם קלענסטען

דעטאַל פון דעם קרבן און פון דעם מערדער׳ס לעבען, אָבער דאָס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין הארץ פון דעם בעשולדיגטען אין דעם קריטישען מאָמענט פון דעם אַכטען אויגוסט — פון דעם האָבען זיי קיין בעגריעף נישט געהאַט.

אַ טייל פון זיי זענען שוין מידע אַנטשלאָפען געוואָרען אין די פּאָטער-שטוהלען, אָנגעלעהנט די פיס אויף די טישען. אַנדערע, הייזעריגע, האָבען צום הונדערטסטען מאָל איבערגעקייט די אַרגומענטען פון זייערע אָנפיהרער פאַר אָדער געגען דעם אָנגעקלאָגטען. איינמאָל זענען זיי שוין געווען אַזוי איבערצייגט פון די, וועלכע האָבען איהם בעשולדיגט, אַז זיי זענען גרייט געווען שוין אַרויסצוברענגען דעם פּסק-דין. האָט אָבער מיסטער זילבערשטיין אָנגעהויבען צו וויינען מיט טרערען און געבעטען רחמנות אויף אַ מענשען, און קלאַפּענדיג זיך אין הארץ, האָט ער געשוואָרען פאַר גאָט, אַז ער וועט מיט זיינע הענד נישט טויטען אַן אונשולדיגען מענשען. האָבען די ווערטער געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז אַ טייל פון די געשוואָרענע זענען מיטגעריסען געוואָרען. אַנ׳אַנדערש מאָל זענען זיי שוין געווען אין גאַנצען פאַרטיג: געבייגט צו די, וועלכע האָבען איהם פערטיידיגט, האָט זיך ווידער איינגעשפּאַרט דער פינאַנץ-בעאַמטער, וועלכער האָט געזאָגט: „ער וואָלט איהם אַלץ מוחל געווען, נור דאָס, וואָס ער האָט עס געטאָהן אין דעם טאָג פון זיין קינד׳ס געבורטסטאָג, דאָס קען ער איהם נישט מוחל זיין“. און דער אונגליקליכער אַכטער אויגוסט, דער טאָג פון זיין קינד׳ס געבורטס-טאָג, איז געווען אַזאַ שלאָגענדיגער בעווייז פאַר זיין שולדיגקייט, וואָס דאָס האָט קיינער נישט געקענט אָבווענדען. ענדליך, נאָך דער דרייצעהנטער שעה, ווען אַלע זענען שוין אַזוי אויסגעמוטשעט געווען, אַז זיי האָבען זיך קוים געהאַלטען אין די פּאָטער-שטוהלען, האָט זיך אויפגעהויבען מיסטער ברוינער, דער „בראָקער“ פון „וואָלל-סטריט“, און האָט געהאַלטען אַזאַ רעדע:

„דזשענטעללייט — זאָגט ער — דער בעסטער וועג אַזעלכע זאַכען צו פערענדיגען איז אויף אַ ריינעם ביזנעס-וועג. מיר זענען אַלע ביזנעס-לייט און מיר בעדאַרפען די זאַך ערלעדיגען אויף אַ ביזנעס-וועג. איך נעם אָן, ווי אין יעדען געשעפט, „פיפטי-פיפטי“.

פופציג פראָצענט איז דער מאַן שולדיג, פופציג פראָצענט איז ער נישט שולדיג. דורך דעם דאַרף די שטראָף אויך זיין אַזוי. קיינער וויל נישט, אַז דער מאַן זאָל געהן אויפ׳ן עלעקטריק-טשער. קיינער וויל אויך נישט, אַז דער מאַן זאָל אָפּקומען מיט אַ גאָרנישט פאַר זיין פערברעכען, און זאָל אין צוויי-דריי יאָהר ארום קענען זיך פריי ווידער אַרומדרעהען צווישען אונז. ווען אייגער פון אונז וואָלט אזא פערברעכען בעגאַנגען און די געשוואוירענע וואָלטען אַרויס-געטראָגען דעם אורטייל פון „שולדיג", צי מען וואָלט יאָ געוואָלט, צי מען וואָלט נישט געוואָלט, וואָלט ער זיך געזעצפעלט אויף די שטריק. אָבער אַזעלכע מענער, ווי מר. סטאָון, העגגען נישט. דער-פאַר איז ער צו רייך, האָט נישט קיין מו״א, זיינע אַדוואָקאַטען וועלען איהם שוין אַרויסנעהמען פון דעם טייוועל׳ס הענד. מיט דעם איינפלוס, וואָס מר. גריגאָרי, זיין אַדוואָקאַט, האָט אין זיין פאַרטיי, וועלכע איז יעצט די רעגירענדע — דענקט איהר, אַז ער וועט לאָזען זיין קליענט געהן אויפ׳ן עלעקטריק-טשער? דער גו-בערנאַטאָר איז זיינער, דער פרעזידענט איז זיינער, און די בעגנע-דיגונג איז שוין פון פריהער אונטערגעשריבען, ווען איהר וועט שיקען סטאָונ׳ען אין געפענגעניש אַריין, זייט זיכער, אַז אין אַ יאָהר ארום איז ער ווידער אויף האָל-סטריט. ווען איהר זאָלט איהם שיקען אויפ׳ן עלעקטריק-טשער, קען מען אַמוועניגסטען רעכענען, אַז אייניגע יאָהר וועט ער דאָך בלייבען אין געפענגעניס. און דאָס ווילען מיר אַלע. זאָלען מיר איהם געבען צו פערזוכען דעם טעם פונ׳ם בעכער; אַז נישט, וועט ער גאָרנישט חרטה האָבען אויף זיין פערברעכען. איהר ברענגט נור אַרויס דעם פסק, און פערלאָזט זיך אויף סטאָונ׳ס געלד און אויף דעם איינפלוס פון זיינע אַדוואָקאַטען, אַז זיי וועלען איהם שוין ראַטעווען, נישט נור פון אונזער פסק-דין, נור אֲפילוּ פון דעם טייוועל׳ס הענד. איך ווייס, וואָס איך רעד!"

די געשוואוירענע זענען געווען דאַנקבאַר דעם בראָקער, וואָס ער גיט זיי די געלעגענהייט ענדליך אַרויסצוקריכען פון דעם אונ-היימליכען צימער, אין וועלכען זיי האָבען זיך געפונען הונגעריגע און מידע. דאָס איז אייגענטליך געווען, וואָס אַלע האָבען געוואָלט. אָבער דער יוד איז נאָך אויף דעם נישט בעשטאַנען. ער האָט זיך

נאָך געוואַקעלט און געוואָלט וויסען, צי מיסטער ברוינער איז זיכער, אַז דער גובערנאַטאָר וועט אונטערשרייבען די בעגנעדיגונג.

דאַ האָט מיסטער ברוינער גענומען זילבערשטיינ׳ען אין אַ ווינקעל און ער האָט איהם איינגערוימט:

— איך גיב דיר מיין וואָרט און האָנאָר, אַז די מענשען האָבען שוין דעם גובערנאַטאָר׳ס „בעגנעדיגונג“ אין טאַש. דו קענסט נישט „וואָלל־סטריט“. און דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז.

מיסטער זילבערשטיין האָט טאַקע נישט געקענט וואָלל־סטריט און נישט געוואוסט וואָס דאָס איז. האָט ער זיך געטראַכט: „ווער ווייסט, אַ וועלט זאָגט: „וואָלל־סטריט“, מוז דאָס טאַקע אמת זיין. אפשר האָט טאַקע „וואָלל־סטריט“ אַזאַ כח?... און, איבעריגענס, האָט ער מורא געהאַט, אַז מען זאָל איהם נישט חושד זיין אין צו־פיעל רעוואָלוציאָנערישקייט...

דאָס האָט געגעבען די געלעגענהייט די געשוואוירענע פטור צו ווערען פון דעם קאָשמאַר, אין וועלכען זיי האָבען זיך געפונען זייט אַכט טעג.

אַז דער געשוואוירענער מעקקענליי האָט אָבגעענטפערט אויפ׳ן ריכטער׳ס פראַגע מיט אַ קלאָרע און שטאַרקע שטימע: „שולדיג אין בייזוויליגען מאָרד“, איז דער ביז צו היסטעריש אָנגעשטרענגטער עולם אין זאַל אויפגעטרייסעלט געוואָרען פאַר איבעראַשונג. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין געריכט, ווי אין אַ צימער פון אַ שטאַרבענדען. די אַדוואָקאַטען — בלייך — האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. אַפילו די אָנקלאָגער זענען דערשראָקען געוואָרען פאַר׳ן אורטייל. פּלוצלינג האָט זיך אין דער שטילקייט דערהערט אַ וויינענדיגע, היסטערישע ווייבערשע שטימע. דאָס איז די שוואַרץ־געקליידעטע מרס. סטאָון געפאַלען אין די אָרעמס פון איהר פריינד, מיסטער קראַז, אויסרופענדיג היסטעריש:

— דאָס האָב איך נישט געוואָלט!...

9

סטאָון האָט אויפגענומען זיין אורטייל מיט אַ וואונדערבאַרער רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט, וואָס האָט פערוואונדערט און ערשטוינט אַלע, וואָס זענען געווען דערביי. ער האָט געוואָרפען אויף זיין ווייב, גיכער אויף מיסטער קראָז, אין ווענעמענס אָרים זי איז געזונקען אַ אָהנמעכטיגע, אַ שפּאָטיש לאַכענדיגען בליק, פערקריימענדיג דערביי זיין אויבערשטע ליפּ (וואָס האָט איהם נישט געמאַכט זעהר סימפּאַטיש). ער איז געוואוינט געווען צו בעשענקען מיט אַזעלכע בליקען די, וועלכע האָבען איהם געוואָלט אָבנאַרען אין ביזנעס, און ער האָט זיי געכאַפּט ביי דער האַנד. דאַן האָט ער, מיט אַ געוויסער קאַלטקייט, זיך געזעגנט מיט זיינע אַדוואָקאַטען, און ער איז אָבגעפיהרט געוואָרען צוריק אין זיין קאַמער.

סטאָון האָט זיך געהאַט געריכט דערויף. זיינע אַדוואָקאַטען האָבען איהם פאָרגעברייט, אַז כאָטש טויט־אורטייל איז כמעט אויסגעשלאָסען אין זיין פאַל — נור אין אַ געריכט פון געשווארענע מוז מען אויף אַלעם זיין פאָרגעבראַכט. אָבער ער זאָל זיך גאָרנישט מאַכען דערפון, — ווייל דאָס העכסטע געריכט מוז אָבוואַרפען דעם פּסק־דין. דאָך קאָן מען נישט זאָגען, אַז דער אורטייל איז געקומען פאַר איהם אָהן איבערראַשונג. יאָ, ער איז נישט נאָר ערשטוינט, נור שרעקליך איבערראַשט געוואָרען צוליעב דעם אורטייל. און ווען ער האָט בעהאַלטען די רוהיגקייט אויפ'ן געזיכט, — איז עס געווען דערפאַר, ווייל סטאָונ'ען האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַ

דער טויט־אורטייל איז נישט געוואָרען אַרויסגעגעבען איבער איהם, נאָר איבער אַ גאַנץ אַנדערען מענשען.

ער האָט אין אָנפאַנג נישט געקענט בעגרייפען, אַז דאָס האָט מען איהם פעראורטיילט צום טויט. מען מוז זאָגען, אַז סטאָון האָט זיך נאָך ביז איצט נישט געפונען שולדיג אין קיין זאַך. דאָס, וואָס ער האָט געטהאָן — איז געווען אַזוי איינפאַך, אַזוי געוועהנליך אָנגענומען צו טהאָן פון יעדען איינעם, אַז ער האָט גאָרנישט געפונען קיין אורזאַך אינערליך חרטה צו האָבען איבער דעם, וואָס ער איז בעגאַנגען, אָדער צו פהילען זיך אין עפּעס וואָס שולדיג. ער האָט געהאַלטען דאָס גאַנצע געשעהעניש פון אַכטען אויגוסט פאַר אַ אומגליק, אָבער נישט פאַר קיין פערברעכען. פונקט אַזוי ווי מען קען נישט האַלטען פאַר קיין פערברעכען, ווען אייבער צוברעכט אַ פוס. דעם טויט־אורטייל אַליין האָט ער אָנגענומען פאַר אַ פאָרטזעצונג פון די פיעלע שמערצליכע און קרענקליכע בעליידיגונגס־געפיהלען, וואָס ער האָט אַדורכגעלעבט דורך דער גאַנצער צייט פון פראָצעס, דורך וועלכען מען האָט געהאַלטען אין איין אַרויסשלעפען פאַר דער עפענטליכקייט די אינטימסטע און פערבאָרגענסטע סודות פון זיין לעבען. ער האָט זיך געהאַלטען אין איין וואונדערן: צי איז נישטאָ קיין גרעניץ צום געזעץ? צי איז דער מענש טאַקע אַזוי הפקר פריי געגעבען דערפאַר, וואָס עס האָט איהם אַ אומגליק געטראָפען, אַז מען קען נעהמען און פאַלמעסען זיין לעבען פאַר דער עפענטליכקייט? וואו איז אונזער בעזונגענע פרייהייט? פאַרוואָס שווייגען אונזערע פּאָליטיקער, אונזערע אַדוואָקאַטען? פאַרוואָס רופט זיך די פרעסע נישט אָב וועגען דעם?

דורך דער צייט פון די געריכטס־אונטערהאַנדלונגען איז סטאָון געוואָרען אויסגעמוטשעט פון דער שרעקליכער דענערווירענדער, ביז משוגעת טרייבענדער אָנשטרענגונג, אַז ער האָט בעגריסט יעדען אויסגאַנג פון פּראָצעס, וואָס ס׳ זאָל נישט ברענגען, אַבי נאָר עס זאָל אַן־ענדע מאַכען צו דעם גהינום׳שען פייער, אין וועלכען ער האָט זיך געפונען, צו שטעהן אונטער אַ שיינוואַרפער דורך דער גאַנצער צייט פאַר דער אויפמערקזאַמקייט פון דער עפענטליכקייט. באַלד, ווי מען האָט איהם צוריקגעבראַכט אין

זיין קאַמער אַריין, האָט ער בעגריסט זיין געלעגער און געוואָרפען זיך דערויף: דער פיזישער הונגער פון זיין קערפּער איז שטאַרקער געווען פון זיין גייסטיגען צושטאַנד. איז ער באַלד אַריינגעפאַלען אין אַ שווערען שלאָף, אין וועלכען ער האָט זיך געפונען אָהן חלום, אָהן שטערונג אַ גאַנצע נאַכט, ביז דער וועכטער האָט איהם אויפגעוועקט אויפ'ן צווייטען טאָג.

ערשט צו-מאָרגענס, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען אַ אויסגערוהטער, איז ער אומשטאַנד געווען צו בעגרייפען, וואָס ס'איז געשעהן מיט איהם און אונטער וועלכער געפאַהר ער געפינט זיך. ער האָט זיך אָבער געפיהלט אַזוי געזונד, אי קערפּערליך, אי גייסטיג, אַזוי רוהיג אין זיך, אַז ער האָט זיך באין אופן נישט געקענט פאָרשטעלען, אַז עס איז געשעהן מיט איהם עפּעס אַזעלכעס, צוליעב וועלכען ער מוז שוין אין אַ גאַנץ קורצע צייט שטאַרבען.

דער טויט איז אין דער מינוט געווען אַזוי וויט פון איהם, אַזוי אונפאַרשטענדליך און אונבעגרייפליך, אַז נישט ער האָט מורא געהאַט פאַר איהם און נישט ער האָט בעדאַרפט געדענקען אָן איהם, — אָבער אַלעס אַרום איהם האָט איהם דערמאָהנט, אַז עס איז געשעהן מיט איהם אַ ענדערונג. שוין די קאַמער, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, — עס איז נישט געווען דאָס צימער, אין וועלכען ער האָט זיך געפונען ביז איצט — אַ ריין בעקוועם צימער — נור אַ ענגע און אַ נידעריגע שטייג, מיט זעהר קאַרגליך ליכט, וועלכע האָט קוים אַריינגעשפּאַרט אונטער די שווערע בעשטעלטע אייזענס. עס האָט אויסגעזעהן, ווי אין דרויסען איז נאָך נישט טאָג געוואָרען. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטערל און געוואָלט אַרויסקוקען, געפונען האָט ער אַ אייזערנע בלעך, וואָס פערשטעלט איהם דעם טאָג-שיין. דאַן האָט ער מיטאַמאָל ענטדעקט, אַז מען האָט פון איהם צוגענומען אַלצדינג, מיט וואָס ער קען מאַכען אַן עֶנדע צו זיין לעבען, אַז די הויזען לאָזען זיך אַראָב ביי איהם, ווייל ער האָט נישט קיין הויזען-טרעגער און נישט קיין פּאַסעק. אַז ער האָט דאָס ענטדעקט, האָט ער געשמייכעלט: „נור דערפאַר האָט איהר נישט וואָס מורא צו האָבען — איהר וועט עס טהון פאַר מיר". עס איז איהם אויך געווען פיינליך די האַלטונג פון די

וועכטער. ער האָט זיך מיט אַמאָל געזעהן אַרומגערינגעלט מיט גאַנץ אַנדערע פּענשען, צו וועלכע ער האָט זיך נישט געהאַט צוגעוואוינט. עס איז געווען נישט בלויז די אונבעקאַנטשאַפט, וואָס האָט איהם געשראָקען פאַר די נייע וועכטער — נור זייער האַלטען זיך. ביז איצט האָבען זיך די וועכטער בעצויגען צו איהם נייטראַל, פריינדליך אַפילו, וואָס האָט איהם געמאַכט אָפּטמאָל פערגעסען אָן דעם אָרט, אין וועלכען ער געפינט זיך. די נייע וועכטער — חאָטש קאָרעקט, זענען געווען קאַרג אין ווערטער און שטרענג אין זייער טאָן.

דער טאָג האָט זיך גערוקט, און צו סטאָנ׳ען איז קיינער נישט געקומען. ער האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס מען זעהט נישט זיינע אַדוואָקאַטען, וועלכע פלעגען איהם טאָג טעגליך בעזו-כען. די שעה׳ן זענען געקראָכען און ער האָט נישט געוואוסט ווי שפּעט עס איז. ער האָט ערשט איצט בעמערקט, אַז מען האָט ביי איהם צוגענומען דעם זייגער. און דורכ׳ן פענסטער קען ער אויך נישט וויסען ווי שפּעט עס איז. ער פערשטעהט, אַז אין דרויסען מוז זיין טאָג, — אַרבייטס-שטונדען — אין דעם טעמפּען גערויש, וואָס הערט זיך פון דער גאַס. אָבער ווי שפּעט איז עס? צי א׳ז עס אין דער פריה צי שוין פאַרנאַכט? „אין וואָס פאַר אַ קאָמישער לאַגע געפין איך זיך צו לעבען און נישט צו וויסען, ווי שפּעט עס איז?״

נאָר די פּיינליכסטע זאַך פאַר סטאָנ׳ען אין דעם צו-מאָר-גענס נאָך זיין פעראורטיילונג איז געווען דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טהון: צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, לעבט ער אַדורך אַ גאַנצען טאָג און ער האָט נישט וואָס צו טהון. סטאָון איז געוואָהנט געווען צו אַרבייטען, שטענדיג האָט זיין קאָפּ געאַרבייט. אַפילו דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געזעסען אין אויספאָרשונגס-טורמע, וו אַרטענדיג אויף די געריכטס-אונטער-האַנדלונגען, האָט ער אויך געאַרבייט. קיין איין מינוט האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוקלערען, איבערצולעגען, אָבצוּוועגען און אָבצומעסטען אין זיין מחשבה די טריט פון דער פערטיידיגונג. און דאָ זיצט ער שוין אַ גאַנצען טאָג, ער איז פעראורטיילט צום

טויט און ער טהוט גאָרנישט, טראַכט גאָרנישט און ווייסט גאָרנישט, וואָס עס טהוט זיך אין דער אויסערליכער וועלט.

— גאָט, אי׳ך בין אַ פערצווייפעלטער מענטש, פאַרוואָס שווייג איך? עס איז דאָך אַ שאָד די צייט. די שטריק ליגט דאָך איבער מיין האַלז!

אָבער דאָס זענען נאָר געווען אויסערליכע ווערטער. נישט ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט אין זיך, נאָר עס זאָגט זיי ווער אַרויס, ווי איהם אָבצושרעקען, ער האָט נישט געקלערט פון קיין פערטיי־דיגונג, ער האָט נישט מער געקענט קלערען פון זיין פראָצעס. דער גאַנצער פראָצעס האָט זיך פון איהם אָבגערוקט און ער האָט גאָר־נישט געוואָלט אָנהויבען קריכען אין קאָפּ אַריין.

— די בעסטען זאַך וואָלט געווען, ווען איך קאָן זיך איצט אַראָבכאַפּען אין מיין ביוראָ אַריין.

דורך דער גאַנצער צייט פון פראָצעס ביז איצט האָט סטאָון נישט געהאַט קיין בענקשאַפט נאָך זיין ביוראָ, נאָך זיינע געשעפ־טען, ווי אין דעם טאָג נאָך זיין פעראורטיילונג. ער האָט געהאַט עפּעס אַ געפיהל, אַז איצט האָט זיך דאָך שוין דער פראָצעס פער־ענדיגט, אַלצדינג האָט זיך שוין אויפגעקלערט — זיי ווייסען דאָך שוין אַלעס, וואָס זיי האָבען געוואָלט וויסען, און פאַרוואָס האַלטען זיי נאָך מיך דאָ? פאַרוואָס לאָזען זיי מיך נישט צוריק צו מיין אַרבייט? אין קאָפּ האָט זיך איהם דוקא, ווי אויף להכעיס, געפּלאָנ־טערט רעשטען געדאַנקען וועגען געשעפטען, געלד־טראַנזאַקציעס, קאָאָפּעראַציעס, באַהנען — געדאַנקען וועגען זאַכען, וואָס האָבען געבלאָנדזשעט אין דעם חלל פון זיין מחשבה. און די געדאַנקען וועגען די געשעפטען פון זיין אַמאָליגער פרייער צייט האָבען איהם אַריינגעפיהרט אין זיין וואַרימער שענער היים. ער האָט געזעהן זיין עס־צימער, די אַלטע ענגלישע טשאַרידאָן־מעבעל, דער שטאָלץ פון זיין הויז, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיעל פרייד אויפגעזוכט דורך זיין מעבעל־אַגענט שטיק ביי שטיק. ער האָט דערזעהן דעם פרעהליכען, גרינעם בריסעלער וואַלד־גאָבעלין, וואָס הענגט אין זיין עס־צימער, — ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פרוי, אָן

זיין קינד, און געוואונדערט זיך, פאַרוואָס ער האָט, אייגענטליך, ביז איצט גאָרנישט געקלערט וועגען זיי.

אויף זיין פרוי איז ער נישט מעהר בייז געווען — און עס האָט איהם ווידער געוואונדערט: „פאַרוואָס בין איך נישט בייז אויף איהר? צוליעב איהר, און נור צוליעב איהר, איז דאָך דאָס גאַנצע אומגליק געשעהן. זי האָט דאָך מיין הויז רואינירט, זי האָט דאָך מיין הויז געבראַכט צו דעם, וואָס עס איז געוואָרען". און נאָך דעם אַלעם איז ער נישט בייז געווען און ער האָט נישט געפיהלט קיין שנאה צו איהר. ער האָט אויסגעפונען, אַז עס איז יעצט זעהר אנגענעהם צו קלערען, צו דערמאָהנען זיך אין אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות מיט זיין היים, — צו קלערען וועגען די מעבעל, צו דערמאָהנען זיך אין די פערשידענע אָווענדען, וואָס ער האָט איבער־לעבט מיט זיין פאַמיליע, און ער האָט זיך איבערגעגעבען צו די געדאַנקען ווי אַ שיכור צו שכרות.

פלוצלונג האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז דאָס אַלץ איז שוין פערביי, אַז דאָס אַלץ איז געווען און עס וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקעהרען, קיינמאָל מעהר וועט ער נישט זעהן זיין עס־צימער, קיינמאָל נישט מעהר וועט ער זיצען ביי זיין טיש צום עסען, קיינמאָל מעהר וועט ער שוין נישט שלאָפען אין זיין בעט. זיין וואָהנונג וועט איבערבלייבען, אויך זיין פרוי און זיין קינד וועלען זיין אין זיין וואָהנונג — נור ער וועט נישט זיין.

— און וואו וועט ער זיין?

ער וועט נישט דאָ זיין. זיינע הענד און פיס, זיין לייב, — דאָס וואָס איז — ער — וועלען נישט זיין מעהר, וועלען נישט לעבען מעהר, וועלען זיין אַש.

— ניין, ניין — האָט ער זיך דערפון אָבגעשאָקעלט — די וועלט איז דאָך נישט משוגע, זיי וועלען דאָך מיך נישט הרג'ענען, איך בין דאָך אַן אומשולדיגער מענש, זיי וועלען דאָך נישט אונ־טערברענגען אַן אומשולדיגען מענש דערפאַר, וואָס דער אָנקלאָגער האָט געהאַלטען אַ גוטע רעדע? ניין, ניין!

ער האָט געוואוסט, אַז עס מוז עפעס וואָס געשעהן. די וועלט וועט נישט צולאָזען, דאָס לאַנד, די שטאָדט, זיינע פריינדי

די נאָהנטע זיינע, וועלכע קענען איהם, וועלכע ווייסען, וואָס ער האָט געטהון ביז איצט. ניין, ניין, מען וועט נ־שט צולאָזען, — און דער גובערנאַטאָר, דער פּרעזידענט — ניין, ניין, זיי וועלען נישט טויטען קיין אונשולדיגען מענש.

ער האָט זיך געפּרואווט פאָרשטעלען: וואָס דען וועט זיין?— איך וועל לעבען. יאָ, זיי וועלען מיר שענקען דאָס לעבען, נור איך וועל ערגעץ־וואו זיין פערשטעקט — אַרבייטען אין אַ שטיין־פעלד. — איך וועל אַרבייטען מיט מיינע הענד? — אודאי וועל איך אַרבייטען. פאַרוואָס זאָל איך נישט אַרבייטען?

„אָבער אין מיין שטוב וועל איך נישט מעהר זיין. איך וועל נישט מעהר אין מיין לעבען קומען אין מיין ביוראָ אַריין, קיינמאָל שוין מעהר נישט זיצען ביי מיין שרייב־טיש — אין בין שוין נישטאָ. קיינער וועט נישט וויסען, וועט זיך מעהר נישט פעראינ־טערעסירען מיט מיר — וואו איך בין, וואָס איך טהו, קיינער וועט זיך מעהר נישט פרעגען: וואו איז מיסטער סטאָון?"

„— סטאָון! סטאָון!" — ער האָט געפּרואווט צו הערען דעם קלאַנג פון דעם נאָמען — „סטאָון!" — עס קלינגט נישט שלעכט. — „דער וויצע־פּרעזידענט פון קאָמערץ־באַנק!" „ניין, סטאָון דער פעראורטיילטער, סטאָון — אָ דער, וואָס מען האָט געשיקט אויף „עלעקטריק־טשער". מיין נאָמען ווערט יעצט פיעל דערמאָהנט, איז אויף אַלעמענס ליפּען, דרויסען אין דער גאַס פלאַמט מיין נאָמען, אין אַלע צייטונגען, אין אַלע ביוראָס רעדט מען איצט וועגען מיר, אין יעדער שטוב, יעדעס קינד ווייסט: סטאָון איז פעראורטיילט אויפ'ן עלעקטריק־טשער. אַ פּחד נעהמט אָן פאַר מיין נאָמען. מענ־שען שאָקלען זיך אָב".

— וואָס אַרט עס מיך? איך וועל אָבזיצען פופצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר, — אַרבייטען, — זיי וועלען דאָך מיך מוזען ענדליך וועגן עס איז בעפרייען —

— און דאַן וועל איך אָנהויבען אויפסניי.

— אָנהויבען אויפסניי? ווען? אין צוואַנציג יאָהר אַרום? אַב'אַנדערע וועלט וועט זיין, אַנדערע מענשען, אין צוואַנציג יאָהר, אַ לאַנגע, לאַנגע צייט.

— מען וועט מוזען געדולד האָבען. גאָרנישט צו מאַכען. — דער געדאַנק האָט געבראַכט האָפנונג און די האָפנונג אביסעל בערוהיגונג.

באַלד האָט זיך די טהיר פון קאַמער געעפענט און צוויי „מאַרשאַלס״ זענען אַריינגעקומען.

סטאָון האָט זיך אויפגעהערט צו יאָגען איבער דער קאַמער אַהין און צוריק און איז געבליבען שטעהן אין מיטען.

— פּעראַרמיילטער, וועסט זיך פערטיג מאַכען, מיר געהען דיך אַוועקנעהמען פון דאַנען, — האָט איינער געזאָגט.

— וואו אַהין, מאַרשאַל? — האָט סטאָון געפרעגט, כדי עפּעס וואָס צו רעדען.

קיינער האָט איהם נישט געענטפערט.

ער האָט אָנגעטהון דעם ראָק און ער איז מיטגעגאַנגען מיט זיי. זיי האָבען איהם אַריינגעפיהרט אין ביוראָ פון דער וואַך.

פלוצלונג האָט ער דערהערט, ווי עס רופט ווער אויס זיין נאָמען הינטער איהם.

ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן זיין פריינד גאָלד־שמידט, דעם אַדוואָקאַט, שטעהט הינטער די אייזערנע קראַטען, וואָס זענען אָבגעצוימט צווישען איהם און זיין פריינד.

— ווי פיהלסטו דיך „אָלטער בוי״ — האָט איהם דער אַדוואָקאַט געפרעגט אויף יענער זייט קראַטען.

— אָל־רייט, — האָט סטאָון אָבגעענטפערט.

— דאָס איז גוט. נור נישט דעם מוט פערלירען. די גאַנצע שטאָדט איז אויפגעבראַכט איבער דעם אורטייל. מיר וועלען יעצט אויפהויבען אַזאַ געשריי! אַז דאָס גאַנצע לאַנד וועט זיך מוזען אויפוועקען. אַ אונגעהערטע זאַך! אין דער קרימינאַליסטיק איז נאָך נישט געווען אַזאַ פאַל.

— דזשענטעלמען, איך מוז דיך בעטען אויפצוהערען צו רעדען צום פעראורטיילטען — אַז נישט, וועל איך דיך מוזען דערוויטערען — זאָגט דער „וואַרדען״ (הויפּט־וועכטער).

— איך האָב אַ ערלויבניש פון געריכט, זיך צו פערשטעג־

דיגען מיט מיין קליענט איבער דער אַפּעלאַציע, וועלכע מיר געהען אַריינטראָגען.

— אַלעס אין סינג־סינג, נישט דאָ. דער מאַן האָט אויפ־געהערט צו זיין אַ קליענט. דער אורטייל איז געפאַלען — און ער געהער צום „וואַרדען" פון טויטען־הויז.

— סטאָון, נישט געזאָרגט. מיר גרייטען צו אַ מאַטעריאַל, פון וועלכען דאָס גאַנצע לאַנד וועט אויפגערודערט ווערען. מאָרגען בין איך ביי דיר.

— וועכטערס, דערווייטערט דעם מאַן דאָרט, — האָט דער עלטסטער געזאָגט, און גאָלדשמידט איז פערשוואונדען.

— מאַרשאַלס, פיהרט דעם פעראורטיילטען צו זיין בע־שטימונגס־אָרט,— האָט דער עלטסטער איבערגעגעבען די געריכטס־מאַטעריאַלען צו די מאַרשאַלס.

— די מאַרשאַלס האָבען אָנגעטהון אויף סטאָונ'ס הענד רינ־גען, אין וועלכע זיי האָבען אויך זייערע אייגענע הענד איינגע־שלאָסען, און אַזוי בעהאָפטען פון בײדע זייטען מיט צוויי שטאַרקע מענער, איז סטאָון אַרויסגעגאַנגען צו דעם קרימינאַל־אויטאָמאָביל, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף איהם פאַר דער טהיר. מען האָט איהם געבראַכט צו דער באַהן, וואָס האָט איהם אָבגעפיהרט, אין אַ בעזונדער קופּע, צו זיין בעשטימונגס־אָרט, אין דעם טויטען־הויז פון דער גרויסער פערברעכער־שטאָדט „סינג־סינג".

10

י׳ בעוועגונג פון דער רייזע, די ענדערונג פון לאַנדשאַפט, װעלכע ער האָט שוין נישט געהאַט געוועקסעלט פאַר חדשים—האָט געבראַכט ערפרישונג צו זיין קערפער. איבער דעם גאַנצען וועג האָט זיך סטאָון געוואונדערט, פאַרוואָס ער שרעקט זיך גאָרנישט פאַר דעם, וואָס עס געשעהט מיט איהם. „מיין גאָט, מען פיהרט מיך אין טויטען־הויז — אייגענטליך צו מיין קבורה — און איך בין מונטער און איך פיהל זיך גוט״...

די רייזע, דאָס אַרויסקוקען דורכ׳ן פענסטער, די וועלדער, דער האָדסען טייך, די בערג — האָט ביי איהם אויסגעזעהען אַזוי ווי אַ וואוילטאָג, אַזוי ווי ער וואָלט אַנטלאָפען פון דער שולע און חאַפט זיך אַרויס אויף אַ לוסט־רייזע — „ווי קאָמיש, האָט ער זיך געטראַכט, נאָר, אַז איך פיהל נישט דעם טויט—איז אַ גוטער סימן. הייסט עס, אַז ער וועט נישט קומען״..

דאָס זעלבע געפיהל האָט ער געהאַט, ווען ער איז אַריינגעקומען אין ביורא פון הויפּט־וועכטער פון סינג־סינג. ער האָט זיך דאָס אַלעס גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט. עס איז אַלעס צוגעגאַנגען אַזוי ווי אויף אַ ביזנעס־וועג, דאָס איבערגעבען איהם אין „וואַרדענס״ רשות. די בענעהמונג צו איהם. דער אויפזעהער פון דער טורמע—אַ מענש מיט אַ געשוירען בערדעל, מיט זעהר אַ מענשליך געזיכט, מיט גוטע אויגען,— האָט זיך גאָרנישט געבייזערט אויף איהם, האָט איהם אויפגענומען, אַזוי ווי ער וואָלט אַריינגעקומען צו איהם וועגען אַ געשעפט. האָט איהם געפרעגט, וואָס ער בעדאַרף

אָדער ער האָט עפּעס ספּעציעלע וואונשען, און אַז ער קאָן רעדען צו איהם ווי צו אַ גוטען פריינד און וואָס ער וועט בעדאַרפען, קען ער זיך גלייך ווענדען צו איהם.

— דיין נומער וועט זיין צוויי און אַכציג,—געפעהלט עס דיר?— האָט דער וואַרדען געשמייכעלט.

מען האָט איהם אַריינגעפיהרט אין אַ קאַמער, געהייסען אויס-טהון זיינע קליידער און געגעבען איהם געשטרייפטע קליידער. דערביי אָבער איז אַלעס צוגעגאַנגען ביזנעס-אַרטיג, העפליך אַפילו. אַלע זענען געווען פריינדליך צו איהם, אַלע האָבען איהם געפּרובט ניט עפּעס גוט צו טהון, אַפילו דער וועכטער, וואָס האָט איהם גע-געבען די קליידער אָנצוטהון.

— דו קלויב דיר אויס נאָר בעקוועמע, וועלכע פּאַסען דיר,— ווייל דו ווייסט נישט, ווי לאַנג דו וועסט זיי בעדאַרפען טראָגען,— האָט צו איהם דער וועכטער געזאָגט מיט אַ וויץ.

„— גאָט, פאַרוואָס זענען זיי אַזוי העפליך צו מיר, פאַרוואָס בעהאַנדלען זיי מיך אַזוי פיין, איז דאָס סינג-סינג? און איך האָב עס מיר גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט".

נאָכמעהר פערוואונדערט איז ער געוואָרען, ווען מען האָט איהם צוגעפיהרט צום בעריהמטען טויטען-הויז און איבערגעגעבען איהם דעם ספּעציעלען וועכטער פון טויטען-הויז. ער האָט זיך דאָס טויטען-הויז גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט: עפּעס אַ שרעקליכע גע-ביידע, פון וועלכער מען זעהט דעם טויט אַרויסשיינען שוין פון דערווייטענס. און דאָס איז געווען אַ הויז, ווי יעדעס אַנדערע אין דער גרויסער שטאָדט פון פערברעכער, וואָס איז געווען אַרומגע-רינגעלט אַרום דעם טויער מיט גרויסע בעקוועמע פענסטער.—און דער שומר פון טויטען-הויז, אין וועמענס רשות מען האָט איהם איבערגעגעבען—האָט איהם אויפגענומען מיט אַ שמייכעל. עס איז געווען אַ הויכער, שטאַרקער מאַן, נאָר מיט אַזאַ מענשליך געזיכט,— ווי עס האָט זיך סטאָוב'ען אויסגעוויזען—אַז עס האָט זיך איהם גע-דאַכט, אַז ער קען איהם שוין פון לאַנג. דער היטער פון טויטען-הויז האָט געשמייכעלט צו איהם:

— וואָס מאכסטו?

— א דאנק. — האָט איהם סטאָון אָבגעענטפערט.

און אַז ער האָט זיך געפונען אין זיין צימער, וואָס איז געווען בעלויכטעט געוועזן פון דער הויך, איז נאָכאַמאָל אריינגעקומען צו איהם דער היטער און האָט איהם געפרעגט, אויב דאָס צימער געפעהלט איהם — „עס איז דאָס ליכטיגסטע אין גאַנצען הויז — נאָר דו קענסט נישט יעצט זעהען, דערפאַר וואָס עס איז שוין נאַכט געוואָרען".

— דורך די פענסטער קענסטו זעהען ווי די קינדער אַרבייטען אין גאָרטען. מיינע קינדער האָבען זיך געמאַכט א „מלחמה־גאָרטען". דיין פענסטער געהט אַרויס אין גאָרטען. זיי גראָבען יעצט אויס די קאַרטאָפלעס.

— אָ, איך דאַנק דיר!

— וואָס וועסטו עסען? מוזט זיין הונגעריג פון דער רייזע. דער אויסוואַהל איז יעצט נישט גרויס, ווייל דער קוכער איז שוין נישטאָ. נאָר שינקען און אייער קענסטו קריגען צו יעדער צייט. מאָרגען בעדאַרפסטו דיר אויסוועהלען, וואָס דו ווילסט.

— לאָז זיין שינקען און אייער — ווען דו ווילסט אַזוי פריינדליך זיין — האָט איהם סטאָון אָבגעענטפערט, וואָס איז פון וועג טאַקי הונגעריג געוואָרען.

— מיט פערגעניגען, — האָט דער היטער געזאָגט, — אַלעס וואָס דו וועסט בעדאַרפען — זאָג נאָר דזשאָנ׳ען. מיסטער דזשאָן וועט אויף דיר אַכטונג געבען, — בעווייזט דער „וואַרדען" אויף א וואַך־היטער.

— איך דאַנק דיר, וואַרדען, — האָט סטאָון אבגעענטפערט.

— נו, דו וועסט געוויס נישט זיין לאַנג מיט אונז. דער גובערנאַטאָר וועט דיך געוויס בעגנעדיגען. מיר האָבען געלעזען פון דיין פּראָצעס אין די צייטונגען.

— מיינע אַדוואָקאַטען אַפּעלירען אויפ׳ן אורטייל — האָט סטאָון געזאָגט.

— נו, וואָס דען? זיי מוזען, „צוויי און אַכציג". נאָר מוט, מוט, מוט.

— איך דאַנק דיר, וואַרדען.

— גוט נאַכט, „צוויי און אַכציג".

— גוט נאַכט, וואַרדען.

ווען סטאָון איז געבליבען אַליין מיט זיך אין צימער — איז איבער איהם ערשט געקומען די פערוואונדערונג: „גאָט מיינער, זיי האָבען מיך געבראַכט צו טויטען און זיי זענען אַזוי העפליך צו מיר! פאַרוואָס זענען זיי אַזוי העפליך צו מיר? פאַרוואָס שלאָגען זיי מיך בעסער נישט?"

און אַ מאָדנער כעס האָט איהם אַרומגענומען צו אַלעמען און צו אַלע — איבער זייער העפליכקייט: „מערדער אַזעלכע! זיי האָבען מיך אַריינגעבראַכט אין טויטען-הויז, — מאָרגען זאָל איך אַ טויטער מענש זיין און זיי — זענען העפליך צו מיר! — שלאָגט מיך, שרייט אויף מיר, נאָר פייניגט מיך נישט מיט אייער העפליכקייט, פערשאָלטענע!"

און ווען דזשאָן האָט אויפגעשטעלט פאַר איהם דעם „שינקען מיט אייער" און געזאָגט צו איה ם: —„איך האָף, אַז עס וועט דיר שמעקען" — האָט סטאָון שוין נישט לענגער געקאָנט אויסהאַלטען און איז אַרויס פון געדולד:

— נעהם עס אַוועק. איך בין דאָ נישט צו עסען „שינקען מיט אייער".

— דאָס איז נישט גוט, פעראורטיילטער, נאָר נישט דעם מוט פערלירען, — האָט דזשאָן איבערגעחזר'ט דעם וואַרדענס רייד.

— איהר האָט מיך געבראַכט צו טויטען און איהר זענט אַזוי פריינדליך צו מיר. פאַרוואָס זענט איהר אַזוי פריינדליך צו מיר? — שלאָגען וואָלט אייך בעסער געפּאַסט.

— מיר שלאָגען נישט קיין טויטע מענשען — האָט דזשאָן געזאָגט.

סטאָון איז בלייך געוואָרען. ער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט ווי פאַר זיך:

— דו האָסט רעכט. איך בעט דיך איבער.

— דאָס איז דער וועג, אַזוי זאָלסטו טהון, ווען דו ווילסט, אַז מיר זאָלען פריינד זיין.

— איך דאַנק דיר, — האָט סטאָון געזאָגט אין אונטערטע־ניגקייט.

— דער פּעראורטיילטער וועט עסען? — האָט דזשאָן גע־פרעגט ביזנעסאַרטיג.

— טויטע מענשען עסען נישט. — האָט סטאָון געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— גוט, — האָט דזשאָן צוגענומען דעם „שינקען מיט אייער" און איבערגעלאָזט סטאָונ׳ען אַליין אין זיין קאַמער.

די נאַכט האָט סטאָון נישט געקענט שלאָפען. קוים האָט ער זיך געפּרובט אָוועקלעגען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געהאַט אַביסעל בערוהיגט פון דעם אויפרעגענדען געשפּרעך, וואָס ער האָט גע־פיהרט מיט דעם וועכטער, האָט ער דערהערט דורך דער וואַנד אַ מאָדנע ברומען, אַזוי ווי אַ הונד וואָלט געקלאָגט הינטער דער וואַנד. ער האָט געמיינט, אַז עס איז אַנ׳איינבילדונג — דאָס זענען זיינע נערוועען אַזוי צערודערט, און געפּרובט ווייטער ליגען. דאָס הויז איז שטיל געוואָרען, דאָס עלעקטרישע ליכט איז טונקעלער געוואָרען, און דאָס וואָיען, דאָס קלאָגען דורך דער וואַנד האָט נישט אויפגעהערט. פּערקעהרט, וואָס שטילער און רוהיגער עס איז געוואָרען — אַלץ שאַרפער האָט זיך דערטראָגען דאָס אונהיימליכע קלאָגען. סטאָון איז אויפגעציטערט געוואָרען, דענערווירט. ענדליך האָט ער לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטען. אויפגעכאַפּט זיך פון געלעגער, איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און הויך גערופען דעם וועכטער.

— וואָס איז דער מעהר? — האָט הער וועכטער אַריינגערוקט זיין פּנים דורך דער קראַטע פון טהיר־פענסטערעל.

— וואָס איז עס פאַר אַ שטימען, וואָס מען הערט דורך דער וואַנד? מען קען נישט איינשלאָפען

— אָ, דאָס איז רעפ דער ניגער, דיין שכן. יעדען אָבענד הויבט ער אָן אָנצושפּילען זיין מוזיק. אַז ער איז אונשולדיג, אַז ער איז בחנם פעראורטיילט געוואָרען. אָבער ער וועט זיך באַלד בערוהיגען, ער וועט באַלד איינשלאָפען.

— איך דענק, אַז איך וואָלט געדאַרפט וועקסלען מיין צימער — זאָגט סטאָון.

— אין יעדען צימער וועסטו הערען אַנדערע שטימען. דאָס איז נאָך דאָס בעסטע. ער וועט זיך באַלד בערוהיגען. ער שלאָפט איין.

סטאָון האָט זיך צוריק אַוועקגעלעגט און איינגעהערט זיך. עס איז ווירקליך געווען ווי דער וועכטער האָט געזאָגט. דער ניגער אויף דער צווייטער זייט וואַנד האָט נאָך אַביסעל געוואָיעט, גע-קלאָגט, געקלאָגט, נאָר וואָס אַמאָל איז זיין געוויין שוואַכער גע-וואָרען ווי אַ קינד, וואָס איז שלעפעריג, פאַלט אויפ'ן פּנים און וויל איינשלאָפען. ענדליך איז ער אינגאַנצען שטיל געוואָרען.

נאָר סטאָון האָט שוין מעהר נישט געקענט איינשלאָפען. ער איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און געקוקט אין לעדיגען רוהיגען חלל אַריין פון שטוב, בעלויכטען פון דעם שאָטענדיגען ליכט, וועלכעס איז געפאַלען פון באַלקען אַראָב, וואָס מען האָט בכיוון איבערגעלאָזט אויף איבער נאַכט. דאָס גאַנצע שטיבעל איז פער-כאַפּט געווען פון שאָטענס — ער האָט נישט געזעהן די שאָטענס, — ער האָט זיך נישט געפונען אין דעם טויטען קאַמער — זיינע אויגען האָבען עפּעס אַנדערש געזעהן און זיינע געדאַנקען זענען געווען פערנומען מיט אַנדערע מחשבות.

„— פאַרוואָס איז עס געקומען? וואָס איז דאָס געטהון אין מיין לעבען אַזעלכעס, וואָס האָט מיך געבראַכט צו פיהרען אין טויטען-הויז אַריין?"

„— איז עס געווען בלויז נאָר אַ צופאַל דער אַכטער אוי-גוסט? — ניין. אַזעלכע- זאַכען זענען נישט קיין צופאַלען. וואָלט עס נישט געווען דער אַכטער אויגוסט — וואָלט עס געקומען אַנ'-אַנדערש מאָל, אַז עס איז געקומען — האָט עס דאָך געמוזט קומען".

ער האָט זיך געוואונדערט, אַז אַט דער וויכטיגער געדאַנק איז איהם צום ערשטען מאָל היינט געקומען אויפ'ן זינען, שוין בעפינענדיג זיך אין טויטען-הויז. „פאַרוואָס האָב איך נישט געקלערט וועגען דעם באַלד פון אָנפאַנג?" ער האָט ביז איצט גאָרנישט גע-

האַט געקלערט וועגען דעם עצם געשעהעניש, נאָר אַלץ געווען פערנומען מיט די געדאַנקען: ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגען פון דעם אומגליק, אין וועלכען ער איז אַריינגעפאַלען. פון דעם אונגליק אַליין האָט ער גאָרנישט געקלערט. „איך האָב נאָר געמאַכט פלענער ווי אַזוי זיך צו בעפרייען פון דער נעץ, — אָבער פאַרוואָס בין איך אַריינגעפאַלען אין דער נעץ? ווי אַזוי געפין איך זיך אין דער נעץ — וועגען דעם האָב איך דאָך גאָרנישט געקלערט!"

ער האָט גענומען אַנאַליזירען זיין גאַנץ לעבען. דאָס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען. עס זענען נאָר אויפגעשווימען, ווי ערשיינונגען פון אַ דונקעלער נאַכט, אָבגעריסענע בילדער פון זיין פערגאַנגענהייט, און ער האָט זיי געלאָזט אַדורכגעהן פערביי זיך, ווי שאָטענס.

ער האָט זיך געזעהען אַלס אַ קליין יונגעל ביי זיינע עלטערען אין דער וואָהנונג אויף דער בעליערי, ווי אין אַ פערגעסענעם חלום. ער דערמאָהנט זיך, ווי פון דער פינסטערניש אַרויס: עס ברענען ליכט און לייכטער אויפ'ן טיש. עס איז עפּעס אַ יום-טוב. שבת אפשר? יאָ, שבת. דענסטמאָל ווען די יודען טאָרען נישט די ליכט אויסלעשען. ער מעג, דערפאַר ווייל ער איז אַ קליינער. די מוטער בעט זיך ביי איהם: „מאַק'ל" — רופט זי איהם. ער דערמאָהנט זיך מיט בעזונדערער פרייד דאָס וואָרט „מאַקי'ל". („גאָט מיינער, קיינמאָל שוין מעהר נישט געהערט דעם נאָ"מען") „מאַק'ל, לעש אויס די ליכט". ער וויל נישט, סיידען מען זאָל איהם געבען דערפאַר פינף סענט. די מאַמע שווערט זיך, אַז זי וועט איהם מאָרגען געבען די פינף סענט. ער וויל נישט. מען זאָל איהם גלייך אויסצאָהלען די פינף סענט. די מאַמע וויל איינשלאָפען — זי קען נישט: זי האָט מורא איינצושלאָפען, ווען די ליכט ברענען. ענדליך שלאָפט די מאַמע איין. ער הערט, ווי זי שנאָרכט, אַ מידע פון אַ גאַנצען טאָג אַרבייט, איז זי איינגעשלאָפען. ער — פאַר כעס, וואָס מען האָט איהם נישט געגעבען די פינף סענט — קריכט אַראָב פון בעלעגער, קוקט זיך אַרום אויב קיינער זעהט נישט, נעמט ער און צינדט אונטער דאָס טישטוך. ער זעהט ווי עס ברענט — מאַכט

ער א געוואלד, אז דאס טישטוך האט זיך אנגעכאפט פון די ברע־בענדע ליכט.

„— אלעס דערפאר, וואס דו האסט מיר נישט געגעבן די פינף סענט״—

ער וויל זיך דערמאנען זיין מוטערס געזיכט. עס קומט איהם שווער אן: אזוי לאנג זי מעהר נישט געזעהען — זי איז גע טאר־בען, ווען זיי זענען נאך אלע געווען קליין און ארעם. געשטארבען פון צרות, פון שווערער ארבייט. „זי האט נישט דערלעבט, אז איך זאל מיט איהר אפילו איינמאל ארויספאהרען שפאצירען אין מיין אויטאמאביל״.

ער דערזעהט, ווי פון וואקס אויסגעקנעטען, צוויי דארע ארויפאלענדיגע באקען. א לאנגע, לאנגע נאז. ווי פון חלום געדענקט ער נאך די אויגען — שווארצע זענען זיי געווען. און טיעף, טיעף איינגעזונקען אין די אויגענלעכער, אזוי ווי זיי וואלטען איינגעזונ־קען צווישען די באקען־ביינער.

„וואס האט זי געהאט פון איהר לעבען? — זי האט געלעבט צו ערציהען קינדער. די קינדער, ווען זיי האבען נאר אנגעהויבען צו פערדינען די ערשטע פאר סענט פון צייטונג־פערקויפען אויף דער גאס — האבען פערלאזט די היים.

אייגענטליך, איז ער אויפגעצויגען געווארען אהן עלטערן, אליין. אלעס פאר זיך אליין. פון ערשטען טאג אן, האט ער פאר קיינעם נישט געקלערט, נור וועגען זיך אליין. דער פאטער האט געלעבט לענגער. ער האט זעלטען ווען איהם געזעהען. דערנאך, ווען סטאון איז רייך געווארען — פלעגט דער פאטער קומען צו איהם. יעדעס מאל וועגען עפעס אנדערש. ער האט איהם געלד געגעבען. אמאל — אויף א געוועלב זיך איינצוארדנען, אנ־אנדערש מאל אויף א בויד אין קוני־איילאנד. עפעס איינמאל איז ער געקו־מען און האט איהם גלאט געסטראשעט, אז אויב ער וועט נישט געבען קיין געלד — וועט ער מאכען א סקאנדאל, ער וועט איהם אנקלא־גען אין געריכט. סטאון דערמאנט זיך אין א סצענע. עס ווערט איהם זעהר פיינליך.

„— איך האָב איהם קיינמאָל נישט ליעב געהאַט. אַ שיכּור געווען. ווער ווייסט, צי מיינע שלעכטע אינסטינקטען האָב איך נישט געירשנ'ט פון איהם? ער איז געקומען פון אַ שלעכט לאַנד, קיינמאָל זיך נישט געקענט אויסלערנען קיין ענגליש, געהאַלטען זיך דאָרט אין דער „איסט-סייד" מיט זיינע לאַנדס-לייט".

„— פונדעסטוועגען האָב איך איהם בעדאַרפט בעסער צו בע-האַנדלען. עס איז געווען מיין פאָטער. און וואָס האָט ער בעדאַרפט?

„— איך האָב דאָך איהם אויסגעהאַלטען שפּעטער, געצאָהלט אין אַ אַנשטאַלט חודש-געלד, אַז מען זאָל איהם האַלטען דאָרטען— וואָס האָב איך געקענט בעסער טהון?

„— עס איז געווען דערפאַר, וואָס איך האָב מורא געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל, אַז מיינע שונאים זאָלען נישט געוואויר ווערען ווי איך האַלט מיין פאָטער, אַז מיין פאָטער זיצט אין די שענקען אויף דער איסט-סייד. דערפאַר האָב איך געשפּילט דעם „דזשענ-טעלמען" — איך האָב איהם דערפאַר געהאַלטען אין אַ אַנשטאַלט פאַר אַלטע לייט. אָבער האָב איך דאָס געטהון פאַר איהם? איך האָב דאָך איהם קיינמאָל נישט בעזוכט, קיינמאָל נישט געזעהען. און ווען מען האָט מיר צווישען געגעבען פון דעם אַנשטאַלט, אַז ער איז געשטאָרבען — איז דאָס געקומען איבער מיר ווי אַ ער-לייכטערונג; ענדליך פּטור געוואָרען! נישט צוליעב דעם געלד, וואָס ער האָט מיך געקאָסט — דאָס זענען געווען סענטען, קליינינקייטען, נאָר מיינע שונאים וועלען נישט האָבען קיין געלעגענהייט מעהר אָנצוטייטלען אויף מיר, אַז איך בין אַ פרעמדער, אַ זוהן פון אַ עמיגראַנט און איך וועל קענען זיך ריהמען פאַר מיינע קאָלעגען מיט ליגענס, מיט וועלכע איך וועל בעפּוצען די שאַנד פון מיין שטאַם".

„— ניין, דאָס נישט! איך האָב איהם פיינד געהאַט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ שכּור. ער האָט פערטרונקען דאָס געלד, וואָס איך האָב איהם געגעבען. און אויף זיין לויה האָב איך נישט גע-קענט קומען, ווייל איך בין געווען אין טשיקאַגאָ דעמאָלט פער-נומען מיט די „איילפעלדער" — פּרובט ער זיך אליין פערענט-פערען.

„— וואָס בין איך שולדיג? געוויס האָב איך זיך ערצויגען אָהן עלטערען. איך בין געוועזען אַליין. פון ערשטען טאָג אָן אַליין. קיינער האָט מיר גאָרנישט געהאָלפען. קיינעם בין איך נישט קיין דאַנק שולדיג. דאָס איז מיין שטאַרקייט געוועזען. איך בין נישט געקראָכען אויף יענעמס רוקען, ווי די אַלע „סנאָבען", וואָס בלאָזען זיך. דאָס וואָס זיי האָבען ערוואָרבען דורך דריי, פיער דורות, דאָס וואָס האָט זיי גענוצט הונדערטער יאָהרען צו קריגען — האָב איך אַליין מיט מיינע נאַקעטע הענד געמוזט אויסאַרבייטען".

דער געדאַנק האָט איהם געגעבען מוט, האָפנונג און האָט איהם זיכערער געמאַכט אין זיך, ער האָט זיך געוואָלט אָנהאַלטען אין דעם געדאַנק, ווי אַ טרינקענדיגער אין אַ שנור. נאָר באַלד האָט ווער די שנור אַרויסגעצויגען פון זיין האַנד.

11

עס איז געווען, ווי עס האָט זיך ווער אַריינגע׳גנב׳עט אינעוועניג אין איהם, און מישט אינעוועניג אין איהם אויף די לאַנגפערגעסענע קאַרטען פון זיין לעבען, דעקט־אויף די, וועלכע זענען אַמשוואַכסטען, אויף וועלכע עס זענען אָנגעצייכענט די טונקעלסטע מאָמענטען, פון וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט קלערען און קיינמאָל נישט געוואָלט געדענקען. דער פרעמדער, וואָס האָט זיך אַריינגע׳גנב׳עט אין איהם, איז נישט קיין פרעמדער — נאָר ער אַליין. ער אַליין איז געוואָרען אַ פרעמדער, וועלכען ער שמייסט מיט בעשולדיגונגס־ריטער. ער האָט איהם געגעבען אַ דערמאָן אין די אַקציעס פון „נעפט־פילד”, פון וועלכע ער האָט געמאַכט זיין ערשט פערמעגען, די צעהנדליגער, די הונדערטער, וועלכע זיינע אַגענטען האָבען איינגערעדט, אַז „נעפט־פילדער” וועלען זיי בעזאָרגען מיט חיונה אויף זייערע אַלטע טעג, וועלען זיי זיין אַ שטיצע אין טעג פון נויט, צו חתונה מאַכען זייערע טעכטער, צו קויפען קליינע פאַרמס אויף דער פּראָווינץ — ווען זיי וועלען נישט מעהר קאָנען אַרבייטען, וועלען זיי אויסהאַלטען אין זייער קראַנקהייט. ער האָט זיי געזעהן דערנאָך, די איינציגע, וועלכע האָבען בעלאַגערט זיין ביוראָ צוזאָמען דעם טאָג פון גרויסען „קנאַק”. דעם איטאַליענער, וועלכער איז געשטאַנען מיט אַ פולע האַנד פּאַפּירען פון „נעפט־פילד” אַ בלייכער און האָט געשריגען עפּעס אונפערשטענדליכע ווערטער אויף זיין שפּראַך; די בלייכע, אַלטע פרוי אין שוואַרצען, וואָס האָט געציטערט אינגאַנצען, אויסשטרעקענדיג די

מיט אָדערן בעצויגענע בלייכע הענד. זי איז געשטאַנען און האָט גאָרנישט גערעדט, נור האָט באין אופן נישט געוואָלט אוועקגעהן פון ביורא. מען האָט געמוזט בענוצען געוואַלד-מיטלען זי אַרויסצוקריגען, און דאַן דעם שרייענדיגען יוד, וועלכער האָט געמאַכט מעהר סקאַנדאַלען פאַר אַלע: „גזלנים, רויבער, באַנדיטען!" וואָס האָט זיך גענומען אַזש שלאָגען און מען האָט איהם אַרויסגעוואָרפען. סטאָנו'ען האָט מען נישט געזעהן—ער האָט זיך אַרויסגע'גנב'עט דורך דער הינטער-טהיר און איז פערשוואונדען...

„— אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טהון? איך האָב דאָך אויך מיין געלד אַריינגעלעגט אין „נעפט-פילד". דער גרונד איז דאָך געווען, און די עקספערטען האָבען דאָך אויף די פעלדער נאַפט געפונען".

„— דו האָסט פון דער געזעלשאַפט אַרויסגענומען דרייסיג טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר געהאַלט, אַלס דירעקטאָר, און דאָס געלד האָסטו אַריינגעלעגט אין ריכטיגע אייל-קוואַלען, נישט אין „געבלאָפטע". דו האָסט געוואוסט, ווען דו האָסט די געזעלשאַפט געגרינדעט אַז די „נעפט-פילדער" איז אַ בלאָף. די פעלדער, וועלכע האָבען געהאַט נאַפט, האָסט דו דורך אַ קאָמבינאַציע מיט דער טשיקאַגער באַנק אַרויסגענומען פון דער געזעלשאַפט און פערקויפט צו אַ נאַפט-געזעלשאַפט פאַר גוט געלד. פאַר דיין אייגענער געזעלשאַפט, וואָס דו האָסט געגרינדעט, האָסט דו איבערגעלאָזט די גרויסע שטרעקע וויסטע אַרום די נאַפט-קוואַלען, וועלכע מען האָט נישט געוואָלט קויפען ביי דיר. און נאָכדעם ווי דו האָסט געוואוסט דערפון — האָסט דו נאָך געהאַלטען אין איין פערקויפען אַקציעס, פערגרעסערענדיג דאָס קאַפּיטאַל וואָס אַמאָל מעהר, און האָסט פערגרעסערט דיין געהאַלט אַלס דירעקטאָר".

„— אָבער אַלע מאַכען דאָך אַזוי, עס איז דאָך געווען אַ ריינע ביזנעס-אונטערנעהמונג, אַ געלונגענע טראַנזאַקציע. און די אַדוואָקאַטען האָבען געזאָגט, אַז עס איז גאַנץ לעגאַל און קיינער קאָן גאָרנישט האָבען געגען דעם".

„— לעגאַל פאַר'ן געזעץ, אָבער איז עס געווען עהרליך געגען די, וואָס דו האָסט זיי איינגעשלייערט דיינע אַקצ'יעס און אַוועק-

גענומען די לעצטע גראָשענס פון זייער אָבשפּאָרונג?"

"— עס איז דאָך געווען ביזנעס און דאָס האָט דאָך מיך נע־שטעלט אויף די פיס".

ער האָט זיך דערמאָהנט דעם אַלטען זעליגמאַן פון דער "רעאַל־עסטעיט־באַנק". ער זעהט דעם אַלטען — ער שטעהט אַ לעבעדיגער פאַר איהם: די שטאַרע האָהר פון זיין ווייס בערדיל בעוועגען זיך און די שוואַכע גרויע אויגען בעטען זיך ביי איהם. זיי זענען פייכט פון טרעהרען, דער אַלטער ווייגט ווי אַ קליין קינד. ער קאָן נישט זעהן דעם אַלטען וויינען, ער זעצט איהם אַוועק אין דער שטוהל געגענאיבער איהם און קלינגט אָן, אַז מען זאָל דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער:

"— אָ, דאָס בין איך נישט שולדיג. איך בין געווען אַ וועכ־טער איבער דעם געלד, וואָס מען האָט מיר אָנפערטרויט. אַ באַנקיר איז אַ קאַסירער. עס איז פרעמדעס געלד, וואָס מען האָט ביי מיר איינגעלעגט, און איך טאָר נישט וויסען פון קיין סענטימענטען".

"— אויפ'ן אַלטען איז מיר געווען אַ רחמנות. אָבער איך האָב נישט געקאָנט העלפען. הייזער זענען געפאַלען. זיין גאַנצע גאַס הייזער אין ברוקלין זענען גאָרנישט ווערט געווען. קיין דעקונג האָט ער ביי אונז נישט געהאַט מעהר. איך האָב נישט געקאָנט וואַרטען אַ מינוט — איך האָב איהם געמוזט שליסען זיין רעכנונג".

"— און דו האָסט דערנאָך ביי איהם זיין גאַנץ פערמעגען צוגענומען פאַר אַ קלייניגקייט, וואָס ער איז פערשולדיגט געווען, און איהם דערנאָך אַרויסגעשטעלט פון דער וואוינונג, פון באַנק־הויז, וואָס דו האָסט עס אַליין איבערגענומען".

"— אין דעם טאָג איז עס נישט מעהר ווערט געווען. עס איז נאָך געווען אַ איינשטעלונג פון מיין זייט צו בעצאָהלען איהם דעם פרייז. מען האָט נישט געקאָנט וויסען ווי לאַנג דער קריזיס וועט אָנהאַלטען. אודאי איז אַ ביזנעס־מאַן נישט קיין רעווערענד און אַ באַנק־הויז נישט קיין צדקה־אַנשטאַלט. אַזוי ווי מען האָט געהאַנדעלט מיט מיר — האָב איך געהאַנדעלט מיט אַנדערע. איך בין נישט געווען קיין אויסנאַהם", — האָט ער זיך געפּרובט פאַר וועמען דאָס צו פערענטפערען.

„— און האָב איך שוין גאָרנישט געטהון קיין גוטס אין מיין לעבען? — איך בין גוט געוועזן צו מיינע אָנגעשטעלטע". — פרובט ער צוריק צו טענה'ן.

„— ווייל דו האָסט דורכדעם געדענקט, אַז זיי וועלען דיר בעסער דינען. דאָס איז דאָך געוועזן דיין פּרינציפּ, — האָט ווער אין איהם געזאָגט — און ווען מען האָט בעדאַרפט, האָסט דו אפילו ליבעס-חנ'דלעך געמאַכט צו דיינע סטענאָגראַפּיסטקעס, כדי זיי זאָלען לענגער זיצען אין דיין ביוראָ און געטריי דיר דינען".

„— דאָס איז נישט אמת. די מינא איז מיר געפעלען: זי איז געוועזן אַ שענע בלאָנדיקע. מיר האָבען אייניגע מאָל גוט פּער-בראַכט. דאָס מעדעל האָט מיך ליעב געהאַט"

„— דערפאַר ווייל זי האָט גערעכענט מיט דיר חתונה צו האָבען!"

„— נו, אַזוי נאַאיוו... בין איך נישט שולדיג. זי האָט זיך דאָך נישט געקאָנט איינרעדען, אַז איך וועל חתונה האָבען מיט איהר: קיינע האָפנונג האָב איך איהר נישט געגעבען".

„— אָבער דו ביסט געוועזן מיט איהר אייניגע מאָל צוזאמען. אַרויסגעפאָהרען מיט איהר אין אַ אויטאָמאָביל נאָך לאָנג-אייל-אַנד און דאָרט איבערגענעכטיגט... זי איז נאָך געוועזן אַ מיידעל. זי האָט געגלייבט אויף דיין האַלז, אַז זי האָט דיך ליעב, — נישט דערפאַר, וואָס דו ביסט איהר שעף — נאָר זי האָט דיך ליעב געהאַט".

„— זי האָט דאָך דאָס זעלבע געוואָלט, וואָס איך. איך האָב איהר גאָרנישט צוגעזאָגט".

„— און דערנאָך, ווען ווען דו ביסט אַ שותּף געוואָרען מיט דער פירמע „זילבערשטיין עט קעניגסבערג" — זענען אַלע דיינע אָנגעשטעלטע אַריינגעקומען דיך גראַטולירען. מינאַ איז אויך גע-ווען. דו האָסט דאָך מורא געהאַט צו טרעפען זיך מיט איהרע בלי-קען. זי איז בלייך געוועזן און די חבר'טאָרינס האָבען געקוקט אויף איהר, דאַכט זיך מיט רחמנות, אַנדערע האָבען, דאַכט זיך, גע-שמייכעלט. דערנאָך, ווען מינאַ איז אַוועק מיטאָג עסען, איז זי שוין מעהר נישט צוריקגעקומען. דו האָסט זיך דאָך געשראָקען. צווי

טעג ביסט די אַרומגעגאַנגען אַ ציטערנדיגער: האָסט מורא געהאַט, אַז עפּעס אַנ׳אומגליק זאָל נישט האָבען געטראָפען מיט׳ן מיידעל. נישט פאַר דעם אומגליק האָסטו מורא געהאַט—האָסט געציטערט, אַז דאָס מיידעל זאָל דיר קיין צרות נישט אָנטאָהן. און ענדליך, אַז ווער פון דיינע אָנגעשטעלטע האָט דיר געזאָגט, אַז ער האָט געטראָפען מינאַ׳ן ביי מיטאָג עסען, אַז זי אַרבייט אויף אַנ׳אַנדער שטעלע — ביסט דו צופרידען געווען, וואָס דאָס גאַנצע געשעהעניש האָט דיך אַזוי ווייניג מיה און געלד געקאָסט און ביסט אַזוי לייכט פון איהר פטור געוואָרען, נאָך איבערגעלאָזט ביי דיר פאַר אַ וואָך געהאַלט.

„— נור דאָס איז נישט אמת. איך האָב געוואָלט דאָס מיידעל גוט בעפרידיגען. איך האָב איהר אַפילו אַ פּאָר שענע הונדערט דאָלאַר געוואָלט געבען, אַז זי זאָל זיך האָבען איינצוריכטען אַ וואוינונג, ווען זי וועט חתונה האָבען. וואָס האָב איך געקאָנט טהון, אַז זי איז געווען אַזוי אַמביציעז? איך האָב נישט געוואָלט איהרע געפיהלען בעליידיגען, אָנבאָטען איהר געלד.

„— אָבער דאָס מיידעל האָט דיך ליעב געהאַט. און ער דערמאָהנט זיך יעצט די נאַכט אין „לאָנג-איילאַנד": — זומער איז עס געווען, אַ וואַרימע נאַכט, זיי זענען צום ערשטען געלעגען אויפ׳ן ברעג ים, וואו זיי האָבען זיך געבאָדען. זי האָט אַ שענע פיגור געהאַט אין דעם „באַד-אַנצוג". „דאָס מיידעל האָט מיך ליעב געהאַט, ווי זי האָט געוויינט אויף מיין האַלז, און דאַן, אין צימער אין האָטעל — ווי זי האָט געקושט מייגע הענד, ווי זי האָט זיך געפרעהט מיט מיר, אָהן יעדען ווידערשטאַנד האָט זי זיך מיר איבערגעגעבען — און זי איז דאָך נאָך אַ מיידעל געווען...

„— אפשר וואָלט איך בעדאַרפט מיט איהר חתונה האָבען — וואָלט מיין לאַגע יעצט אַנדערש אויסגעזעהן?

— אָבער ווער האָט דענסטמאָל געקאָנט קלערען וועגען דעם. דאַמאָלס האָב איך דאָך אַלצדינג בעטהון אַריינצוקריגען זיך אין דער פירמע „זילבערשטיין עט קעניגסבערג". איך האָב דאָך געהאַט די גרויסע קאָמבינאַציע צו פעראייניגען מיין קאַפּיטאַל מיט סילווע׳ס און אַריינצוקריגען דורך דעם די מעהר

צאָהל אַקציעס פון ס. ק. ב. און אַזוי אַרום צו ווערען אַ שותף אין דער קאָמערץ-באַנק.

— „ניין, עס איז נישט געווען בלויז די „קאָמערץ-באַנק״ — סילווע איז מיר געפעלען. דענסמאָל אין דער לאָזשע, ווען זי איז געזעסען מיט די ענטבלויזטע הענד, אין דעם בלוי-טונקעלען טיולענעם קלייד —

„— דענסמאָל אין דער לאָזשע, ווען קארוזאָ האָט געזונגען, בין איך דאָך געווען אין דער לאָזשע פון די „גרויסמאַנס״, דענס-מאָל האָב איך זיך דאָך גאָר גע׳שדכנ׳ט צו הענריעטע גרויסמאַן דערפאַר, וואָס איך האָב געמיינט, אַז גרויסמאַן וועט מיך מיט אַריינ-נעהמען אין שותפות פון דער „קלאָדינג-באַנק״, — נור ערשט, ווען איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז דער אַלטער גרויסמאַן האָט איבער-געגעבען די גאַנצע פערוואַלטונג פון דער באַנק זיינע צוויי זיהן, און איך וועל נור זיין אַ דריטע ראָד צום וואָגען — האָב איך געוואָרפען אַנ׳אויג אויף סילווע׳ן.

— אָבער סילווע קעניגסבערג איז דאָך מיר געפעלען! איך געדענק דאָך, ווי אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געקלערט וועגען איהר, נאָכדעם ווי איך האָב זי דערזעהען אין דער לאָזשע מיט די ענט-בלויזטע הענד!

— דאָס האָסט דו דענסמאָל אין דער נאַכט אויסגעקלערט דעם פלאַן, די קאָמבינאַציע מיט דער „קאָמערץ-באַנק״ — דאָס האָסט דו דענסמאָל שוין אויסגעאַרבייט דעם פלאַן ווי אַזוי צו געפעלען דעם אַלטען קעניגסבערג.

— ווי אַ מאַלפע האָסט דו זיך פערשטעלט. ביסט געקראָכען אויף אַלע פיער: האָסט געזעהן, אַז דיינע אַלע געלד-טראַנזאַקציעס זאָלען געהן דורך דער „קעניגסבערגער״ פירמע, כדי דער אַלטער זאָל געוואָהר ווערען, ווי רייך דו ביסט. ביסט עקסטרא געוואָרען אַ מיטגליד אין דעם צדקה-אַנשטאַלט פון אויפבויען דאָס הויז פאַר פערזעסענע מיידלעך, פון וועלכען די אַלטע קעניגסבערגערין איז פאָרזיצענדע. און דו האָסט דורך אַ ביזנעס-טריק אַרויסגעקריגען דעם פלאַץ פאַר דעם הויז כמעט אָהן געלד. דער גאַנצער אַנשטאַלט פון די אַלטע מיידען איז דיך אָנגעגאַנגען, ווי דער פאַראַיאָהריגער

שניי — דאָס האָסט דו די אַלטע געוואָלט געווינען. האָסט געגעבען אַ גרויסע נדבה פאַר דעם שפּיטאָל, פון וועלכען דער אַלטער איז פּאָרזיצענדער, ביסט געוואָרען אַ מיטגליד פון דעם טעמפּעל, אין וועלכען דער אַלטער קעניגסבערג דאַווענט, כאָטש ביסט קיינמאָל נישט פרום געווען. און ווען די קעניגסבערגס האָבען צום ערשטען מאָל דיך פערבעטען אויף טייה — האָסט דו זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ מיאוסע מאַלפּע: האָסט פערלייקענט דיינע עלטערן פאַר זיי. האָ ט דערציילט, אַז דו שטאַמסט פון דייטשע יודען, אַז שוין דער דריטער דור געפינט איהר זיך אין אַמעריקא. אַז דיין זיידע איז געווען אַ רעוורענד, דיין פאָטער — אַ קליינער באַנקיר אין וועסט, אַז דו בעדויערסט, וואָס דיינע עלטערן זענען אַזוי פריה געשטאָרבען און צוליב דעם האָסט דו נישט געקענט פערענדיגען דעם „קאָלעדזש", וואָסט געמוזט ארויסטרעטען אין מיטען דער לעהרע דערפאַר, ווייל דו ביסט געווען דער עלטסטער און דו האָסט בעדאַרפט פערנעהמען זיך מיט'ן געשעפט כדי דער משפחה פרנסה צו געבען. דו האָסט געלייקענט, אַז דו טראָגסט אַנ'אַנדערן נאָמען, כדי קיינער זאָל דיך נישט חושד זיין, אַז דו ביסט נישט אַ קינד פון אַנ'עמיגראַנט.

„— אָבער איך האָב דאָך זי געליבט. איך האָב דאָס אַלעס געטהון דערפאַר, וואָס איך האָב סילווע'ן ליעב געהאַט און איך האָב זי געוואָלט קריגען. און איך ווייס, אַז אויף קיין אַנדערן וועג וואָלט איך זי נישט בעקומען. די קעניגסבערגס זענען געווען דייטשע אַריסטאָקראַטען און זיי וואָלטען זייער טאָכטער נישט געווען אָבגעגעבען פאַר אַנ'עמיגראַנטען־זוהן.

— אַ וואָך פאַר דער חתונה האָסט דו נאָך געקלערט וועגען אָבלאָזען דעם שדוך דערפאַר, וואָס דער אַלטער קעניגסבערג האָט דיר קיין האָפנונג נישט געגעבען וועגען דער „קאָמערץ־באַנק" און עס האָט זיך דיר געדאַכט, אַז די קאָמבינאַציע מיט דעם טשיקאַגער גרויס־מאַנופאַקטשורער פון די קליידער וועט דיך גיכער צום ציעל ברענגען. און ווען דו האָסט דאָס נישט געטהון, איז עס געווען הערפאַר, ווייל דאָרט איז שוין געווען צו שפּעט.

„— אָבער איך האָב סילווען ליעב געהאַט — האַלט ער זיך פעסט ביים רעטונגס־שטריק — זי איז מיר געפעלען.

„— זי איז דיר געפעלען ווייבליך. אָבער דאָס האָט דיר נישט געשטערט, אַז צוויי וואָכען נאָך דער חתונה האָסט דו דיך בעגע־געגנט מיט דעם טיידעל פון כאַר־וואָדעוויל אין „אַטלאַנטיק־סיטי".

„— אָבער אַלע זענען דאָך אַזוי, די גאַנצע וועלט איז דאָך נישט בעסער. אַלע, אַלע פיהרען זיך דאָך אַזוי. בין איך דען געווען אַנ׳אויסנאַהם? קיינער האָט נישט, פאַרוואָס צו לעבען. וואָס פאַר א גוטס האָב איך געבראַכט אין לעבען, ווען האָב איך נוצען גע־בראַכט מיט מיין לעבען? פאַרוואָס האָב איך געלעבט?

„— איך האָב געלד געזאַמעלט, איך האָב בערויבט, איך האָב בעגזלט, אַז איך זאָל קאָנען בעסער, אויסגעלאַסענער לעבען, איך זאָל האָבען מעהר מאַכט, מענשען זאָלען מורא האָבען פאַר מיר.

„— אָבער אַלע שטרעבען דאָך צו דעם. אַלע, די גאַנצע וועלט איז דאָך אַזוי.

„— האָבען זיי צוליעב וואָס צו לעבען?"

און דאַן איז איהם געקומען עפעס אויפ׳ן זינען, זיינע אויגען זענען ליכטיגער געוואָרען, אַ גרויסע פרייד האָט אָנגעפיהלט זיין האַרץ ביז איבער די ברעגעס. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער, אויפגעהויבען די הענד און גערעדט הויך, ווי עס וואָלט איהם ווער געהערט:

— גערטרוד, מיין קינד, מיין איינציג, ליעב קינד, מיין פויגעל, מיין גליק.

און סטאָון האָט דערפיהלט ווארימע טראָפּענס רינען אויף זיינע הענד. צום ערשטען מאָל, צייט ער איז אַ מאַן, האָט ער דערפיהלט דאָס גליק פון די ווארימע טראָפּענס. ער האָט אָנגע־הויבען הויך צו וויינען פאַר גליק און פאַר צער. גערטרוד איז געווען דער אינזעל, אויף וועלכען דער טרינקענדער האָט זיך גע־ראַטעוועט.

— איך וועט וואַגען צו צווייפלען אין מיינע אמת׳ע גע־פיהלען צו מיין קינד? געגען דער גאַנצער וועלט בין איך געווען

פּאַלש און גענאַרעריש. — מיין קינד האָב איך ליעב מיט אמת׳ער ליעבע. קיינער קאָן נישט צווייפלען אין דעם.

— פאַר איהר האָב איך דאָס אַלעס געטהון, פאַר איהר האָב איך געשטרעבט און געזאַמעלט — דאָס איז געווען מיין ציעל אין לעבען, כּדי זי גליקליך צו מאַכען.

אָבער באַלד איז געקומען אַ גרויסער אמת און האָט זיך איהם געשטעלט אין די אויגען:

„— און דאָס קינד, וואָס דו האָסט אַזוי ליעב געהאַט, דיין קינד, דיין איינציג קינד — האָסט דו פערדעקט מיט אַזאַ שאַנד!"

עס האָט זיך איהם אויפגעדעקט זיין גאַנצע לאַגע, אין וועל־כער ער געפינט זיך און אין וועלכער ער האָט אַריינגעבראַכט זיין משפחה. — מיין קינד האָב איך געגעבען אַ פאָטער — אַ פערברעכער, אַ מערדער, וואָס איז פעראורטיילט אויפ׳ן „עלעקטריק־טשער".

„— גאָט, גאָט, וואָס האָב איך געטהון!"

ערשט איצט האָט ער דערזעהן די גאַנצע מורא׳דיגע טראַ־געדיע פון זיין לאַגע. דאָס שרעקליכע, וואָס איז געשעהן, או, ער איז אָבהענדיג געבליבען:

„— מיין קינד וועט זיין געצייכענט דאָס גאַנצע לעבען, מיין איינציג קינד, פאַר וועלכען איך האָב געלעבט, מיין פרייד, מיין גליק, מיין איינציגע ליעבע, האָב איך געשטראָפט מיט אַ שרעקליכער שטראָף אויפ׳ן גאַנצען לעבען. איך האָב מ ט אַ פייערדיגען אייזען אויסגעבריהט אויף איהר שטערן קינ׳ס צייכען: איהר פאָטער איז אַ מערדער! אַ מערדערס אַ טאָכטער!

„— און דאָס האָב איך געטהון, יאָגענדיק זיך נאָך גליק.

ער האָט זיך אַ מינוט פאָרגעשטעלט, ווי ער לעבט ערגיץ־וואו אין אַ פערוואָרפען ווינקעל אויפ׳ן לאַנד. ער איז אַ פאַרמער, ער איז אַ קרעמער, ער איז אַ לוין־אַרבייטער. ער וואוינט מיט זיין קינד, מיט אַ פרוי, וואָס ער ליעבט, אין אַ אָרים, קליין שטיבעל. ער האָט זאָרגען, טאָג־טעגליכע זאָרגען צו פערשאַפען זיי ברויט יעדען טאָג, שיך אָנצוטהון—ווי יעדער איינער דאָרט, דרויסען.

„— גאָט, פאַרוואָס איז עס מיר נישט בעשערט געווען, דאָס אָרימע ביסעל גליק, וואָס דו האָסט צוגעטיילט צו יעדען דיין בע־

שפּעניש אויף דער אָרימער ערד, צו פרעהען זיך מיט זיין קינד? פאַרוואָס איז מיר דאָס געקומען?"

„— און וואָס פאַר אַ שוואַרצען פלעק האָב איך אָנגעטהון אויף מיין קינד, אויף איהר גאַנץ לעבען."

ער איז שטיל געבליבען. זיינע אויגען זענען גרויס געוואָרען און ווילד, זיין האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען. זיינע גלידער זיך צו בעוועגען. און אינעווועניג אין איהם האָט ווער גערעדט מיט אַ קלאָרער, זיכערער שטימע, צו וועלכער ער האָט זיך צוגעהערט:

„— שטאַרבען, שטאַרבען און ווערען פערגעסען."

דאַן האָט ער זיך דאָס איבערגעלעגט אין דער שטיל, אָהן ווערטער, אויף אַ קלאָרען ביזנעס-וועג, ווי ער איז געוואוינט געווען געשעפטען זיך איבערצולעגען:

„— אַז איך וועל לעבען — וועל איך זיי יעדען טאָג דער־מאָהנען אָן מיר, שטאַרבען — וועל איך ווערען פערגעסען."

אַ ציטער, ווי אַ עלעקטרישער שטראָם, איז אַדורכגעגאַנגען דורך זיין קערפּער.

ער האָט אָנגעלעהנט זיין קאָפּ אויף ביידע הענד און איז געבליבען אזוי אַ גאַנצע נאַכט.

12

דער „וואַרדען“ פון דער גרויסער ניו־יאָרקער שטאָדט פון פאַרבּרעכענס, „סינג סינג“, איז דאַמאָלסט געווען אַ בעוואוסטער „רעפאָרמער“, וועלכער האָט איינגעפיהרט פיעל נייע מענטשליכע מעטאָדען אין באַגעהן זיך מיט די פּעראורטיילטע. ער האָט געהאַט אַ טעאָריע, אַז פּערבּרעכען איז נישט קיין זינד, נור אַ קראַנקהייט אַזעלכע, און אין די אונגליקליכע באַדאַרף מען זיך נישט נוקם זיין, נור זיי אויסהיילען פון זייער קראַנקהייט. די תּפיסה איז דער מאָראַלישער שפּיטאָל פאַר דער פּערבּרעכערישער קראַנקהייט, פון וועלכען די קראַנקע בּעדאַרפען נאָך אַ געוויסער צייט אַרויסגעהן געזונטע. ער האָט זיך בּעמיהט זעהר מענטשליך צו די פּערבּרעכער: איינגעאָרדענט פאַר זיי פון צייט צו צייט פאָרשטעלונגען, צוגעלאָזט אָפט צו זיי זייערע פאַמיליען, אַפילו ערלויבט זיי אַהיים צו געהן אויף געוויסע צייטען, — און אַנדערע רעפאָרמען. ער האָט זיך אויך בּענומען זעהר מענטשליך צו די, פאַר וועלכע עס איז שוין קיין רפואה ניטשאַ, און זיי זיינען פּעראורטיילט געוואָרען צום טויט. ער האָט זיי געלאָזט געניסען, אין די לעצטע טעג פון זייער לעבּען, פון אַלע פרייהייטען, געזאָרגט, אַז זייער עסען זאָל זיי גוט שמעקען, איבּע הויפּט עס זאָל זיי גאָרנישט אויספּעהלען. מען האָט זיי אַרויסגעפיהרט אויף דער פריי, כּדי זיי זאָלען זיך פּערגעסען אָן זייער מזל. נור וואָס בּעסער מען האָט בּעהאַנדעלט די צום טויט פּעראורטיילטע, אַלץ טיפער האָבּען זיי געפיהלט דעם צער פון טויט. עס איז אויסגעקומען, ווי מען וואָלט פון זיי חוזק

מאַכען. די גוטע באַהאַנדלונג פון די וועכטער האָט זיי דערמאָנט אָן דער האָפנונגסלאָזער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך.

איבער דעם טויער פון „טויטען-הויז" איז געשטאַנען אויפ-געשריבען דאַנטע'ס וואָרט פון גהינם: „יעדע האָפנונג איז איבער-געבליבען הינטער מיר". און דוקא אין טויטען-הויז איז געווען אַזוי איינגעריכטעט, אַז אַלצדינג זאָל נעהרען די האָפנונג פון דעם האָפ-נונגסלאָזען... די ליכט דורך די פענסטער, דער גאָרטען פאַר די פענסטער, די פרייע בעוועגונג, די מענשליכע בעהאַנדלונג, די גוטע שפייזען, מיט וועלכע מען האָט זיי געקאָרמעט. עס וואָלט געווען, ווי מען וואָלט זיך מיט זיי געררייצט: „די וועלט האָט אַזוי פיעל גוטעס צו פערטיילען, און דו מוזט פון איהר אַוועקגעהן."

סטאָון איז אויפגעוועקט געוואָרען פון די סנאָפּעס זון, וואָס האָבען זיך אַריינגעגאָסען אין זיין פענסטער. ער איז אויפגעוועקט געוואָרען פון אַ פריידיגען לאַכען, וואָס ער האָט געהערט פון דרויסען. אַז ער איז צוגעקומען צום פענסטער, האָט ער דערזעהן, אַז דאָס „טויטען-הויז" איז אַרומגערינגעלט מיט לעבען. עס איז געווען אַ הערליכער הערבסט-טאָג, פון די לעצטע טעג פון „אינדיען-זומער". די פאָר ביימער, וואָס זיינען געשטאַנען אין דעם גאָרטען, האָבען נאָך פערמאָגט גענוג גאָלדענע און בלוט-רויטע בלעטער אויף זיך, כאָטש זייער בעסטע בליהונג, זייער שעהנסטע גאָלד און זייער האַרציגע רויטקייט זיינען שוין געלעגען פאַר'חושך'טע אַרום זיי און זיך געצאַפּעלט אין זייער בלוט... איבער דעם גאָרטען זיינען גע-ווען פערשפּרייט עטליכע אַרעסטאַנטען אין געשטרייפטע קליידער און האָבען אויסגעגראָבען פון דער ערד די לעצטע קאַרטאָפּלעס, צוזאַמענגעקליבען די לעצטע הייפּטעלעך קרויט. צווישען די אַרעס-טאַנטען האָבען זיך בעוויזען אויך קינדער. עס האָבען געמוזט זיין היימישע, וואָרים זיי זיינען געוואוינט געווען מיט די אַרעסטאַנטען. זיי האָבען זיך געשפּיעלט מיט זיי, העלפענדיג די אַרעסטאַנטען צו-זאַמענקלייבען די לעצטע פרוכטען פון דער ערד. אַ מיידעל מיט אַ רויט בענדעל אין די גאָלדענע האָר איז דאָרט געווען. סטאָון איז אַזוי צוגעצויגען געוואָרען צו דעם בילד, אַז עס האָט זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען פאַר פרייד.

אַ לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען ביים פענסטער און בעטראַכט די גליקליכע אַרעסטאַנטען, וועלכע האָבען בענוצט יעדע געלעגענהייט צו באַלאַמוטשען פון דער אַרבעט און צו שפּיעלען זיך מיט די קינדער. צו רעדען מיט זיי, צו האָפּטשען מיט זיי און צו פרעהען זיך מיט זיי. מ'האָט געזעהן, ווי אויסגעהונגערט זיי זיינען געוועזען נאָך אַ ביסעלע מענשליכע פרייד; צו הערען אַ פרייע מענשליכע שטימע. אַ גרויס רחמנות האָט סטאָנ'ען אַרומגענומען פאַר די אומגליקליכע מענשען.

ער האָט אין גאַנצען געהאַט פערגעסען אָן זיך, אָן זיין אייגענער לאַגע. דאָס בילד און די זון און דער הערבסט-טאָג און די ביימער, און דער עיקר די ערד, די נאַקעטע, שוואַרצע ערד, וואָס איז נאָך דאָ און דאָרט בעדעקט מיט גריינס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזעהן, קיינמאָל נישט געקענט, קיינמאָל נישט געפונען פאַר נויטיג צו בעטראַכטען, נור ערשט, אַזוי שפּעט — האָט איהם איצט אָנגעפילט מיט אַזוי פיעל פרייד, האָפנונג און מוטה, אַז ער האָט אָן אַלעם פאַרגעסען. עס איז איהם לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרצען. אַ גרויסע זאָרג איז אַראָבגעפאַלען פון זיינע פּלייצעס, און ווען דער וועכטער איז אריינגעקומען און געפרעגט איהם, אויב ער ווינשט עפּעס, האָט ער גוטמוטיג געענטפערט:

— אַ גוטען וואַש און אַ שטאַרקען פריהשטיק.

— איך זעה, אַז דו ביזט היינט אין אַ בעסערען מוטה, ווי נעכטען. דאָס איז גוט.

— עס איז נישטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס טרויעריג צו זיין: די זון שיינט.

די זון האָט אַזוי געשיינט, אַז עס האָט זיך סטאָנ'ען געדאַכט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געזעהן און האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז די זון שיינט. ערשט איצט האָט ער זיך דאָס דערוואוסט.

דאָס פרישע וואַסער אונטער דעם קראַן האָט איהם נאָך מעהר מונטער געמאַכט. און אַז דער וועכטער האָט געשטעלט פאַר איהם די הייסע שיסעל מיט'ן געקעכץ, איז, נישט קוקענדיג אויף דעם נעכטיגען בעשלוס צו שטאַרבען, האָט ער געגעסען מיט גרויס

אפעטיט, וועלכען ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט אפילו אין זיינע גוטע טעג.

אין מיטען עסען איז ווידער געקומען צו איהם דער געדאַנק וועגען דעם טויט-אורטייל, וואָס ליגט ווי אַ שטריק אויף זיין האַלז. נור נאָך מעהר פון אורטייל האָט איהם איצט געשראָקען זיין אייגענער בעשלוס, צו וועלכען ער איז געקומען נעכטען ביינאַכט. ער האָט אַ מינוט אויפגעהערט צו עסען און טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין זיינע אויגען. (זייט די ערשטע נאַכט אין טויטען-הויז האָט סטאָון געקראָגען זעהר לייכט די טרעהרען אין די אויגען אריין, אַ זאַך, וואָס ער האָט זיין גאַנצען לעבען נישט געקענט בעוויזען).

„גאָט — טראַכט ער זיך — איך בעדאַרף שטאַרבען און איך עס מיט אַזאַ אַפּעטיט".

„מוז איך שטאַרבען? איז שוין טאַקע נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג פאַר מיר?" האָט זיך ווידער געפּרובט עפּעס אין איהם אויפוועקען.

„יאָ, יאָ, עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג".

אָבער דאָס זענען געווען נור ווערטער. דער מח, דאָס האַרץ, זיין בלוט, זיין מענליכקייט, זיין גאַנץ לעבען האָט איצט פּראָטעסטירט, און אַלעס האָט זיך צוזאַמענגענומען, אום צוצוקלערען אַן עצה, ווי אַזוי אָבצוראַטעווען דאָס לעבען.

ער האָט אויפגעהערט צו עסען, כאָטש ער האָט נאָך געפיהלט דעם אַפּעטיט און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, ווידער אַרויסגעקוקט דרויסען, אין גרינעם גאָרטען אַריין. אין קאָפּ האָבען זיך איהם געשפּיעלט פאַנטאַזיעס, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט זיין לעבען, ווי עס וואָלט אַנדערש געקענט זיין, ווי עס איז געווען. זיין פאַנטאַזיע האָט איהם פערטראָגען אין אַ ווייטער, אָבגעלעגענער פאַרם, ערגעץ אין אַ ווייטער פּראָווינץ, אין סטייט מעין, אין קאָנעטיקוט, אָדער גאָר אין מיטעל-וועסט. ער וואוינט מיט זיין פאַמיליע אויף אַ נאַקעטען פעלד און בעאַרבייט די ערד. ער שטעהט אַזוי מיט זיין טאַטער אויפ'ן פעלד, אין הערבסט-צייט, אין אַזאַ טאָג ווי היינט

צווישען די גאָלדענע און בלוטיגע בלעטער, אין קלייבט אויף די לעצטע רעשטען פון דער ערד׳ס פּרוכטען.

„גאָט, דאָס לעבען האָט צו פערטיילען אַזוי פיעל גליק, דאָס לעבען איז אַזוי רייך אין גליק. עס וואַלגערט זיך דאָך אַרום דאָס גליק איבער דער ערד, און איך האָב נישט געוואוסט, און איך האָב עס געזוכט אויף אַזעלכע פערפּלאָנטערטע, געפעהרליכע וועגען. איך האָב געמיינט, אַז עס ליגט נור אין עשירות, און דערגעהן קען מען דערצו דורך גנבה, גזלה, דורך מענשליכען אונגליק, דורך דעם מ׳נשענס טרעהרען און צרות".

„פאַר וואָס לערנען זיי נישט די מענשען, וואו עס געפינט זיך דאָס אמת׳ע גליק? אַז דאָס אמת׳ע גליק איז אַזוי באַהענט, נור אויפצוהויבען עס מיט דער האַנט?"

„צו וואָס זענען דאָ קירכען? צו וואָס זענען דאָ די טעמפּלען? פאַר וואָס קלערען דאָס נישט אויף די צייטונגען?"

„און אפשר האָב איך געמוזט קומען דערצו, כדי איך זאָל דערזעהן, וואו עס געפינט זיך דאָס אמת׳ע גליק?"

און דאַן האָט ער זיך געזאָגט דאָס, וואָס יעדער אייגער זאָגט זיך, ווען עס איז שוין צו שפּעט:

„ווען זיי וואָלטען מיך יעצט אַרויסגעלאָזט, וואָלט איך געוואוסט, ווי אַזוי צו לעבען. איך וואָלט געוואוסט."

און אָט דער געדאַנק האָט איהם געגעבען עפּעס אַ שטופּ. ער האָט אָנגעהויבען צו רעווידירען דעם בעשלוס, וועלכען ער האָט געפאַסט יענע נאַכט און אָנגעהויבען ענערגיש ווידער צו זוכען אַ אויסגאַנג פון דער נעץ:

„און אפשר אָנהויבען נאָך אַמאָל דעם קאַמף פון דאָס ניי? איך בין דאָך אונשולדיג. איך קען דאָך לייכט אויפווייזען די אורזאַך פון מיין פערשפּעטיגען דעם צוג; אַז איך האָב קיינמאָל די פּרוי נישט געקענט, אַז אַלעס, וואָס עס האָט געטראָפען דעם אַכטען אויגוסט, איז געווען אַ צופאַל, אַז אין אמת׳ען האָב איך נישט געוואָלט הרג׳ענען דעם אונגליקליכען אַלטען מאַן. אַ חיה האָט געוויל־דעוועט אין מיר, אַ חיה פון ליידענשאַפט. ער האָט מיך געטראָפען אין אַ שלעכטער מינוט. דאָס העכערע געריכט וועט מיר גלויבען.

די געשוואָרענע זיינען געוואָרען מיטגעצויגען אין דער ליידענשאַפט פון דער דיסקוסיע, אין די געריכטס-אונטערהאַנדלונגען, וואָס די פּרעסע, גאַס, האָט געפיהרט איבער מיר. אויף וויפיל קענען זיי מיך דאָס פעראורטיילען? אויף צעהן, אויף פופצעהן, אויף צוואנציג יאהר! איך וועל עס פאַר ליעב אָננעמען. איך וועל קאָרעקט און עהרליך אויספיהרען די אַרבייט, וואָס זיי וועלען לייגען אויף מיר. איך וועל טאָן אַלצדינג, איך זאָל קריגען אַ בעגנעדיגונג. זיי וועלען מיך בעגנעדיגען אין צעהן, אין פופצעהן יאָהר אַרום. איך בין נאָך אַ יונגער מענש, איך בין פיזיש שטאַרק. איך וועל עס איבערטראָגען. איך וועל אַרויסקומען, איך וועל זיך נעהמען צו עהרליכער אַרבייט. אָ, איך וועל וויסען דאַן, ווי אַזוי צו לעבען."

באַלד האָט ווער אָנגעהויבען צו מאָהלען פאַר איהם די אַנדערע זייט, די שטעלונג פון די אַרומיגע צו איהם דערנאָך. „סטאָון דער פעראורטיילטער. און מיין פאַמיליע? סילוויע וועט זיך מיט מיר גט'ן — געוויס וועט זי זיך בעפרייען פון מיר. זי האָט קיינמאָל קיין סענטימענטען נישט געהאַט."

„לאָז זי זיך גט'ן מיט מיר. איך וועל זי בעפרייען. אָבער גערטרוד וועט האַלטען מיט מיר. איך ווייס, אין די ערשטע צייטען, ווען זי איז נאָך יונג, וועלען זיי פּרובירען איינפלאַנצען אין איהר אַ שנאה, אַ האַס צו מיר. אפשר וועלען זיי גאָרנישט דערמאָנען מיין נאָמען פאַר איהר? זיי וועלען טאָן אַלצדינג, אום דאָס קינד צו מאַכען פערגעסען אָן מיין עקזיסטענץ. זיי וועלען מיך פערשווייגען פאַר איהר. איך בין געשטאָרבען. גוט, גוט. אפשר וועלען זיי איהר איינרעדען, אַז קראַז א'ז איהר פאָטער, גוט, גוט. דאָס קינד וועט אויפוואַקסען, עס וועט זיך דערמאָנען אָן מיר. עס וועט זיך דערמאָנען אָן די קינדער-יאָהרען — אפשר וועל איך שוין דאָמאָלסט פריי זיין. גערטרוד וועט זיין דערוואַקסען. זי וועט מיך נישט לאָזען אַליין. עס איז מיין קינד, מיין בלוט און פלייש."

„און וואָס געהט מיך אָן די גאַנצע וועלט? זיי אַלע אין דרויסען? איך בין בעסער פון זיי. איך האָב דערזעהן דעם גאַנצען אָפּגרונט, אין וועלכען זיי ליגען. איך האָב דערזעהן דעם

זומפּ, אין וועלכען מיר אַלע זינקען, און איך וועל זיך אַרויסדראַפּען פון דעם זומפּ. יאָ, איך וועל בעצאָהלען דערפאַר מיט צוואַנציג יאָהר פון מיין בעסטען לעבען. אָבער איך וועל זיך אַרויסדראַפּען פון דעם זומפּ. און ווען איך וועל זיך אַרויסקריגען, וועל איך זיין אַן אַנדער מענש. איך בין שוין איצט אַן־אַנדער מענש. וואָס געהען זיי מיך אָן?"

„אָבער סילוויע?"

ער האָט זי געזעהן יעצט אין איהר גאַנצער ווייבליכער פי־גור. איהרע בלאָנדע האָר, איהר ליבּ — און זי באַלאַנגט צו אַן־אַנדערען, אפשר צו זיין פריינד, צו קראָז'ן, און זי וואוינט מיט איהם אין דער זעלבער וואוינונג, אין דער וואוינונג, וואָס ער האָט איינגעריכטעט, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיעל ליעבע צוזאַמענגע־קליבען, אַ שטול נאָך אַ שטול. יענער זיצט אין זיין ביבליאָטעק, אונטער דעם שאָטען פון דעם לאָמפּ, וואו ער פלעגט זיצען. יענער שפּייזט ביי דעם טיש, ביי וועלכען ער פלעגט שפּייזען. יענער שלאָפט אין דעם בעט, אין וועלכען... און איך לעב נאָך! לעב ערגעץ־וואו אין אַ לאָך, אין געפענגעניש, אין אַ פינסטערען ווערק־שטעל מיט אַנדערע פערברעכער. און ער, מיין פריינד, פערוואַלטעט מיט מיין פערמעגען, מיט דעם פערמעגען, וואָס איך האָב מיט מיינע צוויי הענט צוזאַמענגעקליבען.

ער האָט געבויגען דעם קאָפּ מיט אונטערטעניגקייט און גענומען אויף זיך זיין גורל.

„אַזוי איז עס בעשערט געווען. איך האָב קיינמאָל נישט גע־האַט קיין גליק צו דער פרוי. זאָל איהר גוט געהן."

ער איז שטיל געוואָרען. עס איז שטיל געוואָרען אין איהם נאָך דעם געדאַנק. אַ בערוהיגונג און אַ שטילקייט האָט בעהערשט זיין גאַנץ וועזען און אַן אונבעוואוסטע פרייד האָט איהם אַרום־גענומען.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיר און אַריינגערופען דורך די שטאַכעטען דעם וועכטער:

„מיין פריינד, איך האָב אַ גרויסע בקשה צום „וואָרדען". איז

עס מעגליך, אַז מען זאָל מיר ערלויבען צו אַרבייטען אין גאָרטען, ווי זיי דאָ?״ — ווייזט ער דורכ׳ן פענסטער.

„איך וועל עס בעדאַרפען פאָרלעגען דעם וואַרדען״.

„איך בעט דיך, טהו דאָס״ — האָט סטאָון אָנגעכאַפּט דעם וועכטער׳ס האַנט מיט געבעט — „איך וואָלט עס אַזוי געוואָלט.״

„גוט, גוט, איך וועל איבעררעדען מיט איהם.״

„איך דאַנק דיר.״

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער וועכטער צוריקגעקומען און האָט איהם געמאָלדען, אַז זיינע אַדוואָקאַטען וואַרטען אויף איהם אין „וואַרדען׳ס״ ביוראָ, און ער קען מיט איהם געהן זעהן זיי.

אין דער ביוראָ פון „וואַרדען״, הינטער די גראַטעס, האָבען שוין געוואַרט אויף איהם זיין פריינד גאָלדשמיט און דער אַסיסטענט פון דעם גרויסען אַדוואָקאַט, וואָס האָט איהם פערטהיידיגט.

„נו, ווי פיהלסטו זיך, אַלטער יונג?״

„אָ, איך דאַנק אייך. זעהר גוט״ — האָט סטאָון געזאָגט אַ פרעהליכער.

„דאָס איז אַ גוטער סימן. מיר קענען דיר שוין איבערגעבען, אַז די גאַנצע פּרעסע, די גאַנצע שטאָדט איז אויפגעקאָכט איבער דעם אורטייל, און מיר האָבען די בעסטע האָפנונגען. פון איבעראַל זאָגט מען אונז צו שטיצע. דאָס געריכט אַליין וויל דערמיט אַן ענדע מאַכען.״

„אָ, דאַנקען גאָט״ — האָט סטאָון אַרויסגעקרעכצט.

„מיר גרייטען צו דעם מאַטעריאַל פאַר דער אַפּעלאַציע. מיר ווילען זיך מיט דיר אַן עצה האַלטען. אויב דו וועסט איינגעהן דערויף. דער פונקט איז זעהר וויכטיג. און ווען עס וועט אונז געלונגען דעם פונקט צו ברענגען אין דעם ריכטיגען ליכט, איז אונזער זאַך געוואונען. אַזוי זיכער, ווי מיר האָבען איצט טאָג.״

„רעטעט מיך, מיינע...״ — האָט סטאָון נישט פערענדיגט דעם זאַץ, און פאַר שאַנדע, וואָס ער איז שוואַך געוואָרען, האָט ער זיך מיט אַ האַנד פערשטעלט די אויגען.

„יאָ, זיכער, ווי עס איז דאָ אַ גאָט אין הימעל, דו וועסט לעבען. מיר האָבען בעשטימט אויפצודעקען אַלע קאָרטען, אַרויס-

צוקומען מיט דעם גאַנצען אמת, נישט מעהר זיך שפּיעלען מיט קיין סענטימענטען. עס האַנדעלט זיך דאָ אום דיין קאָפּ."

"וואָס האָט איהר בעשטימט צו טאָן?"

"הער אויס, די אָנקלאַגע האָט געבויט איהר גאַנצען בעשולדיגונגס־אַקט אויף דעם, וואָס דו האָסט פערשפּעטיגט דעם צוג און דו האָסט נישט געקענט ערקלערען די אורזאַך, פאַר וואָס דו האָסט דיך דעם אַכטען אויגוסט נישט געפונען מיט דיין פאַמיליע צוזאַמען. נו, וועלען מיר יעצט אויפדעקען דעם גאַנצען אמת. מיר האָבען בעוויזען דערפאַר, אַז מיסעס סטאָון האָבט גאַנצע אָבענדען געשיפט זיך אין זיין „קאַנאָ־שיפעל" איבער'ן טייך. מיר האָבען נאָך מעהר קאָמפּראָמיטירענדע בעווייזען, וואָס דו ווייסט נישט, אַז דו האָסט געהאַט אַ געגוגענדע אורזאַך, נישט נור בלויז אייפערזיכטיג צו זיין, נור אַפילו אָנצוקלאָגען דיין פרוי אויף אַ גט. נישט וועלענדיג אַרויסרופען אַ סקאַנדאַל אין דעם טאָג פון דיין קינד'ס געבורטס־טאָג, וועלכען קראַז האָט געוואָלט פּראָוואָצירען — צוליעב דעם האָסטו זיך איינגעהאַלטען און ביסט נישט אַרויסגעפּאָהרען נאָך „סטעטען הוט". מיר האָבען בעוויזען — אַז מיסעס סטאָון, וועלכע שפּיעלט איצט די ראָלע פון אַ צדקניות, איז געווען פּעראינטערעסירט, אַז דו זאָלסט נישט אַרויסקומען דעם אַכטען אויגוסט קיין „סטעטען הוט", ווייל דעמזעלבען אָבענד האָבען זיי שכנים געזעהן אין מיסטער קראַז'ס שיפעל. דאָס וועט איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויפדעקען די קאָרטען. עס וועט ערקלערען דיין גאַנצען פּסיכאָלאָגישען צושטאַנד פון אַכטען אויגוסט. עס וועט ערקלערען אַלע דיינע מעשים. דער גאַנצער פּראָצעס וועט דורך דעם קריגען אַ גאַנץ אַנדערע ריכטונג. נאָך מעהר, די גאַנצע סימפּאַטיע פון דער עפענטליכער מיינונג, וועלכע איז יעצט, נאָכ'ן שטרענגען אורטייל פון די געשוואָרענע, זעהר געגויגט צו דיר, וועט ביי דער בעלויכטונג מיט איין קלאַפּ איבערגעהן אויף דיין זייט. אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, דו ביזט אַ פרייער מענש".

סטאָון איז בלייך געוואָרען און האָט געשוויגען.

"נו, וואָס זאָגסטו צו דעם?"

סטאָון האָט צוערשט אַ לאַנגע ווייל געשוויגען. דערנאָך

האָט ער אָנגעהויבען שאָקלען מיט'ן קאָפּ אויף ניין, אָהן ווערטער.

„וואָס ?"

„קיינמאָל נישט אין מיין לעבען... אז איך זאָל אפילו וויסען צו געהן אויפ'ן עלעקטרישען טויט-שטול. דאָס איז ערגער ווי דער טויט" — האָט ער צוגעלעגט פאַר זיך אין דער שטיל.

„אָבער, מענש, דיין לעבען, דיין קאָפּ שטעהט אין געפאַהר."

„קיין איין וואָרט נישט מעהר דערפון, דזשענטעלמען, איך מוז אייך בעטען" — האָט סטאָון געזאָגט, ציטערענדיג מיט זיין גאַנצען קערפּער.

די אַדוואָקאַטען האָבען זיך אָנגעקוקט פערוואונדערט און ערשטוינט.

„אָבער, מענש, מיסעס סטאָון האָט דאָך נישט אַרויסגעוויזען קיין געפיהל פון רחמנות, פון צוגעהעריגקייט צו דיר. דערמאָן דיך, ווי זי האָט דיך בעהאַנדעלט דורך דער גאַנצער צייט פון פּראָצעס, דאָס האָט דאָך געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף די געשוואָרענע, איבער איהר, איבער איהר הענגסטו דאָך !"

„דזשענטעלמען, אַז איהר וועט נישט שווייגען, ביי גאָט, אַז איך פערלאָז אייך". דאַן האָט ער געזאָגט אין דער שטיל, ווי פאַר זיך: „אַ פּערזאָנעלער האָט אויך אַ האַרץ".

די אַדוואָקאַטען האָבען שוין געשוויגען.

„ווען איהר האָט נישט צוגעקלערט עפּעס בעסערס, איז פער- פאַלען, דאַן מוז איך שטאַרבען."

„אויב אַזוי, בלייבט גאָר נישט איבער, נור צו לאָזען פאַלען די אַפּעלאַציע און אַריינצוגעבען אַ פּעטיציע צום גובערנאַטאָר פאַר אַ בעגנעדיגונג. מיר זעהען נישט קיין אַנדער פּונקט, אויף וועלכען מען קען שטיצען די אַפּעלאַציע".

„איך וועל נישט אונטערשרייבען קיין פּעטיציע פאַר בעגנע- דיגונג" — האָט סטאָון געזאָגט אין דער שטיל, פאַר זיך, מיט אַ פעסטע שטימע פון אַ זיכערען בעשלוס.

— „דאַן מוז עס דיין פאַמיליע טאָן פאַר דיר, אויב דו ביזט זיכער, אַז זיי וועלען עס טאָן" — האָט גאָלדשמידט געזאָגט מיט

אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל, וועלכער איז ערשינען אויף זיינע קורץ־געשאָרענע ענגלישע וואָנסעלעך.

סטאָון האָט איהם אָנגעקוקט, זיין גאַנצער בליק איז געוואָרען קאָנצענטרירט אויף גאָלדשמידט׳ס קורץ־געשוירענע ענגלישע וואָנסעלעך, ווי ער וואָלט געזוכט דעם סאַרקאַסטישען שמייכעל, וועלכער האָט נאָר וואָס אויפגעלויכטען און אויסגעלאָשען געוואָרען אין זיי. זיינע אויגען זענען גרעסער געוואָרען און זיין גאַנצער פנים איז בעלעבט געוואָרען. דאַן האָט ער געזאָגט, וויעדער אין דער שטיל, פאַר זיך, מיט אַ זיכערען טאָן, ווי ער איז געוואוינט געווען אין „ביזנעס״, ווען ער איז געקומען צו אַ בעשלוס:

„אַזוי וועט עס טאַקע בלייבען, מיין פאַמיליע וועט בעשטימען צי איך זאָל לעבען, אָדער איך זאָל שטאַרבען. אַזוי העלף מיר גאָט.״

גאָלדשמידט — נישט סטאָון — איז בלייך געוואָרען, און אָנגעקוקט סטאָונ׳ען מיט שרעק.

„קוק נישט אויף מיר, ווי איך וואָלט משוגע געוואָרען. איך בין נישט משוגע. בלייבט געזונד, מיינע פריינד. פיעל דאַנק פאַר אַלעס, אַזוי בלייבט עס.״

ער האָט זיי געגעבען די האַנד, און איז צוריקגעגאַנגען אין טויטען־הויז אַריין.

13

די ערלויבּניש אויף צו אַרבּייטען אין גאָרטען פאַר דעם „טויטען־הויז” האָט סטאָון נישט געקריגען. „טויטע מענשען אַרבּייטען נישט” — ער האָט נור געהאַט די מעגליכקייט צו בּעטראַכטען די פרייד, וואָס דאָס לעבּען האָט אַזוי בּיליג צו פערטיילען (וואָס ער האָט ענטדעקט אַזוי קורץ פאַר זיין גרוב) דורך דעם פענסטער. קיינע נייע איבּערלעבּענישען זאָלען נישט אָבּציהען די אויפמערזאַמקייט פון דער חרטה איבּער זיינע פערגאַנגענע זינד, דורך די לעצטע פאָר טעג פון זיין לעבּען, וואָס די גערעכטיגקייט האָט איהם צו דעם צוועק געשאנקען — ער האָט צייט געהאַט דורך נעכט וואַכעדיגע און דורך טעג, לאַנגזאַם בּיז משוגעת קריכענדיגע, צום הונדערטסטען מאָל איבּערצוטראַכטען זיין בּעשלוס, צו וועלכען ער איז געקומען, אַז זיין פאַמיליע זאָל בּעשטימען זיין אורטייל. און וואָס מעהר ער האָט געקלערט דערפון, וואָס מעהר ער האָט זיך געגריבּעלט אין דעם געדאַנק — האָט ער איינגעזעהן, ווי גערעכט און ווי ריכטיג ער איז, ער האָט דורך דעם בּעשלוס געוואָלט געבּען אַ טעם זיין לעבּען, אַ בּערעכטיגונג פאַר אַלע זיינע עולות, וואָס ער איז בּעגאַנגען. „פאַר מיין פאַמיליע האָבּ איך געלעבּט, פאַר מיין איינציג קינד, וואָס איך האָבּ ליעבּ, און פאַר דער פרוי, וואָס איך האָבּ ליעבּ (יאָ, איך האָבּ זי ליעבּ, איך האָבּ זי ליעבּ געהאַט און האָבּ זי נאָך ליעבּ בּיז'ן היינטיגען טאָג, נאָך אַלעם, וואָס עס איז געשעהען). זיי האָבּ איך בּעקליידט מיט שאַנד אויפ'ן גאַנצען לעבּען. מיין איינציג קינד, וואָס איך האָבּ ליעבּ, און מיין

פרוי, וואָס איך האָב ליעב. ווארום וויפיעל זי וועט זיך נישט ווע-לען בעפרייען פון מיר — מיין נאָמען וועט הענגען אויף איהר לייב, ווי אַ אייזערנע קייט — „סטאַונס ווייב". „סטאַונס אלמנה" — ער האָט געציטערט ביי דעם וואָרט. דורך דעם, זאָלען זיי אַליין בעשיידען — צי זיי ווילען, אַז איך זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעמעקט ווערען פון דער ערד, פערגעסען ווערען פון זייער האָריזאָנט אויף שטענדיג — אָדער, איך זאָל לעבען בלייבען ער-גיץ-וואו אין דער פינסטערניש און זיי זאָלען דאָך האָבען אַ שייכות מיט מיר. זיי האָב איך בע'עול'ט — זיי זאָלען משפט'ן.

ער האָט מיט דעם געדאַנק איינגעשטילט זיין קאָכעדיגע בלוט, וואָס האָט פראָטעסטירט געגען טויט, זיינע וואַכענדיגע גע-פיהלען, וואָס האָבען זיך גאָרנישט געוואָלט צופאַסען צום טויט; זיינע קוואַלענדיגע געדאַנקען, וועלכע האָבען בגנבה, ווי הינטען אַרום, אָהן זיין וויסען, געבוינטעוועט זיך געגען זיין בעשלוס און געהאַלטען אין איין אויסאַרבייטען פּלענער, ווי אַזוי זיך צו בע-פרייען פון טויט.

דער געדאַנק האָט זיך פערוואַנדעלט ביי איהם אין אַ לוסט-געפיהל, און דאָס לוסט-געפיהל האָט אים געגעבען כח צו קעמפען געגען זיין לעבענס-חשק און אים בייצוקומען. חאַ, חאַ, חאַ — האָט ער געלאַכט — מיין גורל ליגט אין די הענד פון מיין פרוי — פון דער פרוי, וואָס איך האָב ליעב. זי וועט ענטשיידען אויב איך זאָל לעבען אָדער שטאַרבען. און זיס וועט מיר זיין צו שטאַר-בען פאַר איהר — דערפאַר ווייל איך האָב זי ליעב...

ער האָט זיך געקוויקט מיט דעם געפיהל בייגאַכט אויף זיין געלעגער, און דאָס געפיהל האָט אים געשטאַרקט דורך די פּיינ-ליכע טעג, אַז ער זאָל נישט שוואַך ווערען.

און נאָך עפּעס: דאָס געפיהל האָט אין איהם, טיעף אין איהם אַ האָפנונג בעניימט. — „מיין פאַמיליע וועט מיך נישט לאָזען שטאַר-בען. נישט נאָר מיין קינד, נאָר די פרוי, וועלכע איך האָב אַזוי ליעב און זי האָט מיך פיינד, וועט מיך אויך נישט לאָזען שטאַר-בען". די האָפנונג איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ אמונה, וועל-

כע האָט אויסגעפּילט זיין לעער האַרץ און האָט בעפּרוכפּערט זיינע טעג מיט האָפנונג.

ערשטוינט זענען געבליבען די אַדוואָקאַטען, ערשטוינט זע־נען געבליבען זיינע פריינד — אַלע, וואָס האָבען סטאוב׳ען געקענט ביז איצט — איבער דעם מאָדנעם בעשלוס, וואָס ער האָט אָנגע־נומען. און די וועלט האָט געזעהען מיט בעוואונדערונג (זיינע פריינד מיט פערצווייפלונג), ווי עס ווערט אַדורכגעלאָזט די צייט פון דערלאַנגען אַפּעלאַציע און עס ווערט גאָרנישט געטון. דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבען געזאַמעלט, די גאַנצע אָנ־שטרענגונג זייערע צו ראַטעווען זיין לעבען — געהט פערלוירען מיט גאָרנישט.

עס האָט נישט געהאָלפען די טענות פון זיינע אַדוואָקאַטען, די וואָרנונג פון זיינע פריינד, אַז ער שפּיעלט אַ שלעכטע שפּיעל, אַז זיין קאָפּ איז אין מויל פון אַ טיגער — סטאון איז געבליבען פעסט ביי זיין בעשלוס. עס האָט אפילו נישט געהאָלפען דאָס בע־שטעהען שוין פון די אַדוואָקאַטען צו לאָזען פאַלען דעם פּונקט וועגען דער פּרוי׳ס אונגעטרייקייט און צו זוכען אַנ׳אַנדערען רע־טונגס־פּונקט פאַר דער אַפּעלאַציע — סטאָון איז געבליבען פער־עקשנ׳ט ביי זיין בעשלוס. — „געגען קיינעם בין איך נישט שולדיג, נאָר געגען מיין פאַמיליע — זיי זאָלען ענטשיידען: „איך זאָל לע־בען אָדער איך זאָל שטאַרבען".

דורך דער צייט, וואָס סטאון זיצט אין „טויטען הויז" האָט ער געהאַט די געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט די איינוואוינער — זיינע שכנים. ביים וואַשען אין דערפּריה, ביים עסען, ביים שפּאַציר־גאַנג, ביים געבעט און ביי פיעל אַנדערע געלעגענהייטען. אַזוי ווי ער — האָבען זיי אַלע געגלויבט, אַז זיי וועלען נישט געהן אויפ׳ן „עלעקטריק־טשער", אַ נס וועט געשעהען און זיי וועלן בלייבען לעבען. נאָר מיט דעם חילוק, וואָס זיי, זיינע חברים פון טויט, זע־נען געווען זיכער, אַז זייערע פאַמיליען וועלען זיי נישט לאָזען שטאַרבען. זיי האָבען געוואוסט, אַז זייערע ווייבער, זייערע מו־טערס, די פאָטערס זייערע — ליגען ביי דער טהיר פון גובערנאַטאָר, שלאָגען אָב די טהירען פון אַלע, וואָס האָבען אַ איינפלוס. זיי זע־

נען געווען זיכער, אַז די טרעהרען פון זייערע אייגענע וועלען זיי ראַטעווען, סטאָון אָבער האָט די זיכער־קייט נישט געהאַט. איינער נאָר איז געווען אין דער זעלבער לאַגע, וואָס ער. און דאָס איז געווען — זיין שכן, דער ניגער, רעפּ, וועלכען ער האָט געהערט יעדען פאַרנאַכט וויינען דורך דער וואַנד פון זיין קאַמער.

ער איז נאָך געווען כמעט אַ יונגעל. דער ניגער האָט געהאַלטען אין איין טענה'ן, אַז ער איז נאָך נישט אַלט קיין אַכצעהן יאָהר, דורכדעם טאָר מען איהם נישט זעצען אויפ'ן „עלעקטריק־טשער". אין די פּאַפּירען איז ער אָבער געשטאַנען פערשריבען עלטער און דאָס געריכט האָט געפונען, אַז ער איז שוין גענוג אַלט צו קענען שטאַרבען. ער איז געווען פערמישט אין אַ איבערפאַל איבער אַ ווייסער מיידעל, וועלכע ער האָט אַראָבגעשלעפּט אין אַ קעלער און דאָרט פערגעוואַלדיגט און דערשטיקט. אַז מען האָט איהם געכאַפּט, האָט איהם דער צורייצטער עולם געוואָלט לינטשען. די פּאָליציי האָט איהם מיט גרויס מיה אָבגעראַטעוועט פון צעווילדעוועטען המון. צוליעב דעם, אַז עס איז געקומען צום געריכט פאַר די געשוואוירענע — האָט מען זיך נישט זעהר פיעל מיה געגעבען אויסצוגעפינען, אויב דאָס ווייסע מיידעל איז טאַקי געווען אַזוי אונשולדיג, ווי דער אָנקלאָגער האָט זי פאָרגעשטעלט. נישט ווי דער ניגער האָט געזאָגט, אַז זי האָט איהם גע'כשופט און ביי איהם צוגענומען דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט פערדינט און געגאַנגען איז זי מיט אַנדערע. קיין געלד האָט ער נישט געהאַט אויף אַ אייגענעם אַדוואָקאַט, און דער אַדוואָקאַט, וואָס די שטאָדט האָט איהם געגעבען, איז געגאַנגען אויף „פּראַקטיק" און עס האָט זעהר ווייניג איהם געאַהרט, אויב די מלוכה וועט אָרעמער ווערען מיט אַ ניגער אָדער נישט. קיינעם האָט ער נישט געהאַט פון זייניגע. געקומען איז ער פון דעם דרום, און ער ווייסט נישט אויב זיינע עלטערען לעבען נאָך, אָדער זיי זענען שוין געשטאָרבען. די פּאַפּירען, וואָס מ'האָט געשיקט אין זיין געבורטס־שטאָדט אויסצוגעפינען זיין ריכטיגע עלטער, זענען נאָך נישט צוריקגעקומען — און דער ניגער האָט זיך געהאַלטען דורכדעם אין איינרעדען, אַז מען וועט איהם, צוליעב זיין מינדעריעהריגקייט, נישט טויטען.

מיט איהם האָט זיך סטאָון בעפריינדעט מעהר, ווי מיט די אנדערע זיינע מיטשטאַרבענדע. עס איז געווען אפשר דערפאַר, וואָס דער אַריסטאָקראַטיש׳ער וויצע-פּרעזידענט פון דער „קאָמערץ-באַנק״ האָט זיך געפיהלט אַזוי איינזאַם און אַליין, ווי דער פּער-לאָזטער ניגער. פּונקט אַזוי ווי דער ניגער — האָט ער אויך קיי-נעם נישט, ווער עס זאָל זיך אָננעהמען פאַר איהם. און ווען סטאָון האָט זיך נאָר געטראָפען מיט איהם, האָט ער פערפיהרט מיט איהם אַ געשפּרעך:

— נו, רעפּ, זענען שוין אָנגעקומען די פּאַפּירען פון אַט-לאַנטאַ?

— נאָך נישט, באָס (דער ניגער האָט גערופען סטאָון׳ען „באָס״, אַזוי ווי ער וואָלט איהם געווען גערופען אויף דער פריי). נאָר זיי וועלען געוויס אָנקומען. אין אַטלאַנטאַ שטעהט אַלעס פער-שריבען.

— געוויס וועלען זיי אָנקומען, רעפּ. זיי זענען שוין אָנגע-קומען. נאָר זיי בעהאַלטען זיי אויף דער לעצטער מינוט. אין דער לעצטער מינוט, אַז זיי וועלען דיך געהן פיהרען צום „עלעקטריק-טשער״ — וועט אָנקומען די בעגנעדיגונג פון גובערנאַטאָר.

— יאָ, דו האָסט רעכט. אַלע זאָגען אַזוי. דער „וואַרדען״ זאָגט אויך אַזוי. נאָר שווער צו וואַרטען. גאָט ווייס — שווער צו לעבען אַזוי אין ספק. עס עגבערט אין קאָפּ בייטאָג און ביינאַכט, ווי צאָהן-וועהטאָג.

— פערפאַלען, אַ געזעץ אַזעלכעס, — טרייסט איהם סטאָון.

— אַ שלעכטער געזעץ, — זאָגט דער ניגער.

— יאָ, אַ שלעכטער געזעץ.

— און מיט דיר ווי האַלט עס, באָס?

— איך ווייס נישט, רעפּ.

— נו, פאַר דיר בין איך זיכער. דו וועסט נישט געהן אויפ׳ן עלעקטריק-טשער.

— פאַרוואָס מיינסט דו אַזוי?

— דיין מאַמע וועט דיך נישט לאָזען טויטען.

— מיין מאַמע לעבט נישט מעהר.

— איז עס דיין ווייב. זי איז אודאי אַ שענע, יונגע פרוי. אַז זי וועט זיך שטעלען פאַר דעם גובערנאַטאָר און אָנהויבען צו וויינען, וועט ער באַלד אונטערשרייבען דעם „פאַרדאָן". מען זאָגט, אַז דער גובערנאַטאָר קען נישט איבערטראָגען קיין ווייבער-טרעהרען. ווען איך וואָלט געהאַט אַ פרוי, וואָס זאָל וויינען פאַר מיינעטוועגען פאַר דעם גובערנאַטאָר — בין איך זיכער, אַז איך וואָלט אויך געלעבט.

— און דו מיינסט, רעפּ. אַז עס לוינט זיך? — פרעגט סטאָון.

— איך וועל דיר זאָגען, „באָס". לוינען לוינט זיך נישט, נאָר דער חילוק איז דער: אַז דו לעבסט — האָסט דו אַ „שאַנס" און אַז דו ביסט טויט — האָסט דו שוין קיין „שאַנס" נישט. דאָס איז דער פונקט.

— יאָ, דו האָסט רעכט, רעפּ. זיי אין גוטען מוט.

— דאַנק, באָס זיי אויך אין גוטען מוט.

און זיי גיבען זיך די הענד און צושיידען זיך.

בייטאָג איז דער ניגער שטענדיג געווען אין גוטען מוט. אָפטמאָל הערט איהם אפילו סטאָון זינגען ניגער-לידער דורך דער וואַנד. ביים עסען איז ער פרעהליך און מאַכט וויצען מיט „ביני-בען", אַז זיי וועלען בעדאַרפען פאַר איהם אַ ספּעציעלען מאָטאָר פון אַ הונדערט פערד-קראַפט אריינצולאָזען אין איהם דעם עלעקטרישען שטראָם. נאָר קוים קומט פאַרנאַכט, די זון הויבט זיך אָן זעצען און צווישען די נאַקעטע צווייגען פון די ביימער, וואָס שטעהען אין דרויסען, הויבט זיך אָן צו וועבען אַ טונקעלעס געוועב — הערט זיך רעפּ'ס געוויין. ער וויינט, ווי אַ קינד וואָלט זיך געקלאָגט פאַר וועמען, ווי ער וואָלט געלעגען אין דער מוטערס שויס און געזשאַלעוועט זיך, נישט דעריבער, וואָס עס פעהלט איהם עפּעס, נאָר פאַר פערגעניגען-וועגען, גלאַט אַזוי, דערפאַר, וואָס ער האָט אַ מוטער זיך צו קלאָגען פאַר איהר.

— איך בין נישט שולדיג — קלאָגט ער דורך דער וואַנד, דער ניגער — זיי ווייסען אַלע, אַז זי האָט מיך געכשופ'ט, דאָס גאַנצע געלד האָט זי אויסגענאַרט פון מיר און געגאַנגען איז זי מיט דעם קרומען איטאַליענער. מיט איהם איז זי געגאַנגען אין די „וואָדע-

ווילס", אין די טאַנץ־האַלעס און מיט מיר אין די הינטער־הויפען, כדי דאָס געלד ביי מיר אויסצונאַרען.—אַזוי האָט ער געבוירטשעט פאַר זיך אַ לאַנגע צייט, וואָס אַמאָל שטילער, ביז ער איז איינגע־שלאָפען און עס האָט זיך דערהערט זיין שנאָרכען.

נאָר ווען מען סטאָון האָט מקנא געווען—איז עס געווען „ביג־בען". „ביג־בען", אַ הויכער, ברייטביינער, אַ רויטער גוי, אַזוי הויך ווי אַ געביידע. ער איז געווען אַ אָנפיהרער פון אַ באַנדע, וואָס האָבען געמאַכט דרייסטע איבערפאַלען אין געוועלבער אין מיטען העלען טאָג. אַריינגעפאַלען איז ער איבער אַ פרוי, וועלכע ער האָט ליעב געהאַט, מיט וועמענס מאַן ער האָט צוזאַמען געאַרבייט. זי האָט איהם אָנגערעדט, אַז ער זאָל הרג'ענען איהר מאַן, און אַז ער האָט עס אויסגעפיהרט, האָט זי איהם, ווי דלילה שמשונען, איבערגעגעבען אין די הענד פון די פאָליציי, ווען ער האָט זיך געהאַט באַהאַלטען ביי איהרס אַ שוועסטער. דערפאַר, וואָס די פרוי האָט אַרויסגעגעבען די גאַנצע באַנדע רויבערס און האָט ביים פער־הער געהאָלפען זיי צו פערשיטען—איז זי אָבגעקומען מיט אַ פער־העלטניסמעסיג קליינער שטראָף און „ביג־בען" איז געוואָרען גע־שיקט אין „טויטען־הויז". נאָר נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער פערלירט זיין לעבען אויפ'ן מזבח פון ליבע צו אַן־אַנדערער פרוי —האָט זיין אייגענע פרוי וועלטען איינגעלעגט אָבצוראַטעווען איהר מאַן פון טויט. זי, מיט אַלע איהרע קינדערלעך, וועלכע מען זאָגט, אַז זיי האָבען בעטראָפען אַ זיבען שטיק, זענען יעדען פאַרטאָג אַרויסגעפאָהרען נאָך אַלבאַני, אָבגעהיטען דעם גובערנאַטאָר, ווי זי האָט איהם נאָר געקענט געפינען און געפאַלען צו זיינע פיס. זי מיט אַלע זיבען קינדער האָבען אָנגעכאַפּט איהם ביים ראָק און ער האָט זיך נישט געקענט פון זיי בעפרייען, סיידען מען האָט זיי געמוזט אָוועקנעמען מיט געוואַלד. זי פלעגט ליגען תמיד אין קיך פון גובערנאַטאָר, געוויינט און געבעטען זיך פאַר דעם גובערנאַטאָרס פרוי, אַז זי זאָל ווירקען אויף איהר מאַן. געבעטען זיינע דינסטען, זיינע קינדער, אַז זיי זאָלען רחמנות האָבען אויף דעם פאָטער פון איהרע קינדער און מען זאָל איהם, איהר מאַן, ראַטעווען פון טויט. און אַז דעם גובערנאַטאָרס ווייב, ביי וועלכער זי האָט געבעטען

רחמנות, האָט איהר אויסגערעדט, פאַרוואָס זי האָט נישט אויף אַזוי פיעל זעלבסט־רעספּעקט און שעמט זיך נישט צו בעטען פאַר אַ מאַן, וואָס האָט זי אָבגענאַרט מיט אַנ׳אַנדער פרוי — האָט זי דערויף אָבגעענטפערט דעם גובערנאַטאָר׳ס פרוי: אַז „ווען זי, דעם גובערנאַטאָר׳ס פרוי, וואָלט זיך געפונען אויף איהר אָרט — וואָלט זי אויך דאָס זעלבע געטהון, וואָס זי״.

דאָס איז געקומען אין די צייטונגען. די גאַנצע שטאָדט האָט געלאַכט און די עפענטליכע מיינונג איז געוואָרען אויפמערקזאַם אויף איהר.

די פרוי פלעגט קומען זעהר אָפט נאָך „סינג־סינג״ און אַלעס אַדורכזעצען און קריגען די ערלויבניש צו זעהען זיך מיט איהר פעראורטהיילטען מאַן. זי פלעגט קושען זיינע הענד, טרייסטען איהם און געשוואוירען איהם, אַז פריהער וועט זי שטאַרבען איידער ער און ער זאָל גאָרנישט קיין מורא האָבען — זי וועט איהם אָבראַטעווען פון טויט.

„ביג־בען״ האָט זי אפילו אין „טויטען־הויז״ נישט בעסער בעהאַנדעלט, ווי אויף דער פריי. ווען זי פלעגט אין זיין געגענוואַרט שעלטען און זידלען זיין געליעבטע קעבס־ווייב, צוליעב וועלכער ער איז אַריינגעפאַלען — פלעגט זי דער מאַן גוט מכבד זיין דורך די גראַטעס, און די פרוי איז מיט אַ געשוואָלען אויג, וואָס דער מאַן האָט איהר געמאַכט, געלאָפען פון „סינג־סינג״ צום גובערנאַטאָר נאָך אַלבאַני, צו פאַלען צו זיינע פיס, אָבצוראַטעווען דעם מאַן פון טויט.

די געטריישאַפט פון דעם ווייב צו איהר הערצלאָזען מאַן, וואָס די צייטונגען האָבען, פאַר סענסאַציע וועגען, נישט נאָר מיטגעטיילט, נאָר נאָך צוטראָגען אין טעלערלעך — האָט געמאַכט אַזאַ ריהרענדען איינדרוק אויף די לעזער, אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו הערען שטימען אין בריף צו די רעדאַקציעס און דערנאָך אין לייט־אַרטיקלען, אַז מען זאָל דעם מאַן שענקען דאָס לעבען צוליב דער פרוי׳ס וועגען. און איינער אַ פּאָפּולערער מאָראַל־שריפטשטעלער איז אַרויס אין איינעם פון זיינע טעגליכע מאָראַל־אַרטיקלען אין אַ פערשפרייטער צייטונג מיט אַן אַפּעל צום גובער־

בקיצור, אַז „די כֿרעהרען פֿון די צדיקים וואַשען אָב די זינד פֿון די רשעים" — אַז זיין אייגענע כֿרוי, וואָס ער האָט מעהר פֿאַר אַלעמען בע׳עול׳ט, פֿאַר וועלכער ער איז מעהר שולדיג ווי פֿאַר דער „שטאָדט" — אַז זי בעט אַזוי ריהרענד פֿאַר זיין לעבען — איז דאָס דער בעסטער בעוויז, אַז עס איז עפּעס גוטעס אין דעם מאַן, וואָס איז פֿערהויהלען פֿאַר אונזערע אויגען. אין דעם זכות בעדאַרף מען איהם שענקען דאָס לעבען. דער אַפּעל האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז דער גובערנאַטאָר איז בעשיט געוואָרען מיט ביכעס צו שענקען דעם מערדער דאָס לעבען, און די כֿרוי און דער מער דער אַליין זענען געוואָרען די פּאָפּולערסטע פּאָר אין דערן שטאָדט...

און דאָס איז אַלעס געווען בעוואוסט אין „סינג-כֿינג". אי „כֿויכֿען-הויז איז מען געווען זיכֿער, אַז כֿוף-כֿל-כֿוף וועט די כֿרוי אָבראַטעווען „בינ-בענען" פֿון טויט און מען האָט איהם שוין אָנגעהויבען גאַנץ אַנדערש בעהאַנדלען. ער איז שוין געוואָרען פֿעררעכענט צו די לעבעדיגע...

נישט ווילענדיג האָט סטאָון געמאַכט אַ פֿערגלייך צווישען זיך און „בינ-בען", צווישען זיין אייגענער פֿאַמיליע און דער פֿאַמיליע פֿון „בינ-בען"...

ער האָט זיך געפֿרעגט; אין וועמען ליגט די שולד — אין מיר צי אין איהר? און ער האָט זיך אַליין געענטפֿערט:

„— עס איז די שולד פֿון אונזער לעבען!"

14

דאָס „טויטען=הויז", ווי יעדע אַנדערע מענשליכע געזעל=
שאַפט, האָט געהאַט זיינע „אַריסטאָקראַטען" און זיין „פעבל". די
„אַריסטאָקראַטען" פון „טויטען=הויז" זענען בעשטאַנען פון דעם
בעריהמטען מערדער בעני — אַ פיהרער פון אַ געפעהרליכער באַנ=
דע, וועלכע האָט זיך בעריהמט געמאַכט איבער דער שטאָדט מיט
איהרע דרייסטע איבערפאַלען. זיצענדיג שוין אין „טויטען=הויז"
האָט ער נאָך גישט אָנגעוואָרען זיין מאַגנעטישען איינפלוס איבער
דער באַנדע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויף דער פריי. זיי האָ=
בען זיך נוקם געווען אין אַלע, וועלכע זענען שולדיג געווען אין
דעם אַריינפאַל פון זייער פיהרער, און זיין אַרעסט האָט שוין גע=
קאָסט אַ פאָר לעבענס. דער גאַנצער „בעני" איז געווען אַ איינגעל
פון איינינע צוואנציג יאָהר. א נידעריגער און אַ צאַרטער — אויס=
געזעהן ווי אַ סוכאָטניק. ער האָט מיט אַ אויסערגעוועהנליכער
גלייכגילטיגקייט אָבגעוואַרט זיין יום=הדין. ער האָט כמעט מיט קיינעם
נישט גערעדט. נישט צוליעב איינזאַמקייט, נאָר צוליעב שטאָלצקייט.
אַ חוץ מיט סידני שטיין, דעם אָרגאַניזאָטאָר פון די באַנקען=א־בער=
פאַלען. סידני שטיין איז געווען אַ אינטעליגענטער יונגערמאַן, וואָס
איז ארויסגעקומען פון אַ פיינער פאַמיליע. סידני אַליין איז נישט
בעגאַנגען קיין מאָרד, ער איז עס געווען דער אָרגאַניזאַטאָר. סידני
איז שוין נישט געווען אַזוי רוהיג, ווי בעני, און האָט אָנגעהויבען
פאַר'ן טויט זיך צו אינטערעסירען מיט רעליגיע, צוליעב וואָס בעני
האָט געמאַכט פון איהם געלעכטער. צו זיי האָט זיך געקלעבט

„בינ-בען“, און זיי אַלע דריי האָבען געבילדעט, אַזוי-צו-זאָגען, דעם אַריסטאָקראַטישען שטאַנד אין דעם „טויטען-הויז“.

דאַגעגען איז דער ניגער „רעפּ“ געווען פערעכענט פאַר דעם נידריגסטען פון די נידריגע. צווישען איהם און די „אַריסטאָקראַטען“ איז נאָך אפילו געשטאַנען דער איטאַליענער „טאָני“, וועלכער איז געווען פעראורטיילט פאַר אַ שרעקליכען לוסט-מאָרד אויף קליינע קינדער, וואָס ער האָט פערנאַרט אין אַ קעלער. מיט דעם איטאַליענער האָבען זיי נאָך ווען עס איז געוועקסעלט אַ וואָרט. „רעפּ“ס שרעקליכע זינד איז געווען — די פאַרב פון זיין הויט. זיי האָבען זיך געפיהלט שוין בעליידיגט, וואָס דער „שוואַרצער הונד“ וואוינט מיט זיי צוזאַמען אין איין הויז און וועט די זכיה האָבען צו זיצען אויף דער זעלבער „שטוהל“ צום טויט, וואָס זיי. — „דענקסט דו נישט, אַז מען בעדאַרף פאַר ניגערס האָבען אַ בעזונדערע טויטען-שטוהל?“

— „ווען ברענען זיי פון דיין לייב די שוואַרצע נשמה אויס?“ — וואַרפט איהם ווער צו פון די „אַריסטאָקראַטען“, ווען ער טרעפט רעפּ'ן, אָדער:

— דו ביזט נאָך דאָ מיט אונז? און איך האָב געמיינט, אַז זיי האָבען דיך די נאַכט שוין געשיקט אין גיהנום פון די „שוואַרצע הינד“.

דורכדעם קאָן מען זיך פאָרשטעלען די איבעראַשונג, וואָס האָט אַרויסגערופען אין „טויטען-הויז“, אַז די אַריסטאָקראַטען האָבען דערזעהן, אַז דער „באַנקיר“ (ווי זיי האָבען גערופען סטאָונג'ען) האָט פון אַלע קאַנדידאַטען אויפ'ן טויט — אויסגעזוכט דוקא דעם שוואַרצען ניגער פאַר אַ קאַמעראַד און מיט איהם אַליין פון אַלע האָט ער זיך געחבר'ט. די אַנדערע זיינע קאָלעגען האָט סטאָון כמעט ווי נישט בעמערקט. פון דערווייטענס זיך נאָר ווען עס איז געגריסט מיט זיי, אָבער זעהר זעלטען געוועקסעלט אַ וואָרט מיט זיי. מיט דעם ניגער האָט ער פערבראַכט די גאַנצע צייט אויפ'ן שפּאַציר, געזעסען מיט איהם ביים עסען און אין געבעט-הויז ביים געבעט.

— סנאָביש — האָבען די צווייטע געוואונקען.

— אַ מאַניער אָזעלכע.

עס איז שוין געוואָרען געזאָגט, אַז דער בשותּפות׳דיגער גורל, וואָס עס האָבען געטיילט דער וויצע־פּרעזידענט און דער ניגער, האָט דעם ערשטען צוגעצויגען צו דעם פּערלאָזטען שוואַרצען יונגעל, עס איז אָבער נישט בלויז געווען די עלענדקייט פון דעם ניגער (וואָס האָט איהם געמוזט דערמאָהנען אין זיין אייגענער איינזאַמקייט), וואָס סטאַונ׳ען האָט אַזוי געצויגען צו איהם — עס איז געווען אַ געפיהל, וועלכעס סטאַון האָט קיינמאָל נישט געקענט און האָט זיך בעוויזען ביי איהם צום ערשטען מאָל אין „טויטען־הויז" טאַקי צו דעם שוואַרצען פּערלאָזטען ניגער. סטאַון איז געווען פּעראינטערעסירט מיט דעם גורל פון „רעפ"ן, אַז מען קען זאָגען, אַז אָפטמאָל האָט ער פּערגעסען אין זיך און געקלערט וועגען דעם ניגער. — גאָט מיינער — האָט ער זיך געזאָגט — ער האָט דאָך נאָך גאָר נישט געלעבט. מיר אַלע האָבען כאָטש געגאָסען פון לעבען, קענען געלערנט די זיסקייט און די ביטערקייט — אָבער ער האָט דאָך נאָך גאָרנישט פּערזוכט — פאַרוואָס שיקען זיי איהם אַוועק פון דער וועלט?"

מען קאָן זאָגען, אַז צום ערשטען מאָל האָט סטאַון נישט געקלערט וועגען זיך, נאָר אָבגעגעבען זיך אין די געדאַנקען מיט דעם גורל פון אַנ׳אַנדערן, פון אַ ווילד־פּרעמדען. ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרובט רעדען וועגען „רעפ"ן" מיט׳ן „וואַרדען":

— „וואַרדען", קאָן מען טאַקי גאָרניכט טהון אָבצוראַטעווען דאָס יונגעל פון אַזאַ פריהצייטיגען טויט? — ער איז דאָך נאָך אַ קינד.

דער „וואַרדען" האָט איהם אָנגעקוקט:

— מיך וואונדערט זעהר, וואָס אין דער לאַגע, וואָס דו געפינסט זיך, האָסטו נאָך צייט צו קלערען וועגען אַנדערע?

— איך וויים נישט. מיר דאַכט זיך, אַז איך בין מעהר פּערינטערעסירט אין דעם יונגעל, ווי אין מיר.

— איך וואונדער זיך.

— דאָס בעסטע, וואָס איך האָב געהאַט צו נעהמען פון לעבען, האָב איך גענומען. אָבער ער — איז דאָך נאָך אַ קינד. ער

האָט דאָך נאָך קיין פרוי נישט ריכטיג געקענט.

און דאָס זענען געווען נישט בלויז קיין ווערטער. זיין אייגע־נער גורל האָט זיך אָבגערוקט פון איהם. צו דערפאַר, ווײַל ער איז געווען זיכער, אַז מיט איהם וועט עפּעס געשעהען, וואָס וועט איהם ראַטעווען פון טויט (ווי יעדער פעראורטיילטער גלויבט, אַז אַ נס וועט געשעהען אין דער לעצטער מינוט) — זיינע געדאַנקען זענען געווען פערנומען מיט'ן יונגעל, ער האָט געקלערט, ווי אַזוי צו געפינען אַ מעגליכקייט איהם אָבצוראַטעווען פון טויט. און איינ־מאָל, אַזוי ליגענדיג ביינאַכט, איז איהם איינגעפאַלען אַ ווילדער געדאַנק: „איך וועל זיך ווענדען מיט אַ פעטיציע צום גובערנאַטאָר וועגען „רעפ'ן". איך — אַ פערברעכער, אַליין אַ טויט־פעראורטייל־טער, — וועל מיך ווענדען מיט אַנ'אַפּעל צום גובערנאַטאָר — נישט וועגען מיר, נאָר וועגען דעם יונגעל. דאָס קאָן אַמאָל ריהרען דעם גובערנאַטאָר'ס האַרץ, ווען ער איז אַ מענש, און דאָס קאָן איהם אַמאָל אָבראַטעווען פון טויט".

באַלד אָבער האָט זיך אין האַרץ, טיעף אין די פערבאָרגעני־שען, אָבגערופען אַנ'אינסטינקט, וואָס וואַכט איבער דעם מענשען אין מאָמענטען פון געפאַהר.

— מיט דעם טריט וועסטו צונעהמען פון דיר די לעצטע מעגליכקייט, דעם לעצטען שאַנס.

אַ ציטער איז אַדורכגעגאַנגען דורך איהם.

— נאָך אַ פעטיציע, וועסט דו נישט מעהר קאָנען אָנגעבען אַ ביטע אויף דיין אייגען לעבען, ווען דו וועסט עס בעדאַרפען.

— אָבער איך גיב דאָך סיי־ווי־סיי נישט אָב, איך האָב זיך דאָך אָבגעזאָגט אונטערצושרייבען מיין אייגענע פעטיציע?

— דערפאַר וואָס דו דענקסט, אַז דיין ווייב, דיין פאַמיליע וועט אָבגעבען פאַר דיר. דו ווילסט צוזאַמען מיט דיין לעבען צו־ריקגעווינען דיין פאַמיליע. וואָס וועסטו טהון אין דער לעצטער מינוט, ווען דיין פאַמיליע וועט זיך אָבזאָגען צו בעטען פאַר דיין לעבען?"

— דאַן וויל איך נישט לעבען. האָב איך נישט קיין רעכט צו לעבען — האָט ער כמעט הויך אויסגעשריען אין זיך.

— דאָס זענען נאָר ווערטער, דו האָסט נישט אויפגעגעבען די האָפנונג צו לעבען, און ווען נישט דיין פאַמיליע, וועסטו אַליין אָבגעבען אַ פעטיציע, פערהאַק נ״שט די טהיר פון דיין קבר...

אַ גאַנצע נאַכט האָט סטאָון געקעמפט מיט זיך. אין דער־פריה האָט ער זיך געטראָפען מיט „רעפ׳ן״ ביים וואַשען. ער האָט דערזען דעם יונגען, שטאַרקען, בראָנזענעם קערפער פון דעם יונגען ניגער אונטער דעם קראַן וואַסער: דאָס וואַסער איז געפלאָסען איבער זיין הויט און איז אָפּגעשפּרונגען, ווי עס וואָלט גערונען איבער שטאָהל. נישט ווילענדיג האָט סטאָון געקלערט וועגען דעם, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום, אפשר שוין מאָרגען (ווער ווייסט?) וועט דער קערפער אינעווייניג זיין פערברענט אויף קויל פון עלעק־טרישען שטראָם, וועלכען מען וועט אַריינלאָזען אין איהם, און ער וועט זיך צעפּאַלען ווי אַש אין דער ערד.

— ווי אַזוי קאָנען זיי דאָס? מיט וואָס פאַר אַ רעכט? דאָס האָט ענטשידען.

ער האָט נישט קיין וואָרט אויסגערעדט, נישט צום יונגעל און נישט צו קיינעם. נאָכ׳ן פריהשטיק האָט ער זיך געהייסען פיהרען צום „וואַרדען״.

— איך וויל אָנשרייבען אַ פּעטיציע צום גובערנאַטאָר.

אין דער פּעטיציע האָט ער געשריבען צווישען אַנדערעס:

„...איך, סטאָון, אַמאָל דער וויצע־פּרעזידענט פון דער „קאָ־מערץ־באַנק״, היינט — דער פעראורטיילטער צום טויט, וואַרטענדיג אויף מיין גורל אין „טויטען־הויז״, בעט דיין גנאָדע—נישט פאַר מיר—נאָר פאַר אַ ליידענדען, ווי איך בין, וואָס איז בעסער פאַר מיר און האָט מעהר רעכט צו ערוואַרטען דיין חסד, דערפאַר, וואָס ער איז יונגער פאַר מיר, אַ קינד, — און ער האָט נישט ווער עס זאָל בעטען פאַר איהם״.

סטאָון איז געבליבען וואַרטען ביי דעם וואָרט, זיין בלוט אין איהם האָט געזאָגט:

בין איך דען נישט אַליין אַזוי — אַ קינד? און איך האָב דאָך אויך נישט, ווער עס זאָל בעטען פאַר מיר?

— ניין, איך האָב נישט קיין רעכט מיך אַזוי אָנצורופען.

און ער האָט גענומען די פעדער און צוגעשריבען:

"פאַר מיר בעט איך נישט און איך וועל נישט בעטען קיין „פּאַרדאָן". נאָר פאַר דעם יונגעל „רעפ", זאָל זיך גאָט אָברופען אין דיין הארץ".

ער האָט אונטערגעשריבען די פּעטיציע און דערלאַנגט דעם „וואַרדען" איבערצושיקען דעם גובערנאַטאָר.

נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעטהון דעם אַקט — האָט זיך ווער גערייצט מיט איהם אינעווייניג אין איהם:

— דעם יונגעל וועט עס נישט העלפען און דיר האָסט דו קאַליע געמאַכט.

— זאָל זיין אַזוי — האָט ער יענעם אָפּגעענטפערט.

— עס וועט מאַכען אַ שלעכטען איינדריק אויפ'ן גובערנאַטאָר, סטאָון וויל שפּילען דעם „מענשען-פריינד" — האָט זיך די שטימע אַלץ גערייצט מיט איהם.

— זאָל זיין אַזוי.

— דער גובערנאַטאָר וועט מיינען, אז דאָס איז געווען אַ פאָרשפּיל פאַר דיין אייגענער ביטע, דו האָסט עס געטהון אויף דער עצה פון דיינע קלוגע אַדוואָקאַטען: דאָס קאָן אפילו קאַליע מאַכען דיין ווייב'ס פּעטיציע, ווען זי וועט אָנגעבען — האָט זיך די שטימע נישט אויפגעהערט צו רייצען מיט איהם:

סטאָון האָט עס מעהר נישט געקאָנט אויסהאַלטען.

— גאָט העלף מיר, אַזוי ווי איך האָב עס געמיינט! — האָט ער אויסגערופען.

ער איז רוהיג געוואָרען.

און שפּעטער איז ער אָבער עפּעס גליקליך געווען. ער האָט געהאַט דאָס זעלבע געפיהל אַזוי ווי אַמאָל, ווען עס האָט זיך איהם איינגעגעבען אַ גוטען קאָנטראַקט אָפּצושליסען...

עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ פּאָר טעג; עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ וואָך און קיין תשובה פון גובערנאַטאָר איז נישט געקומען. סטאָון האָט אויסגעוואַרט מיט אונגעדולד. עס איז איהם שוין מעהר יעצט אָנגעגאַנגען די באַגנעדיגונג פאַר דעם יונגעל ווי זיין אייגענע.

אין דער רעטונג פון דעם יונגעל האָט ער געזעהן זיין אייגענע רעטונג. אַ סימן האָט ער זיך אָבגעמאַכט: וועט עס העלפען — איז עס אַ גוטער סימן, — אַז נישט...

נור וואָס „אַז נישט" האָט ער מורא געהאַט צו דערקלערען.

יעדען פריהמאָרגען, אַז ער האָט געטראָפען דעם נעגער ביים וואַשען, האָט ער איהם געפרעגט:

— נו, וואָס הערט מען „קיד"?

— נאָך נישטאָ קיין ענטפער פון גובערנאַטאָר.

— איך בין זיכער, אַז עס וועט קומען, — זאָגט סטאָון אַ פרעהליכער.

— פאַרוואָס ביזט דו אַזוי זיכער? זאָג מיר „באָס", גאָט זאָל דיך בענשען. — זאָג מיר „באָס" — האָט זיך דער ניגער ביי איהם געבעטען.

— רעפ, איך בין זיכער, אַזוי ווי דו זעהסט דעם טאָג-שיין, עס וועט קומען אין דער לעצטער מינוט, ווען זיי וועלען דיך שוין פיהרען צום שטוהל.

— דו ווייסט עפּעס „באָס" און ווילסט מיר נישט זאָגען, — אָ, אין גאָט'ס נאָמען, זאָג מיר „באָס", האָסט עפּעס געהערט? דער „וואַרדען" האָט דיר געזאָגט? — אָ, דו ווייסט, — ביי גאָט, זאָג מיר, אָדער איך שטאַרב — האָט איהם דער ניגער אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד.

— איך קאָן נישט זאָגען, רעפ. נור זיי אין גוטען מוט. דיין לעבען איז גערעטעט קלאָר ווי דער טאָג, און ווען אפילו וועסט שוין זיצען אויפ'ן שטוהל — האָב קיין אַנגסט. דיין לעבען איז דיינס.

— דו ווייסט עפּעס, דו ווייסט! דו ווייסט עפּעס „באָס", אין גאָטעס נאָמען! — איז דער ניגער געפאַלען צו זיינע פיס.

— איך קאָן דיר נישט זאָגען. נור זיי זיכער, רעפ.

— וואָלט שוין בעסער געווען, ווען עס וואָלט שוין געווען פערביי. איך האָב נישט מעהר קיין כח. אָ, פערשאָלטען! — האָבען זיך ביים ניגער פערגלייסט די אויגען און די ווייסאַפּלען, וואָס

זענען געווען בעצויגען מיט רויטע בלוט־שניר־ען, האָבען זיך פאַר־דרעהט מיט די באַלעמס אַרויס פון די אויגען־לעכער.

— „רעפּ", זיי זיכער — אַזוי ווי ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימעל.

— אָ, דאַנק דיר „באָס", דו ביסט אַ לייבליכער ברודער און מעהר נאָך. דאַנק דיר „באָס" — האָט דער ניגער נישט אָבגע־לאָזט זיין האַנד.

אַמאָל נאָך מיטאָג, ווען מען האָט סטאָונ'ען אַרויסגעפיהרט צום שפּאַציר, האָט שוין הינטער די שטאַכעטען פון זיין אייגענער קאַמער געוואַרט אויף איהם „רעפּ".

—„באָס", באָס", קום נאָר אַהער — האָט „רעפּ" גערופען פון זיין קאַמער אַרויס, ווען סטאָאון איז פאַרבייגעגאַנגען.

סטאָון איז צוגעגאַנגען צו איהם.

— „באָס", זיי האָבען מיך געפרעגט אויב איך וויל נישט דעם פּריסטער זעהען? וואָס מיינט דאָס? — האָט דער ניגער געפרעגט מיט אַ הייזעריגער שטימע, אַזוי ווי זי וואָלט נישט געקומען פון זיין קעהל, נאָר פון אַ הוילען אינעווייניג אַרויס.

— דאָס איז גאָרנישט. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, דער „פּאַרדאָן" וועט ערשט קומען, ווען דו וועסט זיצען אויף דער שטוהל.

— פאַרוואָס? — ווערט דער נעגער בלייך.

— עס איז אַזוי דאָס געזעץ.

— אַ פאַרשאָלטען געזעץ פון גאָט.

— שעלט נישט, „רעפּ". איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו ביסט געראַטעט.

— ביסטו נאָר זיכער „באָס"?

— זיכער, אַזוי ווי עס איז טאָג.

— גענאַרסט מיך נישט „באָס" — ניין, ניין.

— „רעפּ", דו ביסט געראַטעט.

— אָ, דאַנק דיר „באָס".

דעם אָווענד האָט סטאָון מעהר נישט געהערט דעם ניגער וויינען דורך דער וואַנד. דערפאַר האָט ער איהם געהערט בעטען, הויך בעטען, באַכזאָגענדיג וועמען וואָרט נאָך וואָרט. דערנאָך האָט ער איהם געהערט זינגען קירכען־לידער, נאָכזינגענדיג וואָרט ביי וואָרט. דערנאָך איז שטיל געוואָרען. נור שפּעטער, אין דער נאַכט אַריין, האָט זיך דאָס זינגען איבערגעחזרט. צי צוליב דער שטילקייט פון דער נאַכט אָדער צוליב אַן׳אַנדער סיבה—האָט זיך דאָס זינגען דערהערט נישט נור שאַרפער, נור עס איז געווען ווייטאָגדיגער. סטאָון איז נישט געשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט אויפגענומען אין זיין נשמה יעדען רויש, וואָס האָט זיך געהערט פון דער צווייטער זייט וואַנד.

סטאָון האָט קיינמאָל נישט געקלערט וועגען דעם פּראָבלעם פון גאָט. גאָט איז געווען ביי איהם, ווי ביי אַלע אַנדערע זיינס גלייכען מענשען—אַ זאַך, וואָס עס איז דאָ, ווען מען בעדאַרף עס, ווען מען בעדאַרף עס נישט—איז עס נישט דאָ... געבעטען האָט ער אויך קיינמאָל נישט, אַ חוץ אין זיין קינדהייט, געצוואונגענערהייט אָדער פאַר בעצאָהלט. ער האָט קיינמאָל נישט געפיהלט דאָס בעדערפעניש צו בעטען, כאָטש ער האָט בעלאַנגט, צייט ער האָט זיך משדך געווען מיט די קעניגסבערג׳ס, אַלס אַ וויכטיגער מיטגליד אין דעם טעמפּעל, פון וועלכען זיין שווער איז „פּרעזידענט", און זעהר זיך פערדינט געמאַכט פאַר דעם ראַבינער. עס איז איהם גוט געגאַנגען און ער האָט נישט געפיהלט דאָס בעדערפעניש צו בעטען. צייט ער געפינט זיך אין דעם אומגליק, זוכט ער אַ וועג צו גאָט ער זאָל בעטען און ווייסט נישט ווי אַזוי צוצוקומען דערצו, זיין האַרץ האָט נישט געפונען קיין תפילה אויסצודריקען זיין געבעט. די פּאָר איינצעלנע העבּרעאישע ווערטער, וועלכע ער האָט געדענקט פון דאַוונען, האָבען זיך געוואַלגערט אין זיין זכרון, ווי אומנוצליכע שמאַטעס. ער האָט זיי נישט פערשטאַנען און נאַכגעזאָגט זיי ווי אַ טאַליסמאַן. זיי האָבען נישט געשטילט דעם דורשט פון זיין בעטענדורשטיגער נשמה. ערשט יעצט, דערהערענדיג דאָס האַרצרייסענדע געזאַנג פון דעם יונגעל דורך דער וואַנד—האָט ער פערשטאַנען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און זיין האַרץ האָט זיך אויפגעעפענט. ער האָט זיך אַראָפּגע-

לעגט אויף דער ערד און זיין פּנים איינגעגראָבען אין דער פּאָד־לאָגע און מיטגעבעטען:

— גאָט, ראַטעווע דאָס יונגעל! גאָט, ראַטעווע דאָס יונ־געל! — האָט ער געברומט פאַר זיך, איבערחזר'נדיג דעם זאַץ אַהן אַ שיעור מאָל.

און אַ וואונדער: די איינפאַכע ווערטער האָבען געשטילט דעם דורשט פון זיין נשמה און ער האָט זיי געטרונקען, ווי אַ פערהלש־טער דורשטיגער.

ער ווייסט נישט ווי לאַנג ער איז געלעגען אַזוי אויף דער ערד. ער איז געלעגען ביז אויף דער צווייטער זייט וואַנד איז שטיל געוואָרען. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען זיך צו דרעהען איבער זיין קאַמער אַהין און צוריק, ביז זיין קערפּער איז בעפאַלען אַ מידקייט און ער האָט זיך געוואָרפען אויף זיין בעט.

צומאָרגענס, אויפ'ן צווייטען טאָג, ביים וואַשען זיך, האָט ער שוין דערהערט די נייעס:

דעם גובערנאַטאָרס „פּאַרדאָן" איז נישט געקומען.

— עס האָט זיי גענומען נור אַכצעהן סעקונדען, — האָט איינער געזאָגט.

— אַ גוטער עלעקטריקער — האָט אַנ'אַנדערער צוגעזאָגט.

— דער יונגעל האָט געשמייכעלט די גאַנצע צייט. ווען זיי האָבען איהם שוין דאָס קאַפּעל אָנגעטהון אויפ'ן קאָפּ — האָט ער נאָך גע̇גלויבט, אַז דער „פּאַרדאָן" קומט, — האָט ווער דערצעהלט.

סטאָון, כאָטש דערפיהלענדיג דאָס, וואָס איז געשעהן, שוין פון פריהער, איז בלייך געוואָרען. זיין האַרץ איז שטיל געבליבען און ער האָט געציטערט מיט די ליפּען:

— ווי אַזוי נעהמען זיי זיך דאָס רעכט, וואָס בעלאַנגט צו גאָט!

15

עס איז געווען, ווי די וועלט אין דרויסען האָט פערגעסען אָן איהם. זייט סטאַון האָט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבען די אַפּעלאַציע און אויך אָנצושרייבען אַ פּעטיציע צום גובערנאַטאָר וועגען אַ „פּאַרדאָן", זיינען די אַדוואָקאַטען אָפּגעפאַלען פון איהם. זיין פריינד גאָלדשמידט איז נאָך געווען ביי איהם איינציגע מאָל און האָט אים געוואָרענט איבער דעם געפעהרליכען שפּיל מיט זיין לעבען, מיט זיין פערלאָזען זיך אויף זיין פרוי'ס באַרמהערציגקייט. אָבער ער האָט גאָרנישט גע'פועל'ט. סטאַון איז האַרטנעקיג געבליבען ביי זיין בעשלוס, אַז זיין פאַמיליע האָט דאָס איינציגע רעכט צו בעשטימען, צי ער זאָל בלייבען לעבען, אָדער ער זאָל שטאַרבען. געזעהן, אַז ער קאָן גאָרנישט מאַכען מיט סטאַונ'ען, איז ער אויך אָבגעפאַלען און מעהר זיך נישט בעוויזען.

סטאַון האָט נישט געוואוסט, אויב דרויסען ווערט עפּעס געטאָן פאַר אים, אָדער נישט; אויב אימיצער זעהט זיך מיט זיין פרוי און בעמיהט זיך צו ווירקען אויף איהר, אָדער מען האָט טאַקע גאָר אין גאַנצען פערגעסען אָן איהם. מען קען נישט זאָגען, אַז עס איז איהם גאַנץ גלייך געווען. צוערשט, איידער ער האָט איבערגעלעבט דעם ניגער „רעפּ׳ס" טויט, איז ער געווען מעהר גלייכגילטיג צו דער פראַגע (זיין אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט פאַר אַזאַ לאַנגע צייט, אונטער אַזעלכע בעדינגונגען, ווי שווערע תפיסה, איז דאָס זעלבע ווי דער טויט, און אפשר נאָך ערגער, האָט ער זיך געזאָגט). יעצט אָבער, נאָך דעם ניגער'ס טויט, האָט זיך אַרויסגע-

מיזען, אַז די גלייכגילטיגקייט צו זיין גורל האָט נישט געשטאַמט דערפון, וואָס עס איז איצט איהם נישט אָנגעגאַנגען זיין לעבען, נור דאָס טיעף אין האַרץ האָט ער געגלויבט, אַז ער וועט נישט שטאַרבען. טיעף אין האַרץ איז ער געוועזן איבערצייגט, אַז מען וועט איהם נישט לאָזען טויטען. יעצט, נאָכ'ן טו'ט פון דעם ניגער, האָט איהם אַרומגעכאַפּט אַ מורא'דיגע שרעק: פונקט אַזוי ווי דעם ניגער, וועט מען איהם שלעפּען צום „עלעקטריק=טשער”. ער האָט איצט ריכטיג בעגריפען די גאַנצע גרויזאַמקייט, וואָס עס שטעהט איהם פאָר, אָפּגעמעקט צו ווערען פון די לעבעדיגע אייף אייביג, אויף אייביג. און זיין גאַנץ בלוט, זיין גאַנצע ענערגיע, זיין לעבענס=שטראָם האָט זיך ווידער געוועקט און פּראָטעסטירט געגען דעם, און געזוכט אַ רעטונג.

אָבער אַן'אַנדער קראַפט איז אויפגעשטאַנען אין איהם, וואָס איז שוין געוועזן שטאַרקער פון זיין לעבענס=בעגעהר — די קראַפט פון אינערליכער גערעכטיגקייט האָט בעהערשט זיין גאַנצען וועזען. — „הייסט עס, אַז עס מוז זיין אַזוי... אַזוי איז געוועזן דער גורל, װאָס האָט געפיהרט צו דעם, און איך מוז זיך אונטערוואַרפען”.

די אַלע געפיהלען זענען נישט געוועזן ביי איהם קלאָר. זיי האָבען געאַרבייט אין געהיים, אונטער פערשטעלטע שלייערס, אָהן דעם ווילען, אָהן דעם וויסען, אָהן דער מיטבעטייליגונג פון סטאַוּ־נען אַליין. וואָרום זייט דעם ניגער „רעפּ'ס” טויט, איז געקומען איבער איהם אַ רעזיגנאַציע, וואָס האָט איהם אינגאַנצען בעהערשט. ער האָט דערזעהן דעם כח פון בעשערטען גורל, געגען וועלכען עס איז אונמעגליך צו קעמפען, און ער האָט זיך אונטער איהם אונטערגעוואָרפען מיט אונטערטעניגקייט.

געגען דעם בלינדען כח פון בעשערטקייט האָט זיין אינער־ליכער לעבענס=בעגעהר געזוכט אַ שוץ אין אַ קראַפט, וואָס סטאָון האָט ביז איצט נישט פערשטאַנען און נישט געגלויבט אין איהר עקזיסטענץ — אין גאָט.

זייט „רעפּ'ס” טויט האָט דאָס פּראָבלעם פון גאָט זעהר בע־שעפטיגט סטאָוּנ'ס געדאַנק. „ווער בעשטימט דעם גורל פון מענ־שען?” — האָט ער זיך געפרעגט — „גאָט!” — האָט ער זיך געמוזט

ענטפערען: „וואָס איז גאָט? וואו איז גאָט?" דער מוח, וואָס איז געוואוינט געווען אָפּצוּוועגען זאַכען, וועלכע זענען בנמצא, האָבען נישט געקענט בעגרייפען גאָט.

דער יונגער ראַבינער, וועלכער איז אַרויסגעקומען יעדען שבת נאָך סינג סינג, און האָט בעגלייט די יודישע צום טויט-פערורטיילטע אויף זייער לעצטען וועג, אָנגעטהון אין אַ טלית מיט אַ ביכעל אין דער האַנט, איז נישט אימשטאַנד געווען אין די וועגען פון סטאָונ'ס מאַרך, וואו די ניכטערקייט האָט אויסגעשטיינערט, צו פערזייהען דעם וואונדער-גראָז, וואָס הייסט „גאָט". נישט מיט מאָראַל-פרעדיגען, נישט אפילו מיט שטראָף און בעלוינונג אויף יענער וועלט, איז ער געווען אימשטאַנד סטאָונ'ען נעהנטער צו ברענגען צו גאָט.

נור דאָס, וואָס דער מוח האָט נישט פערשטאַנען, האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבען צו פיהלען. אין האַרצען זענען שוין לאַנג געוואַקסען (און איצט האָבען זיך פונאַנדערגעבליהט) אַזעלכע געפיהלען, וואָס סטאָון האָט קיינמאָל נישט געקענט און וואָס האָבען איהם אין זיין יעצטיגער פערצווייפעלטער לאַגע געבראַכט טרייסט אין רוח. זיי האָבען איהם זיכער געמאַכט אין זיך, זיי האָבען איהם אונטערגעהאַלטען ווי מיט אייזערנע שטאַנגען. סטאָון איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס ער טהוט, איז גוט, אַזוי בעדאַרף עס זיין. דאָס האָט איהם רוהיג געמאַכט, נישט נור אויף איצט, נור אויך אויף שפּעטער. דאָס האָט איהם געגעבען די רוהיגקייט, צוליעב וועלכער ער האָט זיך געקענט האַלטען. „אַ מענש דאַרף טהון, וואָס עס איז ריכטיג. דאָס איבעריגע וועט שוין קומען פון זיך אַליין".

„וועלען זיי מיך לאָזען שטאַרבען—מכתמא בעדאַרף דאָס אַזוי זיין. איז עס בעסער פאַר מיר און בעסער פאַר זיי דרויסען. דאָרט, אין דרויסען, ווייסען זיי בעסער, וואָס זיי זאָלען טהון. געוויס האָבען זיי זיך עס גוט איבערלעגט און אויסגעפונען, אַז עס איז בעסער, אַז איך זאָל שטאַרבען!"

נישט נור אויף דער פרוי, נור אפילו אויף זיין שונא, אויף מיסטער קראָז, האָט ער נישט מעהר געפיהלט קיין שנאה, און געהאַט צוטרויען צו איהם. דער געדאַנק, וועלכער האָט איהם שטענ-

דיג אַזוי געפּייניגט, אַז נאָך זיין טויט וועט סילווע חתונה האָבען מיט קראָז'ן, און ער וועט פערנעהמען זיין אָרט, זיין וואוינונג, זיין פאַמיליע און די שטעלונג אין זיין באַנק — אפילו דער געדאַנק האָט איהם אויך נישט געקענט מעהר אַרויסברענגען פון גלייכגע־וויכט. „נו, וואָס איז, וואָס? זיי האָבען זיך ליעב. איך וועל שוין נישט זיין, און א־יב איך האָב נאָך א געפיהל צו איהר, דאַרף איך צופריעדען זיין. געוויס בין איך צופריעדען דערפון."

„ער וועט ווערען דער פאָטער פון דיין קינד!" — האָט ווער אינעווענינ אין איהם געפּרובט זיך בונטעווען. נור סטאָון האָט שוין מייסטעריש בעהערשט זיינע געפיהלען.

„ער האָט דאָס קינד שטענדיג ליעב געהאַט. ער וועט זיין א גוטער פאָטער פאַר'ן קינד".

„דיין נאָמען וועט קיינמאָל נישט דערמאָנט ווערען פאַר'ן קינד".

„איז בעסער אַזוי. זי וועט זיין גליקליכער דערמיט".

און אַ וואונדער: ער איז גאָרנישט מעהר אויפגעבראַכט געוואָרען, נישט מעהר אַרויסגעקומען פון זיין גלייכגעוויכט איבער די געדאַנקען. פערקעהרט — עפּעס אַ בערוּאַלטענע הנאה האָט געזעטיגט אַנ'אונפערשטענדליכען געפיהל איבער די געדאַנקען. ער האָט ליעב בעקריגען זיך זעלבסט אַ הנאה צו טהון מיט די געדאַנקען, אין וועלכע ער האָט געזעהען קלאָר און דייטליך, ווי זיין שונא הערשט אין זיין הויז, ווערט דער מאַן פון זיין פרוי, דער פאָטער פון זיין קינד, דער באַלעבאָס פון זיין געשעפט. און ער, סטאָון, וואו איז ער? ער איז נישטאָ, ער איז אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט פון דער ערד. אַ בינטעל ביינער פוילען ערגעץ אין דער ערד.

„אַזוי בעדאַרף עס זיין און אַזוי מוז עס זיין".

גאָרנישט האָט ער שוין געהאַט מעהר אין זיין לעבען. אָפּגעזאָגט זיך פון זיין פרוי, פון זיין קינד, פון זיין היים, אפילו פון זיין לעבען. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער שטעהט אַ נאַקעטער איינער אליין אין דער וועלט. עס האָט ווער אויסגעטאָן פון איהם זיינע קליידער און ער שטעהט אַזוי ווי די מוטער האָט איהם געבוירען. גאָרנישט פערמאָגט ער מעהר, אפילו נישט דעם מאָרגענדיגען טאָג. די טרערען האָבען זיך איהם געגאָסען פון די אויגען, דער־

קענדיג וועגען דעם, און ער האָט זיך אַליין געזאָגט:

„גאָט, ווי נאַקעט און אָרעם איך בין.“

און אַ וואונדער: סטאָון איז נישט טרויעריג געוואָרען דערי־בער. פערקעהרט, אַ גרויסע פרייד האָט איהם אַרומגענומען, און ער האָט געפיהלט ווי אַ דאַנק אויסצוג ס[illegible]ן גאָט דערפאַר:

„גאָט, איך בין נאַקעט און אָרעם, זיי געלויבט.“

אין דעם, ווי ער שטעהט אַזוי, דאַכט זיך איהם, אַז ער איז ערשט געבוירען געוואָרען. די מוטער האָט איהם ערשט געבראַכט אויף דער וועלט. ער זעהט זיין מוטער׳ס פנים. ער זעהט זי אַזוי בעשיינפערליך, אַזוי ווי זי וואָלט דאָ געקומען פון איינעם פון די טונקעלע ווינקעלעך פון קאַמער. זי איז אויך נאַקעט. „האָט איהר ווער אויסגעטהאָן די קליידער און זיי אַוועקגענומען?“ ער זעהט איהר געזיכט, איהר געל. פאַרמעט פנים. עס איז שוין איצט נישט, קיין פנים. עס איז אַ סקעלעט, איבערגעצויגען מיט אַ געלער הויט נור איהרע אויגען זיינען גרויס און פינקעלדיג און שוואַרץ, אז זיי זיצען טיעף, טיעף אין די אויגען־לעכער, ווי זיי וואָלטען דאָרט געפאַנגען געווען. איהר גאָמבע איז איינגעשרומפען און איהר מויל איז פערקרימט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען געוויינט. איהר האַלז איז איינגעשרומפען — אַ בינטעל מיט בלויע איינגעשרומפענע אָדערען, און איהרע בריסטען זיינען איינגעשרומפענע, לאַנגע, אַראָפּהענגענדיגע טאָרבעס. ער געדענקט, אַז ער האָט שוין אַמאָל אַזוי געזעהן זיין מוטער, ווען ער איז אַ קינד געווען. און איהם דאַכט זיך, אַז ער איז צוריק אַ קינד געוואָרען. ער איז קליין געוואָרען. און פּלוצים פיהלט סטאָון אין האַרצען אַ גרויסע פרייד — ער פרעהט זיך, וואָס ער האָט אַ מוטער. „די מוטער וועט מיר קיינער קיינמאָל נישט קענען אַוועקנעהמען“ — רופט זיך אָפּ אין איהם אַ ניכטערער געפיהל. „איך בין דאָך פון איהר געבאָרען געוואָרען און צו איהר געה איך צוריק“... און איהם דאַכט זיך, אַז ער געהט צוריק, צוריק, ער איז שוין גאָר, גאָר אַ קליין קינד, און — ער לעגט אַוועק זיין קאָפּ אויף דער מוטער׳ס ברוסט און ווערט אַנטשלאָפען.

אַזוי איז ער געשלאָפען די רעשט נאַכט, אָנלעהענענדיג זיין קאָפּ אויף... דעם שפּיץ בעט.

צומאָרגענס האָט מען איהם געפֿיהרט אין „וואַרדענס" ביוראָ. דאָרט האָט געוואַרט אויף איהם זיין אַדוואָקאַט גאָלדשמידט.

— איך דאַנק דיר, וואָס דו ביסט געקומען מיך זעהן, — האָט סטאָון מיט פרייד געזאָגט.

— איך בין דיר געקומען זאָגען, אַז מיסיס סטאָון טהוט אַלצדינג צו ראַטעווען דיין לעבען. זי איז געווען אין אַלבאָני. זי האָט זיך געזעהן מיט'ן גובערנאַטאָר און מיר האָבען כמעט די פערשפּרעכונג פון דיין באַגנעדיגונג...

סטאָון האָט זיך געגעבען אַ וואַקעל פאַר שוואַכקייט, בּלייך געוואָרען און אויסגעשטרעקט די הענט צו זיין אַדוואָקאַט.

— איז עס אמת! סילוויע — אָ, גאָט! און ער האָט זיין פנים פערשטעלט אין זיינע הענד.

— נאָר דו ווייסט דאָך דעם פערשאָלטענעם מנהג, — זיי וואַרטען ביז דער לעצטער מינוט, דורך דעם —

סטאָון האָט איהם נישט געלאָזט אויסרעדען.

— איך ווייס.

דאן האָט ער איהם געקוקט לאַנג און פאַרשענדיג אין די אויגען אַריין.

— ביזט מיר געקומען איינגעבען שלאָף־געטראַנק. איך האָב עס דעם אנדערען טאָג געטהון מיט א פריינד מיינעם, דעם ניגער „רעפּ".

גאָלדשמידט איז אויך בּלייך געוואָרען.

— וואָס פֿאַלט דיר איין. אָ, סטאָון, פֿערליר נישט דעם מוט.

— קיינמאָל נישט. איך דאַנק די געלעגענהייט, וואָס האָט מיך געבראַכט איבערצולעבען דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, און צו וויסען יעצט דאָס, וואָס איך ווייס.

— וואָס מיינסטו?

— עס איז אַ אינערליכע זאַך און מיט ווערטער וועסטו עס נישט אַרויסבּרענגען. נאָר איין זאַך וויל איך דיר זאָגען, גאָלד־שמידט: מיר האָבען נישט געלעבט גוט. דאָס, וואָס עס איז גע־שעהען, האָט געמוזט געשעהען. דאָרט, אין דרויסען, לעבט איהר נישט גוט, אַנטלויף, גאָלדשמידט. עס ראָט דיר אַ גוטער פֿריינד, וואָס דאָס דאָזיגע לעבען האָט איהם געבראַכט צו דעם שטאַנד, וואָס דו זעהסט איהם. אַנטלויף, גאָלשמידט. געה אויף אַ פֿאַרם — טהו עפּעס אַנדערש, נאָר אַנטלויף. אָ, ווען איך וואָלט איצט געהאַט די געלעגענהייט אָנצוהייבען אויפסניי — וואָלט איך געוואוסט, וואָס איך האָב צו טהון.

— אָבער דו וועסט אָנהויבען, אַלטער פֿריינד, דו וועסט אָנ־הויבען. דיין לעבען איז גערעטעט. דיין ווייב, מיסטער סטאָון, טהוט אַלצדינג דיך צו ראַטעווען.

— שפּיל דיך נישט מיט מיר, איך בעט דיך. זאָג מיר דעם אמת.

— איך זאָג דיר דעם אמת.

— און פֿאַרוואָס איז זי מיך נישט געקומען זעהן?

— וואָס ווילסט דו? אין דעם צושטאַנד, אין וועלכען דו גע־פֿינסט זיך און זי אויך, — זי איז דאָך נאָר אַ פֿרוי.

— איך פֿערשטעה. הער אויס, גאָלדשמידט, זאָג איהר, איך בעט דיך, אין מיין נאָמען, זאָג איהר, איך האָב גאָרנישט געגען איהר. דאָס, וואָס ס'איז געקומען, האָט געמוזט קומען — איך האָב געגוג צייט געהאַט איבערצוקלערען דאָרט, דרינען, דורך די לאַנגע נעכט — עס איז געקומען, וויל עס האָט געמוזט קומען. דאָס לע־בען איז געווען אַזעלכעס, וואָס האָט געפֿיהרט צו דעם. עס איז נישט איהר שולד. ביי גאָט — נישט איהר שולד. עס האָט געמוזט אַזוי זיין, איך האָב גאָרנישט געגען איהר. פֿערזיכער איהר, איך

בעט דיך, אַז איך האָב נישט ערוואַרט פון איהר, אַז זי זאָל בע-
טען פאַר מיר דעם גובערנאַטאָר. איך בין עס נישט ווערט. האָט
זי געבעטען פאַר מיין לעבען — איז עס אַ געשאַנק פון איהר.
האָט זי נישט געבעטען — איז בעסער אַזוי פאַר אונז אַלע. און
איהם זאָג אויך, יאָ, איהם אויך, ביי גאָט איהם אויך, דו הערסט,
גאָלדשמידט, איך בעט דיך, זאָג קראָז'ן, אַז איך האָב גאָר נישט
געגען איהם און איך דענק, אַז ער איז דער ריכטיגער מאַן פאַר
איהר, ווען עס וועט אויסקומען, דו פערשטעהסט. עס וועט זיין
פאַר'ן קינד בעסער. דאָס קינד קען איהם, און איך ווייס, אַז ער
וועט זיין גוט צום קינד. דאָס איז אַלעס, וואָס איך האָב געוואָלט
זאָגען. דאַנקען גאָט!

— אָ, סטאָון, אָבער דו ביזט אָך געראַטעט, איך פערזיכער
דיר, אַז דו ביזט געראַטעט. אַז, אַפּילו זיי וועלען דיך נעהמען
צום שטוהל — האָב קיין אַנגסט. דו קענסט דאָך זייער פערשאָל-
טענעם מנהג.

— איך קען, איך ווייס. דאַנק — דאַנק, גאָלדשמידט, פאַר'ן
גוטען וואָרט.

און דורך די שטאַכעטען האָט ער איהם די האַנד דערלאַנגט.

— סטאָון, איך בעט דיך, גלויב מיר! — האָט גאָלדשמידט
אויסגעשריען.

— איך ווייס, — איך ווייס. „גוד-ביי", גאָלדשמידט. געדענק
מיינע לעצטע ווערטער — אנטלויף, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך
דאָ צייט.

און די גוטע פריינד האָבען זיך צושיידט.

נאָר סטאָון, נאָך אומקוקענדיג זיך, האָט דערזעהן גאָלד-
שמידט'ן שטעהן, ווישענדיג זיך די אויגען.

נאָכ'ן געשפּרעך מיט גאָלדשמידט'ן האָט דער „וואַרדען"
געפרעגט סטאָונ'ען:

— ווילסט דו נישט זעהן דעם ראַבּינער?

— איך דענק, אַז נישט, „וואַרדען". איך בין פערטיג, —
האָט סטאָון אָבגעעוטפערט שמייכלענדיג.

נאָך אין דעם זעלבען אָוועגד איז דער ראַבּינער געקומען

צו איהם מיט אַ סידור אין האַנד און ביי איהם געפרעגט מיט אַ רחמנות־פּנים:

— האָסט דו מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגען, סטאָון?

— איך בין פערטיג.

— קאָן איך גאָרנישט טהון פאַר דיר, סטאָון?

— יאָ, זאָג מיר, איך בעט דיך, — איז סטאָון׳ען איינגע־פאַלען, ווייזענדיג אויפ׳ן בוך, וואָס דער ראַבינער האָט געהאַלטען אין דער האַנד — איז דאָס אַ געבעט בוך, אין וועלכען אַלע יו־דישע פרומע פרויען בעטען?

— יאָ, דאָס איז אַ געבעט־בוך, אין וועלכען אַלע יודען דאַוונען.

— מיש מיר אויף, איך בעט דיך, די תפלה, וועלכע אַלטע יודישע פרויען בעטען פאַר זייערע קינדער.

דער ראַבינער האָט איהם אויפגעמישט.

— איך דאַנק דיר, און איצט לאָז מיך אַליין. מאָרגען אין דער פריה וועל איך דיך אפשר בעדאַרפען.

— איך וועל שטעהן ביי דיין זייט און נישט אָבטרעטען פון דיר, ביז צו דער לעצטער מינוט.

— איך דאַנק דיר, ראַבינער.

אַז סטאָון איז געבליבען אַליין, האָט ער אויפגעעפענט דאָס בוך, דאָרט וואו דער ראַבינער האָט איהם געהאַט אויפגעמישט, און אַוועקגעלעגט זיין קאָפּ דערויף.

אַז ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, האָט זיך צו איהם ווידער בעוויזען די אַלטע איינגעשרומפּטע פרוי. זי איז געקומען אַרויסצו־קריכען פון דעם פערהוילטען ווינקעל, ווי נעכטען, אַ נאַקעטע, און ער איז צוריק ווידער אַ קליין קינד געוואָרען און האָט איינגעשלו־מערט אין איהר׳ע ברוסטען אַ גאַנצע נאַכט, ביז מען איז געקומען איהם וועקען צום טויט. די אַלטע, נאַקעטע פרוי, האָט שוין נישט אָבגעטרעטען פון איהם ביז צו דער לעצטער מינוט, זי איז מיט־געגאַנגען הינטער איהם. און ווען מען האָט איהם אויפ׳ן שטוהל

אוועקגעזעצט, האָט זי זיך געשטעלט הינטער איהם און גענומען זיין קאָפּ אין איהרע ברוסטען אריין, און אזוי איז ער איינגעשלאָפען אין זיין אייביגען שלאָף...

צומאָרגענס אין דערפריה האָבען די צייטונגען אויספיהרליך בעשריבען סטאָונ׳ס טויט. אַלע האָבען נישט פערפעהלט מיטצוטיילען, אז סטאָון איז געגאַנגען צום „עלעקטריק־טשער" מיט פעסטע טריט, האַלטענדיג אין דער האַנד דעם ראַבינער׳ס ביכעל און קוקענדיג ערגעץ ווייט מיט די אויגען. אַלע האָבען געריהמט זיין מענליכקייט און זיין האַלטען זיך.

— ער איז ג שטאָרבען, ווי אַ דזשענטעלמען — האָבען די צייטונגען געשריבען וועגען איהם.

באַלד האָט מען איהם פערגעסען.

נאָר נאָך איין מאָל האָט מען סטאָונ׳ס נאָמען דערמאָהנט צווישען לעבעדיגע, און דאָס איז געווען אין אַ צייט אַרום, אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייעס, וואָס די צייטונגען האָבען געבראַכט וועגען דער אלמנה פון דעם טויטען מערדער סטאָון: אַז די אַלמנה האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט פאַר מיסטער קראָז.

ביי דער געלעגענהייט האָבען די צייטונגען נאָכאַמאָל בעשריבען סטאָונ׳ס טראַגעדיע אויספיהרליך, דע־פאַר ווייל עס איז געווען אַ אינטערעסאַנטער לעזע־שטאָף.

דאַן איז סטאָונ׳ס נאָמען פערגעסען געוואָרען אויף אַלע אייביקייטען.